STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 03290

FUN FRAYNT TSU A FRAYNT

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון פריינט
צו אַ פריינט

אַ מתנה הערי בערגער׳ן
צו זיין 50טען געבורטסטאג

רעדאקציאָנס קאָלעגיום
דר. ל. קעסנער
ד. בראַגינסקי מ. שאפירא
ס. טראַכטמאַן

ארויסגעגעבען פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג אין פילאדעלפיא.

אָקטאָבער, 1936

אינהאַלט

דר. ל. קעסנער — איינלייטונג 5

אב. קאהאן — מיר מאַרשירען אין דער זעלבער ריכטונג 12

ב. וולאַדעק — מיר טראַכטען פון איהם שטענדיג 13

אברהם ליעסין — בערגער אַלס מענעדזשער פון דער „צוקונפט" 15

אדאָלף העלד — א יום־טוב פאר דער „פאָרווערטס" משפחה 16

אברהם רייזען — מיין פריינד און קרוב הערי בערגער 17

שלום אש — א פריינד און חסיד פון דער אידישער ליטעראַטור.......... 19

הלל ראָגאָף — ער האָט אונזערע ערוואַרטונגען מעהר ווי ערפילט 20

ל. וואַלדמאַן — לאָיאַליטעט און געטרייע חבר'שאַפט 21

דזשאָרדזש דזשייקאָב פּענקין — איך קען ניט זיין קאַלט צו בערגער'ן 22

דזשעימס אָניעל — א פּלאַץ אין דער גרויסער מענשליכער מלחמה 24

ב. י. ביאַלעסטאָצקי — פופציג יאָהר (ליד) 25

נ. כאַנין — מיין ערשטע באַגעגעניש מיט'ן יובילאַר 26

ר. גוסקין — א גענעראַל און א סאָלדאַט 28

סאַול ריפקין — איך פרעה זיך מיט זיינע ערפאָלגען 29

ב. געבינער — בערגער דער באַוועגונגס מענש 30

פיליפּ בלאַק — איינער פון די וויכטיגסטע טהוער 32

מאָרים ה. פיינסטאָון — יאָהרען פון נוצליכען לעבען און ווירקען 33

ש. מ. לעוויטאַס — הלואי האָבען מיר אַסך בערגערס 34

ח. ש. קאַזשדאַן—ש. מענדעלסאָן — מיר זיינען געבונדען מיט איין אידעאַל.. 35

י. אדלער — עס איז א סוד (ליד) 36

ל. פאָגעלמאַן — אַן אמת'ער דזשענטעלמאַן 39

לעאָן גאָטליעב — מיין וואונש צום יובילאַר 40

ב. באָטווינ‏יק — די פאָטאָגראַפיע פון א נשמה 41

חיים עהרענרייך — מיר דארפען בערגער'ן אין ניו יארק 43
עליאס רייזבערג — אין דינסט פון אונזער קאמף 44
נ. זאלאוויץ — „לאיף בעגינס עט פארטי" 45
יעקב רייך — בערגער'ס ספעציעלע אייגענשאפט 47
ה. ס. בערענשטיין — ניט לייכט איז דער וועג פון די בערגערס 48
ב. מיימאן (בן ציון) — א געלונגענע דריי־אייניגקייט 49
ל. ראטהמאן — ווי אזוי ער איז מפורסם געווארען 50
ב. פרישוואסער — וואס זיינע מינסקער לאנדסלייט דערצעהלען 51
ח. פופקא — דער אדרעס פון דער באוועגונג אין פילאדעלפיא 53
י. לעוויט — איך האב מיר איהם פארגעשטעלט אסך עלטער 54
דזשאזעף ראבינאוויץ — פון זיינע מינסקער לאנדסלייט 56
א. ל. שניאור — וואס פילאדעלפיא האט געפונען אין בערגער'ן 57
מ. שאפירא — צוועלף יאהר אין פילאדעלפיא 60
סיימאן ליבראם — זיין ראלע אין דער סאציאליסטישער באוועגונג אין פילא... 74
דר. דזש. ק. דזשאפע — בערגער האט געראטעוועט אונזער קולטור צענטער.. 76
דוד בראגינסקי — בערגער און די פילאדעלפיער יוניאנס.............. 81
דר. מ. וו. ליאף — זיין הארטקייט איז ניט פון ביליגען מעטאל 85
משה לעווינסאן—געשאפען א בריק צווישען אידישע סאציאליסטען
און די אידישע מאסען 87
דר. דזשאזעף א. לענגבארד — דער פילאדעלפיער טאטע פון „ארט"........ 88
נעמען פון ארגאניזאציעס וואס האבען מעגליך געמאכט ארויסצוגעבען
דעם דאזיגען בוך 92
ס. טראכטמאן — א דאנק 95
אראנדזשמענט קאמיטע 96
אב. קאהאן — ווען אן אימיגראנט באזוכט זיין געבורטס־ארט 99
הערי בערגער — א רייזע דורכ'ן גיהנם 101

גערדרוקט ביי
מיד-סיטי פרעס
9טע און ספרוס סטס.
פילאדעלפיא
20

איינלייטונג

די דאָזיגע זאַמלונג אַפּשאַצונגען און באַגריסונגען איז אַ מתנה פון פריינט צו אַ פריינט, צו דער געלעגנהייט פון זיין דערגרייכען אַ וויכטיגען מייל־שטיין אויפ׳ן וועג פון זיין לעבענס־אַרבייט.

אַ בוך מיט אָפּשאַצונגען—דאָס איז, דאַכט זיך, די שענסטע מתנה וואָס מ׳קען אַנטקעגענטראָגען אַ געזעלשאַפטליכען פיהרער און טהוער.

ווייל וועגען געזעלשאַפטליכע טהוער, מענשען פון דער פאָלקס־טריבונע, קען מען אין אַלגעמיין זאָגען דאָס זעלבע, וואָס אַ גרויסער דיכטער האָט געזאָגט וועגען די קינסטלער פון דער ביהנע: „פאַר זיי פלעכט ניט די נאָך־וועלט קיין לאָרבער־קרענץ“. זיי לעבען זיך אויס אין דער געגענוואַרט. זייער ווירקונגס קרייז איז זייער אייגענע צייט און זייער אייגענע סביבה.

אָבער דער זעלבער גרויסער דיכטער האָט אויך געזאָגט: „ווער ס׳האָט צופרידענגעשטעלט זיין אייגענע צייט, האָט געלעבט פאַר אַלע צייטען“. דאָס גוטע פון היינט האָט אַ ווערטה אויך פאַר שפּעטער, און עס פאַרדינט פאַרצייכענט צו ווערען אין בוך פון מענשליכען שטרעבען און דערגרייכען.

לאָמיר שרייבען ביכער, וואָס מעהר ביכער, וועגען לעבעדיגע מענשען און זייערע טהעטיגקייטען. גענוג אָנגעזאַמעלט ביכער וועגען טעאָריעס, וועגען אַבסטראַקטע מאַרך־ספּעקולאַציעס, לאַנגווייליגע רעפלעקסיעס וועגען נעכטען און פאַלשע נביאות׳ן וועגען מאָרגען. שוין צייט אָפּצולאָזען אויף אַ ווייל די „מענשהייט“ און זיך אַ נעם טאָהן צום מענשען.

איך האָב דאָס נאָך קיינמאָל ניט געפיהלט אַזוי שטאַרק ווי היינט. מיר לעבען אין אַ צייט, אויף וועלכער מ׳קען באמת אָנווענדען דאָס אַלט־רוימישע פּעסימיסטישע וואָרט: „האָמאָ האָמיני לופּוס“—איין מענש צום צווייטען איז אַ וואָלף. די טענדענץ פון „טאָטאַליטאַרישען שטאַאט“, פון דער פאָלשטענדיגער אונטערדריקונג פון יחיד מיט אַלע זיינע פּערזענליכע באַציהונגען און נייגונגען, פאַרשפּרייט זיך מיט אַ מורא׳דיגער שנעלקייט אַלץ ווייטער און ברייטער. ענגער און ענגער ווערט דער קרייז פון די וואָס גלויבען נאָך אין מענשליכען זעלבסט־ווערטה, אין פּערזענליכער מענשליכער חשיבות.

איך בין אויך איינער פון אָט דעם ענגען קרייז, צו וועמען די מגפה פון מענש־פאַרלייקענונג איז נאָך ניט צוגעקומען. פאַר מיר איז יעדער מענש אַ רייכער

מאטעריאל פאר א בוך, א מאטעריאל, וואס די גרעסטע בעלעטריסטען האבען נאך ניט אויסגעשעפּט. ווער רעדט שוין, ווען א מענש איז ניט נאר א מענש פאר זיך, אין זיינע אייגענע ד׳ אמות, נאר א מענש מיט העכערע השגות און מיט א ברייטערען ווירקונגס-קרייז; א מענש וואס לעבט אכציג פראצענט פון זיינע טעג און נעכט פאר און מיט אנדערע, און נאר צוואנציג פראצענט פאר זיך אליין — אזא מענשען קען איך אפּשאצען. איך האב זיך גוט צוגעקוקט צו דער ארבייט פון געזעלשאפטליכע טהוער, און איך האב געזעהען, ווי ווייניג די דאזיגע ארבייט ווערט פארשטאנען פון די „נייטראלע", פון די וואס שטעהען אויף א זייט.

איך האב בעאבאכטעט אונזער יובילאר, פריינד בערגער׳ן, ביי דער ארבייט. ער איז דער ערשטער געזעלשאפטליכער טהוער, וועמען איך האב געהאט די געלעגענהייט צו שטודירען יעדען טאג פון דער נאהענט.

ווי שווער עס איז, עפּעס ממשות׳דיגעס אויפצוטאהן אין געזעלשאפטליכען לעבען! עפּעס אזוי גיך ארגאניזירט מען אקציעס, שאפט מען צעהנדליגע טויזענטער דאלער פאר פארשידענע, געזעלשאפטליכע צוועקען? עפּעס אזוי גרינג בויט מען ארבייטער־ און קולטור־צענטרען? עפּעס אזוי גרינג פיהרט מען, דיסציפּלינירט מען, האלט מען צוזאמען די איינצעלנע, לויז־צוזאמענגעבונדענע, גלידער פון א געזעלשאפטליכען קערפּער? אפילו אין נארמאלע און הארמאנישע צייטען איז דאס אן עובדא, צו וועלכער עס פאדערט זיך מסירת נפש׳דיגע אנשטריינגונג און איבערגעבענהייט, אן אונבאזיגבארער גלויבען אין דעם אידעאל, פאר וועלכען מ׳לייגט אוועק די פיזישע און גייסטיגע כחות, און א גדולד, וואס האט גאר קיין גרעניץ ניט. און קומט נאך אמאל א צייט פון קריזיס, פון איבערברוך, ווען א צוזאמענשטויס פון מיינונגען און טעמפּעראמענטען צעטרייסעלט די יסודות פון דער ארגאניזאציע און שטעלט אין געפאהר אלץ וואס איז דארט אויפגעבויט געווארען — אין אזא צייט איז גארנישטא וואס מקנא צו זיין דעם פיהרער און טהוער, אויף וועמען עס ליגט די אויפגאבע דאס אלץ צוזאמענצוהאלטען און קאארדינירען און הארמאניזירען. עס איז א הערקולעס ארבייט — ווי קליין דער קרייז זאל ניט זיין, אין וועלכען עס קומט איהם אויס צו פארנעהמען א פיהרענדע ראלע. דער אפיציער, וואס דארף האלטען א וויכטיגע פּאזיציע אויפ׳ן שלאכטפעלד, האט פּונקט אזא שווערע אויפגאבע און גרויסע אחריות, ווי דער גענעראליסימוס, וואס דארף האלטען די גאנצע „הינדענבורג ליניע".

מיט מיינע אייגענע אויגען האב איך דאס אלעס געזעהען — טאג־אויס, טאג־איין, פיער יאהר נאכאנאנד—און ווען די פיהרער פון דער אידיש־סאציאליסטישער און ארבייטער באוועגונג פון פילאדעלפיא האבען באשלאסען צו פארשרייבען בערגער׳ס כלל־לעבען און כלל־ארבייט אין א בוך, האב איך זיך פרייוויליג אנגעבאטען צו זיין איינער פון דעם רעדאקציאנס קאלעגיום. זאל בלייבען פארצייכענט אויף שטענדיג דאס, וואס א טהעטיגער מענש האט געטאהן פאר

זיינע מיט־מענשען. זאָלען די שפּורען פון זיינע טריט און די מעשים פון זיינע טעג ניט פאַרשאָטען ווערען אונטער'ן זאַמד פון די קומענדע צייטען און פּאַסי־רונגען, ווי דאָס טרעפט, לײַדער, מיט די מעהרסטע מענשליכע אויפטהואונגען, וואָס זיינען ניט עפּאָכע־מאַכענד, ווייל זיי פּאַסירען און ווירקען אין א באַשרייַנק־טען קרייז.

אָבער אין אונזער בערגער בוך געפינט איהר ניט בלויז מיינונגען און אָפּ־שאַצונגען פון אַנדערע, נאָר אויך אַביסעל געשמאַקע פּרוכט פון בערגער'ס אייגע־נער פּען.

בערגער'ס אַרטיקלען וועגען זיין רעליעף רייזע קיין מינסק פאַרנעהמען אַרום א דריטעל פון בוך—און זיי פאַרדינען דעם פּלאַץ וואָס זיי פאַרנעהמען. אַחוץ זייער ווערט אַלס היסטאָרישער דאָקומענט, אַלס ביישטראַג צו דער אידישער גלות־געשיכטע פון דעם נאָך־מלחמה פּעריאָד, האָבען בערגער'ס אַרטיקלען אויך א שריי־בערישען און סטיליסטישען ווערט. זיי פאַרמאָגען פּשטות, קלאָרקייט, מאָס און פּראָפּאָרציע, אויך גוטע בעאָבאַכטונג; און א קראַפט צו שילדערען דאָס וואָס דאָס אויג האָט געזעהען, און עס אַוועקשטעלען לעבעדיג און אינטערעסאַנט פאַר יענעמ'ס אויגען.

אָבער דער הויפּט ווערט, וואָס בערגער'ס אַרטיקלען האָבען פאַר אונזער יובילײ־בוך, ליגט אין זייער סטיל. ס'איז דאָ אַן אַלטער כּלל: „דער סטיל איז דער מענש". אין בערגער'ס אַרט שרייבען, אין בערגער'ס סטיל, זעהט איהר דעם גאַנצען מענש בערגער, דעם קלאָר־דענקענדען און קרעפטיג־טהעטיגען בערגער, וועלכער טהוט אַלצדינג מעטאָדיש, מיט פּלאַן און אויסרעכענונג, מיט אַן אָנהויב און מיט א סוף. יעדעס וואָרט האָט א צוועק. יעדער שריט פיהרט צו א טהאַט. און דערפאַר זיינען אין די אַרטיקלען ניטאָ קיין איבעריגע ווערטער, קיין אומ־נויטיגע זאַצען, „קיין וואַסער און קיין בוימעל". די אַרטיקלען זיינען א געשרי־בענער רעקאָרד פון אַן ערפאָלגרייך דורכגעפיהרטער שווערער קהל'שער אונטער־נעהמונג, דורכגעפיהרט אויף בערגער'ס שטייגער: רוהיג, ערנסט, סיסטעמאַטיש, מיט א שטאַרקען, אָבער גוט־קאָנטראָלירטען און טאַקטפולען אימפּעט. און ווי די געטאָענע טאַט—אַזוי דאָס געשריבענע וואָרט: קלאָר, פּשוט, רייך אין וויכטיגע פאַקטען, סצענעס, און בילדער; און אַלץ פּראָגרעסירענדיג, ביז צום זיגרייך־דער־גרייכטען ציעל און שלום. און פאַר אייך שטעהט א גאַנצער בנין, א גאַנצע אָפּ־געטאָענע אַרבייט, פונ'ם ערשטען ווינקעל־שטיין ביז צום דאַך. קיין זאַך אויס־געלאָזען, און קיין זאַך צוגעטשעפּעט.

בערגער'ס אַרטיקלען זיינען א לעבעדיגע אילוסטראַציע צו אַלץ וואָס זיינע פריינד האָבען וועגען איהם געשריבען אין זייערע אָפּשאַצונגען—און דערפאַר (אָבער ניט בלויז דערפאַר) פאַרדינען זיי א ברייטען פּלאַץ אין אונזער בוך.

הערי בערגער געפינט זיך איצט אין סאמע צענטער פון זיין לעבען. זיין זון שטעהט פונקט איבער זיין קאפ און באלויכט איהם ארום און ארום. ער איז אין שענסטען זומער־חודש פון זיין קראפט און אקטיוויטעט. אבער צו 50 יאהר קען מען שוין מאכען א שעהנעם סך הכל, ווען איבער א העלפט פון די 50 יאהר איז געווען אין גאנצען געווידמעט צו טהאטען און אויפטהואונגען אין דינסט פון א גרויסער, פרעכטיגער, וועלט־ארומנעמענדער באוועגונג, אין וועלכער ער איז אריינ־געטראטען אלס וואלונטיר, און האט זיך, מיט די אייגענע כחות, ארויפגעארבייט צום ראנג פון א מיטגליד פון גענעראל שטאב. בערגער קען צוריק־קוקען אויף זיינע ערשטע 50 יאהר מיט שטאלץ און צופרידענהייט, און לעזענדיג די דאזיגע זאמלונג אפשאצונגען, דעם סך הכל פון א האלבען לעבען, וועט ער ניט דארפען רויט ווערען. זיינע פריינד האבען באמת געמיינט דאס, וואס זיי האבען וועגען איהם געשריבען. בלויז דער טאן פון דעם געשריבענעם איז ווארעם און הארציג, און ערטערווייז צוגעפארבט מיט א קאליר פון פארליבטער באגייסטערונג—ווייל אזוי פיהלען זיי וועגען איהם. אבער די פאקטען וואס זיי דערצעהלען, זיינען עהרליך און אביעקטיוו.

איך אליין האב כמעט גארנישט וואס צוצוגעבען צו דעם וואס אנדערע האבען שוין געשריבען. איך קען בערגער'ן ערשט פיער יאהר. וועגען זיין פארגאנגענהייט וויים איך ווייניג—און ס'אינטערעסירט מיך ניט. איך גריבעל זיך קיינמאל ניט אין היסטארישע שמות. פאר מיר איז גענוג, וואס בערגער איז געבוירען געווארען —דאס איז א פאקט, וועלכער האט פאר מיר א געוויסען אינטערעס, ווייל אדאנק דעם וואס ער איז אמאל, ערגעץ־וואו, געבוירען געווארען, איז ער איצט מיט מיר, אין איין אפיס און אין איין באוועגונג אין פילאדעלפיא.

צופעליג האב איך געהערט אז בערגער איז געבוירען געווארען אין מינסק, אין 1886—א וואך פאר תשעה באב, און תשעה באב איז ביי איהם געווען דער ברית—א כאראקטעריסטישער אנפאנג פאר א אידישען גלות־אינגעל. צו 14 יאהר איז ער שוין אוועק ארבייטען, געווארען א פאטאגראפטשיק—צו 17 יאהר (1903) איז ער שוין געווען אין אמעריקא, וואו ער האט זיך ווידער גענומען צו זיין פאטא־גראפישער ארבייט, און אזוי האט ער אפגעארבייט ביז 1916, ווען ער איז אריין אין „פארווערטס". אבער א מיטגליד פון דער „פארווערטס" אסאסיאיישאן איז ער שוין זינט יאנואר, 1905.

אין 1904 זיינען אריבערגעבראכט געווארען קיין אמעריקא בערגער'ס עלטערן, נפתלי און אסתר בערגער. אין 1908 איז דער פאטער געשטארבען. אין 1909 האט בערגער חתונה געהאט, טאקע מיט א לאנדסמיידעל, בעסי אקון. צוויי מיידלעך, רעי און הענריעטע, זיינען דער רעזולטאט פון דער דאזיגער פארבינדונג.

און נאך א וויכטיגען פאקט וויים איך פון בערגער'ס פארגאנגענהייט: הגם



אויבען: — בערגער׳ס פרוי, בעסי, און זייערע קינדער: רעי (רעכטס) און הענריעטא.

מיטעלסטע רייהע: רעכטס, בערגער אַלס 14 יאָהריגער איינגעל. לינקס, בערגער און מרס. בערגער אַלס חתן־כלה.

אונטען: בערגער אַלס 17־יאָריגער בחור׳ל.

ער איז שוין פון אינגעלווייז אַן געווען „סאָציאַליסטיש געפּארבט“, איז ער אָבער ניט געקומען קיין אַמעריקע מיט דער פּלאַמבע פון אַ פּאַרטיגען פּאַרטיי מענש, און אויך ניט מיט דעם ווערטהפולען יחוס־בריעף, אַז ער איז אַמאָל געזעסען אין אַ צאַרישער טורמע. דאָס מיינט, אַז בערגער האָט אין אַמעריקע ניט געפונען קיין אָפענע טהירען, נאָר ער האָט געמוזט אין יעדער טהיר אַליין אָנקלאַפּען, און זי אָפּט אַליין עפענען, כדי צו קענען אַריינגעהען „אינעווייניג“. בערגער איז אין גאַנצען אַ פּראָדוקט פון דער אידיש־סאָציאַליסטישער גאַס פון אַמעריקע. דאָ אין אַמעריקע האָט ער אַוועקגעשטעלט זיין ערשטען טראָט, וועלכער האָט איהם פּאַמעלעך און ניט אָהן שוועריגקייטען, דערפיהרט ביז צו דער מזרח וואַנד פון אָנערקענונג און פיהרערשאַפט.

וואָס נאָך? יאָ, אין 1910 איז בערגער׳ס מוטער געפאָהרען קיין ארץ ישראל און איז דאָרטען געשטאָרבען. די דאָזיגע מאַמע פאַרדינט אַביסעל מעהר אויפמערקזאַמקייט, ווייל, ווי מען פאַרזיכערט, איז אונזער יובילאַר זעהר שטאַרק געראָטען אין איהר.

ווייזט אויס, אַז אַלע געראָטענע ליטווישע קינדער האָבען זייערע גוטע מעלות פון דער מוטער—ווייל די ליטווישע מאַמעס, פון אַלץ וואָס איך וויים און לעז וועגען זיי, שיינען באמת צו זיין אַ קלאַס פאַר זיך אַליין. גלייך שטאַרק אין זייער פרומקייט ווי אין זייער גוטסקייט; שטאָלץ אין זייערע לײדען און נאָבעל אין זייער אָרימקייט; מיט קלאָרע קעפּ און אייזערנער עקשנות געהענדיג אויף זייער גלייכען אָבער שווערען וועג אַלס הויז־פרויען, מאַמעס, ערציהערינס און פרנסה־געבערינס.

בערגער איז געראָטען אין זיין מאַמען סאַי מיט זיינע בלאָנדע האָר און סאַי מיט זיין קליינעם וואוקס. ער רעדט פון איהר נאָר זעלטען, ווי ער וואָלט מיט זיין „טריפ׳ענעם“ מויל ניט וועלען פאַרשוועכען איהר זעלטענע פרומקייט און קדושה (זי קומט, ווי רייזען דייטעט אָן אין זיין באַגריסונג, פון צדיקים און רבנים). אָבער ווען ער דערמאַנט איהר נאָמען, טהוט ער עס מיט אַ שטילער פאַרגעטערונג.

זיינע וויכטיגסטע אייגענשאַפטען: קלאָר דענקען, פּראַקטיש האַנדלען און אַ גרויסע ליבע צו אָרדענונג—דאָס, פאַרזיכערט מען מיר, האָט בערגער פון זיין מאַמען.

קלאָרקייט, אָרדענונג און קאָנטראָל—דאָס זיינען דריי זאַכען וואָס בערגער האָט אַריינגעבראַכט אין פילאַדעלפיער „פאָרווערטס“. מיט זיין איבערנעהמען די פאַרוואַלטונג איז דער „פאָרווערטס“ געוואָרען אויס מיטינג־רום, אויס שמועס־שטיבעל. ער איז געוואָרען אַן אָפיס און אַ רעדאַקציע.

אויך זיין עסטעטישער חוש (דאָס האָט ער נאָך פון זיין באַשעפטיגונג מיט פאָטאָגראַפיע) האָט זיך באַלד אָפּגערופען. ער האָט אַרויסגענומען דעם „פאָר־

ווערטס" פון א סטאַר אויף דער 5טער און פיין, און איהם געגעבען אַן אייגענע פיינע, געראַמע היים אַנטקעגען דעם ריינעם, מיט פרייהייט שמעקענדען אינדער־פענדענס סקווער. ווירדיגקייט און יום־טוב'דיגקייט איז געוואָרען אונזער אַט־מאָספערע.

און אַזוי איז דאָס געבליבען. אין „פאָרווערטס", אונטער בערגער'ס השגחה, ווערט אַלץ געטאָהן מיט א טאַקט, גרונטליך און פלאַנמעסיג, אָבער אָהן היסטעריקע. אַלץ שטימט, ווייל אַלץ מוז שטימען. ערענסטקייט און פליכט—דאָס איז דער לאָזונג אין „פאָרווערטס" אָפיס. ווייל אַזוי איז בערגער. קיין זאַך איז הייליגער, ווי די פליכט; אַז מ'דאַרף טאָהן—טהוט מען. אַז מ'זאָגט צו, מוז מען האַלטען; אַז מ'אונטערנעמט עפּעס, מוז מען עס דורכפיהרען. איז די זאַך גרינג—טהו עס אַליין; איז די ארבייט א שווערע—ציה צו אַנדערע, מיט רייד, מיט דיפּלאָמאַטיע, מיט א שמייכעל, און אפילו מיט א טובה, אויב ס'איז נויטיג—אבי די זאַך זאָל געטאָהן ווערען, אבי די אונטערנעהמונג זאָל זיין אַן ערפאָלג. אַפלאָזען א זאַך צוליעב שווערינקייטען, מעג עס אפילו זיין א פערזענליכע פיזישע שווערינקייט—דאָס איז ניט אין בערגער'ס נאַטור. די טהאַט איז וויכטיגער ווי דער מענש, מעג דער מענש זיין אפילו ער אַליין.

בערגער האָט אוועקגעשטעלט פילאַדעלפיא אויף דער פראָנט פיידזש פון „פאָרווערטס". דאָס איז אויך געגאַנגען צוזאַמען מיט זיין פליכט־געפיהל. אויב מ'האָט איהם געשיקט פאַרוואַלטען א פילאַדעלפיער „פאָרווערטס", טאָ זאָל עס טאַקע זיין א פילאַדעלפיער „פאָרווערטס", אַן אמת'ע פילאַדעלפיער צייטונג, אין וועלכער דאָס גאַנצע פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע לעבען פון דער אידישער פילאַדעלפיא זאָל זיך זעהען ווי אין א שפּיגעל. דאָס איז די פליכט פון „פאָר־ווערטס" צו די פילאַדעלפיער אידען, וואָס מאַכען איהם פאַר זייער קוואַל פון אינפאָרמאַציע.

מיט פיער יאָהר צוריק, ווען איך בין געקומען קיין פילאַדעלפיא, האָב איך שוין געטראָפען בערגער'ן אַלס פיהרער; סאַי אַלס פיהרער פון די „פאָרווערטס"־געשעפטען, און סאַי אַלס פיהרער אין דער באַוועגונג. אָבער אין פאַרלויף פון די 4 יאָהר האָב איך איהם געזעהען וואַקסען, אויסוואַקסען, זיך פאַנאַנדערוואַקסען, ביז ער איז געוואָרען דער פיהרער פון דער פילאַדעלפיער באַוועגונג. און אַלץ אַזוי שטיל, אָהן טאַראַאַם, אָהן שטופּעניש—בלויז דורך קלוגער טאַקטיק און שנעלער קרעפטיגער טהעטיגקייט. ער האָט מעהר גערעדט דורך טהאַטען ווי דורך ווערטער. צי אַליין, צי דורך אַנדערע—אָבער כסדר האָט ער געטאָהן, אויפ־געטאָהן, און איז, אַזוי צו זאָגען, איבער א לייטער פון טהאַטען, ארויפגעשטיגען צום אויבען־אָן. אַזעלכע „אַקטיוויסטען" וואָס פּאַכען ניט גלאַט מיט די הענד, נאָר זיי טהוען טאַקע אַלעמאָל עפּעס אויף, מוזען באַוואונדערט ווערען אפילו פון

ביי דער ערעפענונג פון דעם „פאָרווערטס“ אייגענער היים אין פילאַדעלפיא, פעברואַר, 1928. צווישען די אַנטיילנעהמער אין דער פייערונג געפינען זיך: מר. און מרס. אב. קאהאן, מר. און מרס. וואָלאַדעק, און פּראָמינענטע מיטגלידער פון דער „פאָרווערטס“ אַסאָסיאיישאָן.

געגנער. אפילו געגנער מוזען, אונטער דער בייטש פון בערגער'ס אימפעט, אָפּט מיט איהם קאָאָפּערירען—און דאָס איז דער גרעסטער שבח וואָס מען קען געבען א טהוער און פיהרער.

שונאים זאָגען, אז טיעף אויפ'ן גרונד פון זיין נאטור באזיצט בערגער א געוויסע פּאַרציע הארטקייט. קען זיין. געוויסענהאפטקייט און פליכט־באוואוסט־זיין געהען אַלעמאָל האנד אין האנד מיט א געוויסער מאָס שטרענגקייט און הארט־קייט, צו זיך אזוי גוט ווי צו אנדערע.

אָבער פון מיין אייגענער ערפאהרונג מיט בערגער'ן קען איך זאָגען, אז אין די העכער 4 יאָהר, וואָס מיר זיינען צוזאמען, זעקס טעג אין וואָך, און אָפט גאנצע טעג צוזאמען, האָב איך פון יענער „הארטקייט", וואָס געוויסע געגנער שרייבען איהם צו, אפילו קיין הויך ניט געשפּירט. צי ס'איז צווישען מענשען צי אונטער פיער אויגען—איך האָב אין בערגער'ן אַלעמאָל געפונען אן איידעלען פריינד, א קלוגען ראטהגעבער, און א פיין־פיהליגען, קולטיווירטען מענשען, וואָס קלייבט זיינע ווערטער און היט זיינע אויסדרוקען אפילו ביי די אינטימסטע געשפּרעכען. זיין ליבע צו ריינליכקייט און אָרדענונג, זיין שנעל דענקען און פלינק האנדלען, זיין לאָיאַליטעט צום „פאָרווערטס", צו דער באוועגונג און צו די וועלכע ער האלט פאר ווירדיגע פריינד—דאָס אַלעס מאכט פון ה. בערגער'ן א מאַן, וועלכער האָט די אכטונג און אנערקענונג וואָס ער קריגט איצט פון אזוי פיעל, נאָהענטע און ווייטע, ניט „גע'גנב'ט", נאָר זיך עהרליך ערוואָרבען. אַלץ וואָס מיר גיבען איהם, האָט ער זיך פארדינט דורך זיינע פארדינסטען.

פילאַדעלפיא איז א גרויסע שטאָדט מיט א גרויסען אידישען ישוב. די פילאַ־דעלפיער באוועגונג איז פונקט אזוי שווער צו פיהרען ווי די באוועגונג אין ניו־יאָרק —אויב ניט נאָך שווערער. און ווען א פילאַדעלפיער פיהרער פראוועט א יובילעאום, לאַדען מיר איין אַלע פריינד, און מיר זאָגען צו זיי מיט די באריהמטע ווערטער פון דעם דיכטער האראַץ:

“INTROITE! NAM ET HIC SUNT DEI!”

„קומט אריין! ווייל דאָ ביי אונז זיינען אויך דאָ געטער".

דר. ל. קעסנער

אב קאהאן

מיר מאַרשירען אין דער זעלבער ריכטונג

ניו יאָרק, דעם 4טען יולי, 1936

מיין הארציגע באגריסונג און גליק־ווינשונג גענאָסע בערגער'ן צו זיין פופציג יאָהריגען געבורטס־טאג!

איך שרייב דיזע שורות און פון גאַס הערט זיך די קנאַקעריי פון פייער קרעקערס. איך דערמאָן זיך, אַז עס איז ניט דער „פערטער יולי" נאָר דער „פערטער דזשולאי". דערביי דערמאָן איך זיך אויך, אַז דער אדרעס אויף דעם קאָנווערט פון דיזען בריעף וועט זיין „אינדעפּענדענס סקווער, פּילאדעלפיא, פּאַ."— דער הערליכער, היסטאָרישער פּלאַץ, וואו אין 1776 איז פּראָקלאַמירט געוואָרען די באַפרייאונג, וועלכע האָט דעם פערטען דזשולאַי געמאַכט פאַר דאָס, וואָס ער איז.

צווישען יענער פאַסירונג און דער באַוועגונג, וועלכער גענאָסע בערגער און דער שרייבער פון דיזע שורות דינען צוזאַמען, איז פאַראַן אַ גילדערנער צוזאַמענ־האַנג; און דער דאָזיגער צוזאַמענהאַנג ווערט שוין אַנערקענט פון ברייטע איינ־פלוסרייכע קרייזען גאַנץ אויסערהאַלב אונזער באַוועגונג. אַז דער פּאָליטישער פערטער דזשולאַי איז ניט גענוג, אַז עס פאָדערט זיך אויך אַ באַפרייאונג אין אַן עקאָנאָמישען זין—אַזעלכע איבערצייגונגען הערט מען אין אונזער צייט שוין זאָגאַר פון אַ געוויסען טיפּ פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען, הגם קיין פאָרמעלע פאַרבינדונג מיט אונזערע אידעאַלען האָט ער ניט.

אַז די צוקונפט וועט ברענגען דערצו—דאָס האָבען סאָציאַליסטען פאַר פופציג יאָהרען פאָראויסגעזאָגט; האָט מען זיי גערופען טרוימער און משוגעים דערפאַר. ווען אָבער אין ברייטע פּאָליטישע קרייזען אין אמעריקא רעדט מען שוין וועגען אַזעלכע זאַכען, דאַן איז דער וואָרט „טרוימער" שוין געווים אויסער אָרדענונג.

יאָ, אין די פופציג יאָהר, וואָס גענאָסע בערגער האָט איבערגעלעבט, זיינען פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען, און אין אַלגעמיין גענומען, מאַרשירען זיי אין אַ באַשטימטער ריכטונג—אין דער ריכטונג, וואָס פיהרט צו דער פאַרווירקליכונג פון אַ פאָלשטענדיגען פערטען דזשולאַי—אַן אידעאַל, צו וועלכען גענאָסע בערגער שטרעבט צוזאַמען מיט אונז אַלעמען.

צום שלום נאָך אַמאָל אַ הארציגע באַגריסונג און גליק־ווינשונג צו גענאָסע בערגער'ן.

ב. ווּלאַדעק

מיר טראַכטען פון איהם שטענדיג

עס קומט מיר אוים אַזוי מאָדנע צו שרייבען וועגען הערי בערגער אַלס איינעם וואָס פייערט זיין 50 יאָהריגען געבורטסטאָג. דאָס איז, דאַכט זיך, געווען ערשט נעכטען ווען מיר האָבען זיך באַקענט, ווען איך בין אַריינגעקומען אין „פאָרווערטס" אין ניו־יאָרק מיט 20 יאָהר צוריק. אָבער דער קאַלענדאַר זאָגט געוויינליך נישט קיין ליגען און די אָפּגעריסענע בלעטלעך קען מען צוריק נישט אַריינקלעפּען.

ווען איך האָב זיך באַקאַנט מיט בערגער'ן, האָט ער ערשט אויפגעגעבען זיין מלאכה אַלס פאָטאָגראַפער און איז אַריין אַלס אָנגעשטעלטער אין „פאָרווערטס",— אויב איך האָב נישט קיין טעות—אַלס פאַרוואַלטער פון דער „צוקונפט". ביסלעכ־ווייז האָב איך איהם, אַזוי צו זאָגען, אַריבערגענומען אויף פאַר אַרבייטען אין „פאָרווערטס", אַזוי אַז פאַר אַ לענגערער צייט איז ער געווען פאַקטיש מיין געהילף. דורך דער צייט האָב איך געהאַט זעהר אַ גוטע געלעגענהייט זיך מיט איהם צו באַקענען און אָפּצושאַצען זיינע גרויסע מעלות, אי אַלס מענש, אי אַלס חבר, אי אַלס טוער אין דער באַוועגונג.

עס איז גאַנץ מערקווירדיג ווי אַזוי די אידישע אינגלעך פון מינסק און אַנדערע אַזעלכע שטעט זיינען געוואָרען פאַראַנטוואָרטליכע און וויכטיגע טהוער אין דעם גרויסען אידישען לעבען אין אַמעריקע. עס איז מערקווירדיג, הויפּטזעכליך צוליעב דעם, וואָס עס באַשטעטיגט ווידער און ווידער די וויכטיגקייט פון איינגעבוירענע פעהיגקייטען און פון אַ פאַסיגער געלעגענהייט. בערגער איז אַן אָנגעזעהענער מענש, נישט נאָר אין פילאַדעלפיא. מיר טראַכטען פון איהם שטענדיג ווי וועגען איינעם וואָס פאַרטרעט דעם גרויסען אידישען אַרבייטער ישוב אין פילאַדעלפיא, און אַלס איינעם אויף וועמעס מיינונג און ערפאַהרונג מען קען זיך פאַרלאָזען. זיין נאַטירליכער טאַקט, זיין געלאַסענער און פּראַקטישער וועג פון באַטראַכטען פראַגען, זיין גרייטקייט צו אַרבייטען ווען אַרבייט איז נויטיג, זיין לאָיאַליטעט צו דעם „פאָרווערטס" און צו דער אַרבייטער באַוועגונג, זיין אינטעליגענץ און פעהיגקייט אַלס רעדנער און אונטערהאַנדלער—דאָס אַלץ האָט איהם געשאַפען אַלגעמיינע און גוט פאַרדינטע אַנערקענונג.

עס פאַרדריסט מיך זעהר, וואָס איך ווייס ניט אויב איך וועל קענען זיין פער־זענליך ביי זיין יום־טוב, ווייל איך גלויב, אַז איך וואָלט געקענט אַם ריכטיגסטען און אַם אויפריכטיגסטען באַהאַנדלען זיין קאַריערע און זיינע פאַרדינסטען. אָבער

וואו איך זאָל נישט זיין, וועל איך איהם שיקען מיינע ברכות און מיינע בעסטע וואונטשען.

דער געדאַנק אַז מען ווערט אַ וועטעראַן, איז נישט שטענדיג קיין אַנגענעהמער. דער נאַטירליכער וואונטש פון אַ מענשען איז צו זיין שטענדיג יונג. אָבער אויב מען דאַרף שוין ווערען אַ וועטעראַן, איז גוט צו וויסען אַז הינטער דיר שטעהט אַ רעקאָרד מיט וועלכען מען קען זיין שטאָלץ. און אויב אונזער באַוועגונג וועט בלייבען יונג, וועט אויך אונזער גייסט שטענדיג זיין יונג, אונאַבהענגיג פון אונזערע פיזישע יאָהרען.

אברהם ליעסין

בערגער אלס מענעדזשער פון דער „צוקונפט"

איך באגריס הארציג מיין פריינד און לאנדסמאן ה. בערגער, צו זיין פופציג־יאהריגען יובילעאום.

איך האב זיך באקענט מיט איהם מיט א פאר צעהנדליג יאהר צוריק, ווען ער האט נאך געארבייט ביי זיין פראפעסיע, פאטאגראפיע, און ער איז מיר געפעלען געווארען. איך האב דעמאלט געזעהען, אז ער איז א טיכטיגער יונגערמאן, וואס וועט קענען טאהן פיעל נוצליכערע ארבייט אין דער באוועגונג. איך האב וועגען דעם איבערגערעדט מיט מיין אומפארגעסליכען פריינד, דעם פארשטארבענעם מארקוס יפה, און מירביידע האבען אויסגעווירקט, אז ער זאל אנגעשטעלט ווערען פאר א מענעדזשער פון „צוקונפט".

און באלד האט בערגער גענומען ארויסווייזען זיינע פעהיגקייטען, זיין טיכטיגקייט, זיינע מעלות פון איינעם, וואס איז א נוח לבריות און איז צו דער זעלבער צייט אן ענערגישער מענש.

בערגער האט געארבייט אייניגע יאהר פאר דער „צוקונפט" אלס מענעדזשער, און דאס זיינען געווען פאר דער „צוקונפט" וויכטיגע יאהרען, און פאר מיר פערזענליך—אנגענעהמע יאהרען. עס איז געווען א פארגעניגען צו ארבייטען מיט איהם צוזאמען. און ווי מיר האט פארדראסען, וואס ער איז אוועק פון אונז אין פילאדעלפיע, האט מיר אבער הנאה געטאהן, וואס ער איז געשטיגען צו פארנעמען א העכערע שטעלע, וואו ער וועט קענען מעהר און מעהר ארויסווייזען זיינע פעהיגקייטען, בעסער זיך אויסצייכענען.

און מיט פארגעניגען הער איך, אז בערגער איז אלץ העכער און העכער געשטיגען, סאי אלס פארוואלטער פון פילאדעלפיער „פארווערטס" אפיס, סאי אין זיין געזעלשאפטליכער טהעטיגקייט—אז ער איז איצט איינער פון די אנגעזעהענסטע פערזאנען אין פילאדעלפיא.

איך באגריס איהם, מיין ליבען פריינד, און זיין ליבער פרוי, זיין טרייע לעבענס־באגלייטערין, און זיינע ליבע טעכטער צו זייער יום־טוב, און איך ווינש איהם, אז ער זאל ווייטער און טיכטיגער נאך פארטזעצען זיין טהעטיגקייט אין בעסטען געזונד און מיט נאך גרעסערען ערפאלג.

אַ יום-טוב פאַר דער „פאָרווערטס“ משפּחה

צוליעב מיין רייזע אין איירָאפּא, האָב איך זיך וועגען דעם בערגער יובילעאום בוך דערוואוסט ערשט איצט, אַ קורצע צייט פאַר׳ן שליסען דעם בוך. צוליעב דעם מוז אויך מיין באַגריסונג זיין קירצער ווי איך וואָלט געוואונשען. איך האָב אַסך מעהר וואָס צו זאָגען וועגען גענאָסע בערגער׳ן.

די באַגריסונגען און אַנערקענונגען, וואָס ווערען צוגעטיילט פריינד בערגער׳ן צו זיין 50טען געבורטסטאָג, באַווייזען נאָך אַמאָל, אַז אונזער באַוועגונג ווייסט ווי אָפּצושאַצען די פאַרדינסטען פון יענע וועלכע האָבען אַזוי פיעל יאָהרען פון זייער לעבען פאַר איהר אַוועקגעגעבען.

איך קען הערי בערגער׳ן נאָך פון די אַמאָליגע צייטען פון דער ניו־יאָרקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און איך קען עדות זאָגען, אַז פון דער צייט אָן, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונג בחור׳ל, ביז צו דעם טאָג, ווען ער האָט איבערגענומען די פאַרוואַלטונג פון „פאָרווערטס“ אין פילאַדעלפיא, איז זיין גייסטיגער גלייכגעוויכט, זיין רוהיגע האַלטונג, זיין קלאָרער בליק און זיין ניכטערער, אויסגערעכענטער ראַט געווען אַ העכסט וויכטיגער ביי־טראַג צו דעם ערפאָלג פון אונזער באַוועגונג צווישען אונזערע אידישע מאַסען.

איך בין זיכער, אַז די גאַנצע „פאָרווערטס“ משפּחה, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע, וואָס זיינען געשטאַנען אין באַריהרונג מיט הערי בערגער׳ן דורך די יאָהרען פון זיין פרוכטבאַרער טהעטיגקייט, באַגריסען איהם צו זיין יום־טוב און ווינשען איהם פון גאַנצען הארצען נאָך אַסך יאָהרען פון ערפאָלגרייכער דינסט אין דער אַרבייטער באַוועגונג.

אדאָלף העלד

פּרעזידענט פון דער „פאָרווערטס“ אַסס׳ן

אברהם רייזען

מיין פריינד און קרוב הערי בערגער

עס איז מיר אנגענעהם אנטייל צו נעהמען אין דעם זאמעלבוך, וואס ווערט ארויסגעגעבען לכבוד הערי בערגער, צו זיין פופציגסטען געבורטסטאג.

עס וועט ניט זיין קיין הוילע פראזע, ווען איך וועל זאגען, אז דערהערענדיג אז הערי בערגער איז שוין געווארען פופציג יאהר, בין איך געווען שטארק פאר־חידושט. קענענדיג איהם פערזענליך מיט זיין לעבעדיווקייט, פלינקייט פון באוועגונגען, פריידיגקייט און טהעטיגקייט, האב איך געהאט דעם איינדרוק, אז הערי בערגער איז נאך גאר א יונגערמאנטשיק.

אבער, אז איך האב זיך דערמאנט, אז הערי בערגער, דער חשוב'ער יובילאר, איז שוין מיט יאהרען צוריק געווען דער מענעדזשער—און ער איז געווען מעהר ווי א מענעדזשער—פון דעם מאנאט־זשורנאל „צוקונפט", האט זיך מיר שוין זיין „עלטער" געלעגט אויפ'ן שכל.

דאס געפיהל איז אבער אלץ דער זעלביגער: הערי בערגער איז יונג, טהעטיג און לעבענספריידיג, ווי א יונגער מאן.

איך ווייס ניט איצט גענוי זיינע שטעלונגען צו די אידעאלען, פאר וועלכע ער האט ביז אהער געקעמפט; איינס בין איך זיכער, אז ער איז איבערגעגעבען דער ארבייטער באוועגונג מיט זיינע איידעלסטע כונות.

איבעריגענס קען איך איהם מעהר ווי א פארשפרייטער פון דעם דערמאנטען סאציאליסטישען זשורנאל „צוקונפט", און איצט פון „פארווערטס", וואס אין דער דאזיגער טהעטיגקייט צייכענט ער זיך אוים ווי א פריינד פון דער אידישער ליטע־ראטור און פון איהרע סאציאלע שעפער.

אודאי איז דער וועג ניט אהן שטרויכלונגען, און מען געווינט דערביי ניט נאר גוטע פריינד, נאר אויך געגנער. אבער הערי בערגער, א מענשען־פריינד בכלל, וועט ביי זיין איצטיגען יום־טוב זיכער הערען בלויז דאס שענסטע און דאס בעסטע וועגען איהם פערזענליך, וועגען זיין טהעטיגקייט אין דער ארבייטער באוועגונג און וועגען זיין פעהיגקייט צו פארשפרייטען דאס סאציאליסטישע ווארט און שריפט.

וואס אנבאטרעפט מיך פערזענליך, איז ער מיר נאהענט בפועל ממש, ווייל ער איז מיינער אן אייגענער, א לייבליכער קרוב, הייסט עס.

איך וואָלט געקענט דערצעהלען פון זיין דאָפּעלטען יחוס, ערשטענס פון זיין פעטער, דעם וואונדערליכען שלמה הארארזשישטשער, דער גרויסער למדן און גרויסער בעל צדקה, אַ איד וואָס האָט געהאַט אַ דימענטע הארץ, און פון אַ וואַזשנער פאַרמעגליכקייט איז ער אויף דער עלטער געבליבען אַן אָרימאַן, ווייל ער האָט אַ טובה קיינעם ניט געקענט אָפּזאָגען. צווייטענס פון זיין שוועסטער־קינד—די באַריהמטע ליבעראַלע כלל־טהוערין אין מינסק — נעכע דאבע קאַפּלאַן, און וועגען איהר רעוואָלוציאָנערען זוהן, דעם בונדיסט יאשא קאַפּלאַן, דער נאָהענטסטער פריינד פון בונדישען פיהרער, וולאַדימיר מעדעם. נאָר דאָס איז שוין איצט געשיכטע, און אין אַ קורצען באַגריסונגס־אַרטיקעל איז ניט דער פּלאַץ דערמיט צו פאַרנעהמען זיך, כאָטש עס וואָלט געווען זעהר אינטערעסאַנט. איך האָב דאָ בלויז געוואָלט באַטאָנען, אַז הערי בערגער—פון דער זעלביגער פאַמיליע—האָט אויף זיין אופן פון זיין שטאַם ניט אָפּגענייגט; אדרבא, ער זעצט־פאָר אויף אַ נייערען אופן די וויכטיגע ארבייט פאַר'ן כלל; אויך ער איז געגאַנגען און געהט אויף דעם וועג וואָס פיהרט צו סאָציאַלער גערעכטיגקייט; אויך ער ווידמעט זיין לעבען און זיינע איידעלע פעהיגקייטען פאַר די פאָלקס און ארבייטער מאַסען.

ביי דער דאָזיגער טהעטיגקייט וועט ער ניט נאָר לאַנג לעבען, נאָר אויך אָנהאַלטען זיין יוגענד ביז אין די ווייטסטע יאָהרען. איך ווינש עס איהם פון טיפען הארצען, מיין ליבען פריינד און קרוב—הערי בערגער—צו זיין פופציגסטען געבורטסטאָג! ער האָט זיין יובילײ עהרליך פאַרדינט און איך בין גליקליך מיט מיין באַשיידענעם וואָרט אנטייל צו נעהמען אין דער דאָזיגער שעהנער און פאַרדינסטפולער פייערונג.

שלום אש

אַ פריינד און חסיד פון דער אידישער ליטעראַטור

בעסטער פריינד חבר בערגער!

איך בין געוואָהר געוואָרען, אַז עס ווערט אייך אין גיכען פופציג יאָהר, און איך איל זיך אייך אויסצודריקען מיינע הערצליכע גליק־וואונשען.

ביי אייערע פילע באַשעפטיגונגען פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און פאַר דער אידישער אַרבייטער־זאַך האָט איהר שטענדיג צייט געפונען ארויסצור־ווייזען אייער אַנערקענונג פאַר דער אידישער ליטעראַטור און איהרע שעפער. איהר האָט נישט געשפּאָרט קיין מיה, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט צו העלפען אין אַן אונטערנעהמונג פאַר אַ שריפטשטעלער. די אידישע שריפטשטעלער, איבער־הויפּט די וועלכע האָבען זיך גרופּירט אַרום דעם „פאָרווערטס“, האָבען אין אייך שטענדיג געפונען אַן איבערגעגעבענעם פריינד און חסיד, און איהר האָט אין אייערע כוחות אַלעס געטאָהן דאָס זיי צו ווייזען, פאַר וועלכען איך דאַנק אייך היינט, צו אייער יובילעאום.

צו אייער פופציג יאָהריגען יום־טוב ווינש איך אייך נאָך לאַנגע יאָהרען פון פרוכטבארער ארבייט פאַר׳ן „פאָרווערטס“ און פאַר דער ארבייטער־זאַך, צו וועל־כער איהר זיינט אַזוי איבערגעגעבען.

—ניצע, פראַנקרייך

הלל ראגאף

ער האָט אונזערע ערוואַרטונגען מעהר ווי ערפילט

מיין הארציגע באגריסונג צו מיין אלטען פריינד און גענאָסע, הערי בערגער, צו דער געלעגענהייט פון זיין פופציגסטען געבורטסטאג.

דעם יום־טוב וואָס די סאָציאליסטען און ארבייטער פון פילאדעלפיא האָבען פאר גענאָסע בערגער אראנזשירט, האָט ער כשר און עהרליך פארדינט. פאר די לעצטע עטליכע צעהנדליג יאָהר האָט ער אָפּגעגעבען זיינע פעהיגקייטען, זיין צייט און ענערגיע צו העלפען בויען און ענטוויקלען אידישע ארבייטער און סאָציאליס־טישע אינסטיטוציעס. עס איז ניטאָ, דאכט מיר, קיין איין צווייג פון אונזער באוועגונג, און אויך ניט קיין איין אלגעמיין אידישע אונטערנעהמונג, אין וועלכער בערגער האָט ניט געהאט א חלק, און טאקע א וויכטיגען חלק.

גענאָסע בערגער איז אנפערטרויט געוואָרען מיט דעם מענעדזשער אמט אין דעם פילאדעלפיער „פאָרווערטס“ ניט בלויז צוליעב זיינע פעהיגקייטען אלס פראקטישער ביזנעס פארוואלטער. ער האָט דעם אמט באקומען ווייל די „פאָרווערטס“ גענאָסען, די אסאָסיאיישאָן אזוי גוט ווי די רעדאקציע, האָבען געפיהלט אז מען קען איהם געטרויען צו פיהרען דעם „פאָרווערטס“ אין פילאדעלפיא אין דעם גייסט פון גענאָסענשאפטליכער פאראנטוואָרטליכקייט, סאָציאליסטישער מאָראל און אלגעמיינער אינטעליגענץ, ווי אזא צייטונג דארף געפיהרט ווערען. אין די יאָהרען וואָס ער האָט דעם מענעדזשער אמט געהאלטען, האָט ער באוויזען, אז דער צוטרוי און גלויבען וואָס מיר אלע אין ניו־יאָרק האָבען אין איהם פון אָנפאנג־אָן געהאט איז ניט געוועזן פאלש באגרינדעט. ער האָט אונזערע ערוואַרטונגען מעהר ווי ערפילט.

איך ווינש מיין גענאָסע און פריינד בערגער לאנגע יאָהרען פון לעבען און טהעטיגקייט אין אונזערע רייהען.

ל. וואלדמאן

לאָיאַליטעט און געטרייע חבר׳שאַפט

די סאָציאַליסטישע און ארבייטער באַוועגונג מאַכט דורך פאַרשידענע פּעריאָדען און יעדער פּעריאָד נויטיגט זיך אין אַ ספּעציעלען סאָרט דינסט, וועלכער זאָל ברייננגען דעם גרעסטען נוצען פאַר דער באַוועגונג אין יענעם מאָמענט. אויך די מעלות פון די גענאָסען, וואָס דינען אונזער אידעאַל, ווערען פאַרשידען אָפּגעשאַצט אין פאַרשידענע ענטוויקלונגס־פּעריאָדען, וואָס דער אידעאַל מאַכט דורך.

פאַראַן צייטען, ווען פאַר אונזער באַוועגונג איז אַמוויכטיגסטען אַסך וויסען און געלערנזאַמקייט. פאַראַן אַנדערע צייטען, ווען וויכטיגער פון אַלץ איז גרעניצלאָזער מוטה און גרייטקייט צו פּערזענליכע קרבנות.

אין דעם איצטיגען מאָמענט פון דער ענטוויקלונגס־געשיכטע פון אונזער באַוועגונג איז די וויכטיגסטע זאַך: לאָיאַליטעט צו פּרינציפּען און איבערצייגונגען, און געטרייע חבר׳שאַפט צו די מיטארבייטער און מיט־קעמפער. דאָס איז היינט דער בעסטער פּרוביר־שטיין אויף אָפּצושאַצען די ווערטה פון אַן אמת׳ן גענאָסע.

הערי בערגער איז רייך געבענשט מיט אָט יענע ביידע מעלות: לאָיאַליטעט און געטרייע חבר׳שאַפט.

די, וואָס קענען בערגער׳ן פאַר אַסך יאָהרען, וועלען זיך פיהלען גליקליך מיט דער געלעגענהייט פון זיין 50טען געבורטסטאָג. דאָס גיט זיי אַ מעגליכקייט איהם אויסצודריקען זייער פריינדשאַפט און זייערע טיפע וואונשען פאַר לאַנגע יאָהרען פון לעבען און ווייטערער ארבייט אין דער באַוועגונג.

איך שליס זיך אָן אין דער גרויסער צאָהל פריינד און גענאָסען, וועלכע באַגריסען מיט פרייד בערגער׳ס יובילעאום, און ערוואַרט מיט האָפענונג צו זעהען איהם ווייטער און נאָך פאַר לאַנגע יאָהרען אין די רייהען פון אונזערע געטרייע און איינגע׳עקשנ׳טע קעמפער פאַר די סאָציאַליסטישע אידעאַלען און איבערצייגונגען.

איך קען ניט זיין קאַלט צו בערגער'ן

מיין טייערער הערי בערגער! איך האָב ערהאַלטען אַן איינלאַדונג צו שרייבען אַן אַרטיקעל פאַר אַ בוך, וואָס ווערט אַרויסגעגעבען צו דער געלעגענהייט פון אייער 50סטען געבורטסטאג. מיין באַציהונג צו אייך איז אַלעמאָל געווען אַזא, אַז איך פיהל נישט ווי צו שרייבען אַ קאַלטע און אויסגערעכענטע אָפּשאַצונג פון אייערע אויפטהואונגען פאַר דער באַוועגונג און פאַר דער געמיינדע אין וועלכער איהר האָט געלעבט. וואָס איך וויל זאָגען, אפילו ווען עס געהט אַריין אין אַ בוך, וויל איך אַז עס זאָל טראָגען דעם שטעמפּעל פון אַ פּערזענליכען אויסדרוק.

דורך די 25 יאָהר, וואָס איך האָב געהאַט דעם פאַרגעניגען אייך צו קענען, און דורך די אַלע יאָהרען, וואָס איך האָב געהאַט די געלעגענהייט צו אַרבייטען מיט אייך, האָב איך אַלעמאָל געפיהלט, אַז אין אַלע אייערע אַקטיוויטעטען איז נישטאָ קיין עגאָאיסטישער נערוו און קיין אייגען־נוציגער מאָטיוו.

ווען איך האָב זיך צום ערשטען מאָל מיט אייך באַקענט, האָט איהר מיר אָנגעטאָהן דעם כבוד צו מאָלען פון מיר אַ פּאָרטרעט. שפּעטער האָב איך אייך באָאָבאַכטעט ביי אייער אַרבייט אַלס אַסיסטענט מענעדזשער פון „פאָרווערטס" אין ניו־יאָרק און אַלס „פאָרווערטס"־מענעדזשער אין פילאַדעלפיע.

עס איז אַ גרויסער קרעדיט פאַר אַ מענשען, ווען ער קען אַריינלעגען אין אַלע זיינע טעגליכע אַרבייטען דעם גייסט פון אידעאַליזם. איהר, גענאָסע בערגער, האָט באַוויזען אַז איהר קענט מיט דער פולער מאָס אַזוי איינאָרדענען אייער לעבען און אייער אַרבייט.

די גרויסע מעהרהייט מענשען, אפילו ווען זיי ריידען פון אידעאַליזם און גייסטיגע שטרעבונגען, ווערען אין אַלגעמיין קאָנטראָלירט פון זייערע מאַטעריעלע וואונשען און אינטערעסען. אין אייער לעבען, גענאָסע בערגער, האָט דאָס מאַ־טעריעלע געשפּילט די קלענסטע ראָלע, און דאָס גייסטיגע—די גרעסטע ראָלע. ס'איז ווירקליך אַ זעלטענע פּריווילעגיע, ווען אַ מענש קען צוריקקוקען אויף זיין אייגענעם לעבען, באַטראַכטען וואָס ער האָט געטאָהן, און מאַכען אַ סך־הכל פון

זיינע איבערלעבונגען און אויפטהואונגען, און זאָל קענען פאַרצייכענען אויף זיינע ביכער, אַז ער האָט געדינט אַנדערע מעהר ווי ער האָט געדינט זיך אליין.

איהר, גענאָסע בערגער, האָט אַסך זאַכען פאַרוואָס צו זיין דאַנקבאַר, קיין זאַך נישט פאַר וואָס תשובה צו טאָהן און, האָפענטליך, זעהר ווייניג פאַרוואָס חרטה צו האָבען.

מיינע טיפסטע וואונשען געהען צו אייך צו דער געלעגענהייט פון אייער פופציגסטען געבורטסטאַג. ערלויבט מיר צו פאַרצייכענען איין וואונש מיט אַ באַזונדערען אויסדרוק: איך וואונש אַז אייערע טהעטיגקייטען זאָלען זיין אין דער צוקונפט פונקט אַזוי ריין פון עגאָאיזם ווי זיי זיינען געווען ביז איצט. איך ווינש, אַז איהר זאָלט געפינען פרייד אין אייער סאָציאַלער אַרבייט און אַז איהר זאָלט נאָך לעבען געגוג לאַנג ביז איהר וועט דערלעבען צו זעהען אַ וועלט, וועלכע זאָל באמת זיין אַ פאַסענדער פּלאַץ פאַר מענשען צו לעבען דאָרט. און אייך מעג באַשערט זיין צו קענען בייטראָגען אייער חלק צו דער דערגרייכונג פון דעם ציעל.

ברודערליך אייער,

דזשייקאָב פענקין,

ריכטער פון יתומים־געריכט אין ניו־יאָרק

אַ פּלאַץ אין דער גרויסער מענשליכער מלחמה

ווי איך פאַרשטעה, האָט גענאָסע הערי בערגער שוין דערגרייכט זיין 50טען געבורטסטאג נאָכדעם ווי ער איז העכער 20 יאָהר געווען פאַרבונדען מיט'ן „פאָר־ווערטס". איך פאַרשטעה אויך אז מען געהט איהם באַלד האָדעווען מיט אַ באַנקעט. איך האָף, אַז ער וועט דעם דאָזיגען מאָלצייט איבערלעבען פאַר נאָך 50 יאָהר, און דאַן וועט ער אַנטייל נעהמען אין אַ באַנקעט וואָס וועט געגעבען ווערען פון דעם סאָציאַליסטישען מעיאָר פון פילאַדעלפיע.

גענאָסע בערגער האָט אין פאַרלויף פון זיין לעבענסצייט בייגעוואוינט אַ טיפע רעוואָלוציע אין דער מאָדערנער ציוויליזאַציע. ער איז געבוירען געוואָרען דריי יאָהר איידער דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איז אָרגאַניזירט געוואָרען; אין אַ צייט ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט אָנגעהויבען אָננעהמען די פאָרמע פון גרויסע ריזיגע קאָרפּאָראַציעס.

די שוואַכע קליינע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געבוירען געוואָרען ווען בערגער איז אַלט געווען 3 יאָהר, נעמט איצט אַרום מאַנכע פון די גרעסטע נאַציאָנען פון דער וועלט. די האָפענונגען און צילען פאַר וועלכע מיר האָבען געאַרבייט, האָבען איצט אַן אויסזיכט פאַרווירקליכט צו ווערען, נאָך איידער אַסך פון די היינטיגע לעבענדע וועלען אַנטשלאָפען ווערען אויף אייביג.

דער וואָס האָט געלעבט און געאַרבייט אין דעם דאָזיגען מערקווירדיגען האַלבען יאָהרהונדערט פון עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע ענדערונגען, דער מעג זיין דאַנקבאַר וואָס איהם איז אויך באַשערט געווען צו האָבען אַ פּלאַץ אין דעם גרויסען מענשליכען קאַמף. הערי בערגער האָט פאַרנומען אַזאַ פּלאַץ אין דער גרויסער מענשליכער מלחמה און ער וועט, ווי עס קוקט אויס, בלייבען אין די פאָדערשטע רייהען ביז צום סוף פון זיין פרוכטבאַרען לעבען.

מעג ער הנאה האָבען פון יעדען טאָג און פון יעדער נאַכט, וואָס ער געפינט זיך אין דעם דאָזיגען קאַמף, וויסענדיג אַז ער גיט מיט זיין קאַמף אַן אויסדרוק צו די האָפענונגען און בענקענישען פון די עקספּלאָאַטירטע מאַסען, וואָס זוכען צו דער־גרייכען די פרייהייט פאַר בילדונג, אָרגאַניזאַציע און אַקטיוויטעט.

מיט די בעסטע וואונשען פאַר אַ לאַנגען לעבען פון ערענסטער און איבערגע־בענער דינסט צו אונזער גרויסען אידעאַל,

דזשעימס אָניעל,
רעדאַקטאָר פון „ניו־לידער"

ב. י. ביאלאסטאָצקי

פופציג יאָהר

(געווידמעט מיין פריינד ה. בערגער צו זיין יובילעאום)

פופציג יאָהר אזוי פארלאָפען,
ווי ס׳וואָלט נעכטען ערשט געטראָפען.
יאָהרען, יאָהרען,—
ווי די וואָלקענס שוועבען, שוועבען,
יאָהרען נייען ניט פארלוירען,
אויב זיי זיינען פול מיט טהאטען,
אויב זיי זיינען פול מיט לעבען.

וואקסען, צייטיגען די זאנגען,
קערנער שטעהען אָנגעקוואָלען,
שניידט מען זאנגען, שטעהען מילען
און זיי דרעהען זיך און מאָלען.
קנעט מען, באקט מען ברויט דעם פרישען,
זינגען זאנגען אויף די טישען.
זאנגען פול, אין זון געבוירען,
ווערען קיינמאָל ניט פארלוירען.

פופציג יאָהר אזוי פארגאנגען,
אָט געווען, און אָט — פארפלויגען,
יאָהרען, יאָהרען,—
רייף און זוניג, ווי די זאנגען,
ווערען קיינמאָל ניט פארלוירען.
איינער פאלט אריין אין צווייטען,
ווי די קערנער אויף די בייטען,
נייער ווילען, נייער שטרעבען,
יאָהרען ווערען ניט פארלוירען,
אויב זיי זיינען פול מיט לעבען!

נ. כאַנין

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט'ן יובילאַר

דאָס איז געווען אין 1912. נאָך דער צושמעטערונג פון דער רוסישער רעוואָ־לוציע, דורכשלעפענדיג זיך אַלע וועגען סיבירער, בין איך געקומען אין אַמעריקע אַן ענטוישטער און צובראָכענער—אַזוי ענטוישט און צובראָכען ווי עס זיינען געווען אַלע די, וועלכע האָבען זייערע גרעסטע האָפנונגען פאַרבונדען מיט דער רעוואָלוציע פון 1905. ניט גערען בין איך געפאָהרען אין אַמעריקע. איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר אין יענע צייטען האָבען אַלע פאַר אַמעריקע מורא געהאַט, און מען איז גע־פאָהרען נאָר דאַן, ווען עס איז קיין אַנדער אויסוועג ניט געווען. אונז, אין דער אַלטער היים, האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַמעריקע איז אַ לאַנד זעהר אַ פּראָזאאישע, אַ קאָמערציעלע, אַז מענשליכער גלויבען און מענשליכע אידעאַלען ווערען דאָרטען אויף גראָשענס אויסגעטוישט.

איך בין געפאָהרען אין אַמעריקע ניט מיט מיין אייגענעם ווילען, נאָר גע־צוואונגען פון לעבען. פאָהרענדיג אין אַמעריקע, האָב איך פאַרזיכערט מיינעם אַ חבר, מיט וועלכען איך האָב זיך באַגעגענט אין אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף אַרום אירקוטסק, וואוהין ער איז געווען פאַרשיקט פון דער צאַרישער רעגירונג, אַז ווען איך וועל קומען אין אַמעריקע, וועל איך זיך באַגעגענען מיט אונזערע מינסקער לאַנדסלייט און וועל אויך זעהען, אַז מען זאָל פאַר איהם שאַפען די מעגליכקייטען ער זאָל קענען קומען אין אַמעריקע.

איך בין שוין אין אַמעריקע געווען צוויי וואָכען, האָב איך זיך באַגעגענט מיט אַלע וויכטיגע לאַנדסליידט. האָב איך גענומען דורכפיהרען דעם צוזאָג וואָס איך האָב געגעבען מיין חבר אין סיביר, אַז איך וועל איהם ברייגגען אין אַמעריקע. אַ פּאָר פריינד פון ברענטש 99 האָבען מיר צוגעזאָגט, אַז זיי וועלען רופען אַ זיצונג פון אַ פינף־צעהן מענשען צו איינעם אַ געוויסע בערגער אין הויז, און דאָרטען וועלען זיי אויסאַרבייטען די פּלענער ווי אַזוי אונזער חבר זאָל געבראַכט ווערען אין אַמעריקע. מען האָט מיר געגעבען דעם אַדרעס פון בערגער'ס פאָטאָגראַפיע, ערגעץ אויף דער איסט־סייד. גענוי וואו דאָס איז געווען געדענק איך ניט. עס איז געווען נאַטירליך, אַז איך זאָל צו דער באַראַטונג קומען דער ערשטער. איך האָב זיך געאיילט אַמשטאַרקסטען.

דאָרטען האָב איך זיך צום ערשטען מאָל באַקאַנט מיט דעם היינטיגען יובילאַר, געוויסע בערגער, אין וועמענס הויז מיר האָבען געהאַט דעם ערשטען מיטינג צו העלפען ברייגגען אין אַמעריקע אַ חבר, וואָס האָט נאָר־וואָס באַפרייט זיך פון קאַטאָרגע און איז געווען פאַר'משפט אויף אייביג צו פאַרבלייבען אין סיביר. אין מיין ערשטער באַגעגעניש איז מיר ניט געפעלען געוואָרען אין בערגער'ן זיין גע־לאַסענקייט, זיין רוהיגקייט, זיין איבערלייגטקייט. מיר אַלע זיינען דעמאָלט געווען אַזוי טומעלדיג, אַז בערגער האָט צווישען אונז אויסגעזעהען ווי אַ „ווילדער". מיר

האָבען דאַן ניט אַלע פאַרשטאַנען, אַז די געלאַסענקייט און רוהיגקייט פון אַ מענש מיט פּראַקטישען פאַרשטאַנד איז אַסך וויכטיגער אין דעם טאָהן און טאַקע אויפטאָהן, ווי דער טומעל און די נערוועזיטעט, וועלכע באַגלייטען אָפטמאָל אַלע אונזערע ערפאָלגרייכע און ניט־ערפאָלגרייכע טהעטיגקייטען.

צעהן יאָהר שפּעטער, סוף 1921, בין איך געוואָרען דער סעקרעטאַר פון דעם אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד, פון וועלכען בערגער איז אין זעלבען יאָהר געוואָרען דער פאָרזיצענדער. איך האָב זיך מיט בערגער'ן דאַן באַגעגענט כמעט אַלע טאָג, און איך האָב אין איהם געזעהען ניט נאָר אַ געלאַסענעם, איבערלייגטען און דורכגעטראַכטען מענשען, נאָר אויך וואַרימע באַציהונג צו אַלץ וואָס איז קאָנסטרוקטיוו און געזונט אין אונזער אידישען אַרבייטער לעבען. בערגער'ס קלאָרער קאָפּ האָט דורכגעפיהרט אין אונזער באַוועגונג אַסך ערפאָלגרייכע און נוצליכע אונטערנעהמונגען. ניט אומזיסט, און ניט דורך אַ צופאַל, האָט די „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן איבערגעגעבען בערגער'ן אַזאַ פאַראַנטוואָרטליכען אַמט ווי צו ווערען דער מענעדזשער פון „פאָרווערטס" אין איינער פון אונזערע וויכטיגסטע שטעדט אין אַמעריקע. בערגער איז אין פילאַדעלפיא ניט נאָר דער געשעפטס־מענעדזשער פון „פאָרווערטס"; ער איז דער טוער, דער ראַט־געבער, דער פיהרער פון אַלע צווייגען פון אונזער באַוועגונג אין שטאָדט. בערגער איז אַקטיוו אין דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג שוין אַ פּאָר צעהנדליג יאָהר, איז אַליין קיינמאָל ניט אַראָפּגעגאַנגען פון גלייכען וועג און האָט פאַרהיט אַנדערע פון אַרונטערגליטשען זיך פון גלייכע וועגען. זיין קלאָרער קאָפּ און געזונטער אינסטינקט האָבען איהם אַלעמאָל אָנגעוויזען דעם ריכטיגען וועג.

בערגער האָט זיך געשאַפען אין אונזער באַוועגונג אַסך פריינד, וועלכע ליבען איהם און האָבען צו איהם זעהר אַסך רעספּעקט. אויף זיינעם אַ וואָרט קען מען זיך אַלעמאָל פאַרלאָזען. זיינער אַ פּלאַן מוז פון אַלעמען ערנסט גענומען ווערען. מיט זיינער אַן עצה מוז מען זיך רעכענען. ער איז יענעם „שטילע וואַסער" אין אונזער באַוועגונג, וועלכעס פליסט לאַנגזאַם, אָבער גראָבט טיעף און שאַפט פרוכטבאַרען באָדען.

צו זיין 50־יאָהריגען יובילעאום ווינש איך איהם לאַנגע יאָהרען פון לעבען און טהעטיגקייט. אונזער באַוועגונג האָט זיך געניויטיגט, נויטיגט זיך איצט און וועט זיך נויטיגען אין אַזעלכע מענשען ווי בערגער. מיט בערגער'ן איז גוט צו געווינען; מיט בערגער'ן איז אויך גוט צו פאַרלירען.

זאָל דאָס אויבען־געזאָגטע פון בערגער'ן באַטראַכט ווערען אַלס ווערטער און געדאַנקען אַרויסגעזאָגט פון אַ נאָהענטען און אינטימען פריינד, וועלכער האָט מיט איהם צוזאַמען געאַרבייט אויף פאַרשידענע געביטען אין אונזער אידישען אַרבייטער לעבען דאָ אין לאַנד. איך האָף, אַז די צוקונפט וועט אונז ניט פאַנאַנדערטיילען און אַז מיר וועלען נאָך לאַנג, לאַנג מיט בערגער'ן צוזאַמען אַרבייטען פאַר אַ וועלט אַ מענשליכערע, פאַר אַ וועלט אַ בעסערע.

ר. גוסקין

אַ גענעראַל און אַ סאָלדאַט

מיט גרויס פאַרגעניגען באַגריס איך מיין פריינט בערגער צו זיין פופציגסטען געבורטסטאָג. עס גלויבט זיך אַפילו קוים אַז אונזער בערגער איז שוין אַ יונגער־מאַנטשיק פון פינף־צעהנדליג — עלעגאַנט און צו־לייכט ליגען אויף איהם די יאָהרען —אָבער, אַז ער אַליין לייקענט עס ניט אָפּ, וועל איך איהם גלויבען.

איך קען זיך מיט מיין פריינט און גענאָסע בערגער זינט די לעצטע פינף־און־צוואַנציג יאָהר.

אויב ס'איז אמת וואָס מען זאָגט אַז אין דער ארבייט קען מען דערקענען אַ מענשען, דאַן קען קיינער ניט אָפּלייקענען אַז איך קען בערגער'ן זעהר גוט. און ער דאַרף מיך אויך קענען, ווייל מיר האָבען אַסך יאָהרען—זינט מיר קענען זיך—און אויף אַסך געביטען צוזאַמען געאַרבייט.

גענאָסע בערגער איז יאָהרען לאַנג געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג פון „פאָרווערטס". דאָס איז אַן ארבייט וואָס נעמט צו אַסך נעבכט.

ער האָט אַסך יאָהרען ארבייט אַוועקגעגעבען דעם פּיפּעל'ס רעליעף, אין צייט פון דער מלחמה און אויך נאָכדעם, ווען דער קריג האָט זיך שוין געהאַט געענדיגט.

בערגער איז געווען טהעטיג אין דעם סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד, און דוקא אין יענע יאָהרען ווען מען האָט דעם פאַרבאַנד ברוטאַל און בייזוויליג אַטאַקירט. ער איז געשטאַנען אויף זיין פּאָסטען ווי אַ געטרייער סאָלדאַט.

אויך אין די רייהען פון דעם גרויסען ארבייטער רינג איז בערגער געווען אימער אַקטיוו, איבערגעגעבען דער ארבייט מיט לייב און לעבען.

אין אַ סך, אַ סך אינסטיטוציעס, אויף אַ סך געביטען פון געזעלשאַפטליכער טהעטיגקייט שפּרייט זיך אוים בערגער'ס ענערגיע. זיינע פעהיגקייטען האָבען אונזער באַוועגונג מזל־ברכה געבראַכט. ס'וואָלט פאַרנומען צופיעל אָרט אויסצור־רעכענען אַלע געביטען אויף וועלכע ער באַטייליגט זיך.

כ'קען אָבער ניט אויסלאָזען נאָך איין צווייג פון ארבייט אין וועלכער ער האָט מיר פערזענליך פיעל געהאָלפען אין דער פאַרגאַנגענהייט. און ס'וועט איהם נאָך אויסקומען אויך ווייטער אָפּט אויסצושטרעקען אַ האַנט. איך מיין די אידישע טהעאַטער־וועלט פון פילאַדעלפיאַ. איך געדיינק ניט קיין פאַל ווען בערגער זאָל מיר האָבען אָפּגעזאָגט זיין חבר'שע הילף ווען איך האָב זי געדאַרפט. און אימער האָט ער דערביי אַזוי פריינדליך און הארציג געשמייכעלט, אַז עס איז שטענדיג אַ מחיה געווען זיך צו איהם צו ווענדען. און ניט אימער, מוז מען אויסזאָגען, איז די ארבייט וואָס ער האָט געטאָהן געווען אַ גרינגע און אַן אַנגענעהמע.

צוליעב וואָס דערצעהל איך עס אַלץ?

איך דערצעהל עס, ווייל אין די אַלע ארבייטען און פאַר די אַלע יאָהרען האָב

איך בערגער'ן דערקענט. וויי ניג אזעלכע מענשען אין אונזער באוועגונג, מענשען וואס זאלען מיט'ן גאנצען הארצען זיך אפגעבען דער ארבייט און ווערען א טייל פון איהר.

בערגער איז ניט נאר א „גענעראל" פון אונזער באוועגונג נאר אויך א סאל־דאט, וואס דאס איז נאך א העכערע מדרגה. מיר וויסען די פאזיציע וואס בערגער האט פארנומען ביי אונז אין ניו־יארק. ס'איז געווען א פאראנטווארטליכע און א בכבוד'יגע פאזיציע. און דאך, ווען זיינע פעהיגקייטען און זיין אויטאריטעט האבען זיך געפאדערט ערגעץ אנדערש, איז ער געווען גרייט צום דינסט.

זיינע פארדינסטען אין דער באוועגונג זיינען היבשע און געוויכטיגע. דאס ביסעל כבוד וואס מיר קענען איהם צוטיילען האט ער פארדינט כשר און עהרליך.

בערגער איז ניט פון די יעניגע וואס זוכען אנערקענונג און וואס יאגען זיך נאך כבוד. די געלעגענהייט אבער וואלט געדארפט אויסגענוצט ווערען אלס בייי־שפיעל פון אונזער אויפריכטיגער אנערקענונג און אפשאצונג פון די וואס שטעלען זייער פעהיגקייט און ענערגיע צום דינסט פון דער ארבייטער זאך.

ווינש איך מיין ליבען, הארציגען פריינט בערגער א סך יאהרען פון פולער טהעטיגקייט און אויסדרוק אין דער פארצווייגטער ארבייט וואס ער פיהרט אן. און זאל זיין פערזענליכקייט און זיין גרויסער פארדינסט אין דער באוועגונג דינען אלס ביישפיל פאר אלע אנדערע גענאסען פאר ווענען דער פאקעל פון סאציאליזם באלייכט א גרויסען, אומשטערבליכען אידעאל.

מאול ריפקין

איך פרעה זיך מיט זיינע ערפאלגען

איך פיהל זיך מעהר ווי צופרידען וואס אין דעם טומעלדיגען לעבען, אין וועלכען אונז, באוועגונגס־מענשען, קומט אויס צו לעבען, קען איך צעהלען צווישען מיינע פריינד אזא מענשען ווי הערי בערגער. מיר איז אויסגעקומען צו זעהען בערגער'ן אין פארשידענע צייטען: צייטען ווען ער איז געשטיגען גאנץ הויך און צייטען ווען ער איז געווען גארניט אין קיין גלאררייכע אומשטענדען. איך האב געוואוסט, דאכט זיך מיר, אלע זיינע סודות. זייענדיג אזוי נאהענט צו איהם, האב איך זיך מיט איהם צוזאמען געפרעהט אין זיינע ערפאלגען, און שטילערהייד זיך אפגעגעסען דאס הארץ ווען איהם איז ניט געגאנגען אזוי פויגעלדיג. היינט, ווען זיינע פריינד און גענאסען אין דער סאציאליסטישער און ארבייטער באוועגונג פייערען זיין 50 יאהריגען יובילעאום, בין איך העכסט צופרידען צו זעהען בערגער'ן אין זיין איצטיגער פאזיציע, אויף דעם אנגעזעהענעם פלאץ וואס ער פארנעמט אין אונזער אלעמענס באוועגונג.

איך שיק דעם יובילאר מיינע פריינדליכסטע וואונשען. איך ווינש איהם, אז ער זאל האבען אסך כח אנצוגעהען מיט זיין טהעטיגקייט פאר לאנגע יאהרען.

בערגער דער באַוועגונגס מענש

ה ייסט עס אַז הערי בערגער ווערט שוין אויך 50 יאָהר. ווי עס זעהט אויס איז עס אַזוי, ווייל ווען אַ קאָמיטעט פון גענאָסען לאַדעט אייך איין צו שרייבען אַ באַגריסונג לכבוד אַ 50־יאָהריגען יובילעאום, איז עס אַן אָפיציעלע באַשטעטיגונג.

ווארשיינליך האָט דער קאָמיטעט געדענקט, אַז מיין באַגריסונג וועט האָבען צו טאָהן אויסשליסליך מיט גענאָסע בערגער'ס טהעטיגקייט אויפ'ן געביט פון דעם אידישען סאָציאַליסטישען פארבאַנד. אויב אַזוי וועל איך זיי מוזען אַנטוישען, ווייל אויף וויפיעל איך ווייס איז גענאָסע בערגער געווען דער ערשטער נאַציאָנאַלער פאָרזיצער פון דעם אידישען סאָציאַליסטישען פארבאַנד, און דאָס איז געווען דאַן ווען איך בין נאָך ניט געווען אין אַמעריקע. פאָלגליך איז עס פאַר מיר געשיכטע.

שרייבען וועגען בערגער'ן ווי וועגען דעם אָפיציעל־פאַרבונדענעם מיט דעם אָדער יענעם צווייג פון דער באַוועגונג וויל איך אויך ניט. עס גלוסט זיך זאָגען עטלאַכע ווערטער פון אַ פערזענליכען כאַראַקטער ווי אויך אויסדריקען אייניגע באַמערקונגען וועגען בערגער'ן דעם מענשען, בערגער'ן דעם באַוועגליכען־באַוועגונגס מענש.

נישט אומזיסט איז בערגער אַזוי ענג פאַרבונדען מיט יעדען צווייג פון דער סאָציאַליסטישער און אַרבייטער באַוועגונג אין פילאַדעלפיע; נישט אומזיסט טראָגט ער אין זיך דעם טיפען אינטערעס צו יעדען געזעלשאַפטליכען ענין, וועלכער איז פאַרבונדען מיט'ן לעבען פון די אַרבייטער און פאָלקס מאַסען. ביי דעם אויסערגעוועהנליך באַוועגליכען־באַוועגונגס מענש, בערגער'ן, איז עס אַ טייל פון זיין לעבען, פון זיין נאַטור.

פאַר די עטלאַכע יאָהר וואָס מיר איז פיעל מאָל אויסגעקומען צו קומען מיט בערגער'ן אין פערזענליכער באַריהרונג, האָב איך שטענדיג אין איהם געטראָפען דעם דזשענטעלמען, דעם וואַרימען מענשען, דעם געפיהלפולען גענאָסע.

איין שטריך אין בערגער'ן געפעלט מיר אויסערגעוועהנליך און דאָס איז זיין פולשטענדיגע אידענטיפיצירונג מיט דער באַוועגונג, זיין פאַרשטעהען דעם באַגריף פון אַ באַוועגונגס מענש, פון אַן אָרגאַניזאַציאָנס מענשען.

יעדע באַוועגונג, יעדע אָרגאַניזאַציע קען בלויז דאַן זיין וואַגיק, ממשות'דיג, ווען זי האָט אין איהרע רייהען מענשען, וועלכע אידענטיפיצירען זיך פולשטענדיג

מיט דער באוועגונג, וועלכע זיינען גרייט שטענדיג צו שטעהען מיט דער ארגא־ניזאציע מיט וועלכער זיי זיינען פארבונדען. צו דעם טיפ באוועגונגס מענשען און באוועגונגס פיהרער באלאנגט בערגער. איך ווייס ניט ווי אנדערע שאצען אפ אזעלכע קוואליפיקאציעס. איך שאץ זיי שטארק.

טראץ דעם וואס איך האב זיך ניט געקליבען צו שרייבען וועגען בערגער'ן און זיין בייטראג צו דער ארבייט פון דעם אידישען סאציאליסטישען פארבאנד, וויל איך דאך זאגען א פאר ווערטער וועגען בערגער'ן אין פארבינדונג מיט'ן פארבאנד.

פאר דער צייט וואס איך געדענק האט גענאסע בערגער שטענדיג געדינט געטריי דעם פארבאנד אויף אלע געביטען פון זיין טהעטיגקייט. ער איז געווען אימער אי א געטרייער סאלדאט, אי איינער פון די געטרייע גענעראלען.

איצט, ווען אין דעם סאציאליסטישען און ארבייטער לעבען אין אמעריקע קומען פאר אזעלכע מערקווירדיגע אנטוויקלונגען, געפינען מיר איהם פונקט ווי אין דער פארגאנגענהייט אין די רייהען פון דעם אידישען סאציאליסטישען פארבאנד.

איך ווינש מיין ליבען גענאסע הערי בערגער, וועלכען איך באטראכט טראץ זיין אטעסטאט אויף א פופציגער, נאך אלץ אלס יוגענדליכען און פול מיט ענערגיע, מוט און גלויבען אין אונזער געמיינשאפטליכער ארבייט.

זיין איבערגעבענהייט צו דער באוועגונג, זיין ענערגישע אקטיוויטעט אין פארלויף פון פילע יאהרען האבען איהם ניט נאר איינגעשאפט א גוטען נאמען אין די באוועגונגס קרייזען, נאר אויך א היבשע צאהל פריינד צווישען וועלכע, מיט בערגער'ס דערלויבניש, איך וויל אויך זיך ארייגרעכענען.

איך וויל ווינשען בערגער'ן אין נאמען פון די הונדערטער גענאסען פון סא־ציאליסטישען פארבאנד, וועלכע קענען איהם, נאך פילע לאנגע יאהרען פון געזונד, גליקליכען צוזאמענלעבען מיט גענאסינע בערגער און זייערע קינדער, און א פרוכט־בארע פארטזעצונג פון ארבייט אויף אלע געביטען פון אונזער באוועגונג.

ב. געבינער,
סעקרעטאר פון אידישען סאציאליסטישען פארבאנד

איינער פון די וויכטיגסטע טהוער

מען זאָגט, עס איז שווער צו שרייבען וועגען אַ מענשען וועמען מען קען ניט, אָבער נאָך שווערער איז צו שרייבען וועגען אַ פריינד, מיט וועמען מען איז פאַר־בונדען אין דער באַוועגונג פאַר שעהנע עטליכע יאָהר.

גענאָסע בערגער איז אָנגעזעהען ניט נאָר אין דער שטאָדט וואו ער געפינט זיך, נאָר מיט זיין מיינונג רעכענט מען זיך אין אַלע וויכטיגע אַרבייטער אינסטיטוציעס, דערפאַר ווייל גענאָסע בערגער האָט אַ קלאָרען פאַרשטאַנד און האָט „קאָמאָן סענס“. און ווען ער איז איבערצייגט אין אַ געוויסער אַרבייט, דאַן זשאַלעוועט ער ניט קיין צייט און קיין מיה כדי די אַרבייט דורכצופיהרען מיט ערפאָלג. גענאָסע בערגער זוכט ניט סתם טהעטיגקייט, נאָר ער דאַרף אַליין פריהער ווערען איבערצייגט אין דער וויכטיגקייט פון דער אַרבייט.

איך האָב זיך געטראָפען מיט גענאָסע בערגער אין דער אַרבייט ביי דעם סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד, אין אַרבייטער רינג, אויך אין דעם ספּעציעלען פּרעזי־דענשעל קאַמפּיין. אָבער גאָר נאָהענט האָב איך געהאַט אַ געלעגענהייט צו בעאָבאַכ־טען גענאָסע בערגער ביי דער אַרבייט, און דאָס איז געווען ווען דער „אָרט“ האָט אָנגעפאַנגען זיין אַקציע אין פילאַדעלפיאַ מיט עטליכע יאָהר צוריק. גענאָסע בערגער איז געווען פון די ערשטע פּיאָנערען וועלכע האָבען גענומען אויף זיך די איניציאַטיווע צו פאַרשפּרייטען די אידעע פון „אָרט“ צווישען די אידישע אַר־בייטער אין פילאַדעלפיאַ. און אָהן טומעל, אויף אַ גאַנץ באַשיידענעם אופן, איז איהם געלונגען גלייך אין אָנפאַנג צו ווערבירען די אַרבייט.

עס איז ניטאָ קיין איין וויכטיגע אונטערנעהמונג וואָס די אַרבייטערשאַפט האָט אונטערגענומען, אַז גענאָסע בערגער זאָל דאַרט ניט זיין איינער פון די וויכטיגסטע טהוער. צי עס איז געווען דער לייבאָר לייסעאום, דער קעמפּ, אָדער אַנדערע אידישע געזעלשאַפטליכע אַקציעס, האָבען אַלע געפונען אין פריינד בער־גער'ן אַ וואַרעמען מענשען און אַן אַקטיווען מיטהעלפער.

דער אַמעריקען „אָרט“ שליסט זיך אָן אין דער גרויסער צאָהל פריינד און ווינשט גענאָסע הערי בערגער און זיין פאַמיליע פיעל גליק, געזונד און לאַנגע יאָהר פון פּרוכטבאַרער אַרבייט.

פיליפּ בלאַק, דירעקטאָר אַמעריקען „אָרט“

יאָהרען פון נוצליכען לעבען און ווירקען

מיט פארגעניגען שליס איך זיך אָן אין די רייהען פון די צאָהלרייכע פריינד פון הערי בערגער, און באַגריס איהם צו זיין פופציג־יאָהריגען געבורטסטאג.

זיינע פופציג יאָהר לעבען זיינען יאָהרען פון זעהר א רייכען אינהאַלט. דאָס זיינען יאָהרען פון נוצליכען לעבען און ווירקען. כמעט זיין גאַנצען לעבען האָט ער געווידמעט דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דעם אַרבייטער קלאַס. און אַלס סאָציאַליסט האָט ער אַסך געטאָהן אויף דעם געביט פון ענטוויקלען די אַרבייטער מאַסען אַלס קלאַסען־באַוואוסטזיניגע מענשען, וועלכע צילען צו א נייער אָרדנונג, צו א וועלט פון גלייכהייט און יושר.

פאַר די עטליכע צוואַנציג יאָהר וואָס איך קען איהם, האָב איך געהאַט א געלעגענהייט נאָכצופאָלגען זיינע טהעטיגקייטען אין דער אַרבייטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איך קען מיט זיכערקייט זאָגען, אַז שטענדיג איז די אַרבייטער זאַך איהם געווען זעהר נאָהענט צום הארצען. דעם אַרבייטער׳ס קאַמף, זיינע צילען און זיינע שטרעבונגען צו א גענצליכער באַפרייאונג אַלס א קלאַס— דאָס איז אויך געווען בערגער׳ן ציעל. אַלע אַרבייטער, אָהן אונטערשיעד פון ראַסע, קאָליר און גלויבען, האָבען איהם טיעף אינטערעסירט און אין זייערע אינטערעסען האָט ער געאַרבייט.

איך באַגריס הערי בערגער צו דיזער געלעגענהייט און ווינש איהם נאָך אַסך יאָהרען פון טהעטיגקייט. זאָלען זיינע צוקונפטיגע יאָהרען זיין ניט וויינעגער רייך און פרוכטבאַר ווי די פאַרגאַנגענע.

מאָריס ה. פיינסטאָון, סעקרעטאַר,
פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, נ. י.

הלואי האָבען מיר אַסך בערגערס

עס איז באמת א גרויסער פאַרגעניגען פאַר מיר אויסצודריקען אין עטליכע ווערטער מיינע וואונשען און געפיהלען פאַר גענאָסע הערי בערגער צו זיין יובי־לעאום. פון סאַמע ערשטען טאָג, ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע, ביז היינט, איז הערי בערגער געווען ניט נאָר מיין מיטארבייטער אין דער סאָציאַליסטישער און ארבייטער באַוועגונג, נאָר אויך מיין גוטער און געטרייער חבר. זעהר אָפט דיינק איך, אז עס איז ניט זעלטען אסך וויכטיגער צו זיין א גוטער חבר ווי א גוטער פאַרטיי־מיטגליד. אָבער הערי בערגער פערזאָניפיצירט אין זיך ניט נאָר א מאַן, וואָס איז איבערגעגעבען די אידעאַלען און פרינציפען פון סאָציאַליזם, נאָר אויך א טייערען פערזענליכען פריינד.

אין די היינטיגע אויפגעשטורעמטע טעג פאַר אונזער באַוועגונג, מעגען מיר זיך ווינשען: הלואי וואָלטען מיר געהאַט צעהנדליגער טויזענטער אַזעלכע מענשען ווי בערגער. מיר וואָלטען דאַן אסך שנעלער און בעסער פאַרווירקליכט אונזער אידעאַל.

איך פיהל א דאַנקבאַרקייט פאַר דער געלעגענהייט, וואָס איז מיר געגעבען ארויסצוזאָגען עפענטליך דאָס וואָס איך דיינק וועגען הערי בערגער. איך ווינש איהם נאָך לאַנגע יאָהרען פון קאָנסטרוקטיווער ארבייט אין די אינטערעסען פון סאָציאַליזם.

ש. מ. לעוויטאַס,

מענעדזשער פון „ניו־לידער“

מיר זיינען געבונדען מיט איין אידעאַל

טייערער ח׳ בערגער:

נעמט צו אונזער הארציגסטע באַגריסונג צו אייער 50־יאָהריגען יובילײ.

אַלע שליחים פון דער אידישער ארבייטער־באַוועגונג אין פוילען, וועמען ס׳איז אויסגעקומען צו זיין אין פילאַדעלפיא, טראָגען אין הארצען טיפע דאַנקבאַרקייט פאַר אייער הארציגער און חבר׳שער באַציהונג.

מיר ווייסען, מיט וויפיעל נסיונות ס׳איז פאַרבונדען די ארבייט פון א סאָציאַליסטישען טהוער אין אַמעריקע—מיר זיינען דאָך געווען אליין עדות פון די זאָרג און אחריות, וואָס פאַלט אויף אייך, אַלס פיהרער פון דער ארבייטער־באַוועגונג אין פילאַדעלפיע. דאָך געפינט איהר אַלעמאָל צייט און ענערגיע צו ווידמען דער הילפס־ארבייט, דער ברודערליכער טהעטיגקייט לטובת אונזער קולטור־און פאָליטישער באַוועגונג אין פוילען. דאָס פליסט ביי אייך פון דעם טיפען באַוואוסטזיין, אַז מיר זיינען געבונדען מיט איין אידעאַל, מיט איין האָפענונג אין דער צוקונפט. קענען די וועגען זיין פאַרשידען—אָבער דער ענד־ציעל איז דער זעלבער.

און ווייל איהר קענט מיט דער שיין פון צוקונפט באַלויכטען אונזער היינט—דעריבער ווייזט איהר אַלעמאָל ארוים אַזוי פיעל פריינדשאַפט, אַזוי פיעל אויפריכטיגע זאָרג פאַר אונזער ארבייט.

זאָלען מיר אייך דאַנקען? — מיר ווייסען אַז איהר דאַרפט נאָך איצט נישט זאַמלען די דאַנק־אויסדרוקען, ווייל איהר זיינט נאָך פול מיט ענערגיע און איניציאַטיוו, און איהר וועט נאָך אַסך, אַסך קענען אויפטאָהן.

דעריבער וועט איהר ערלויבען, אַז אין טאָג פון אייער יום־טוב—וועלען מיר צוטראָגען אייך אונזער בלום פון פריינדשאַפט און דאַנק.

אייערע,

ח. ש. קאַזשדאַן
ש. מענדעלסאָן
וואַרשע, פוילען

י. אדלער

עס איז אַ סוד...

(אַ האַרציגע מתנה מיין ליבען פריינד און גענאָסע, ה. בערגער, צו זיין 50 יאָהריגען געבורטסטאג)

װען איך קאָן שוין גאָרניט טראַכטען,
טראַכט איך:
מען דאַרף אַמאָל אַ טראַכט טאָהן
װעגען שטיבעל, דאָרט אין טאָל,
װעגען טײַכעל, דעם שטילען,
װאָס שלאָפט אין אַ בעט פון קאַלטען שטאָל.
איבער מיר אַ שװאַלב, אַ יונגע, פליט,
איבער מיר אַ קאַרשענביימעל בליט —
טראַכט איך, װען איך קען שוין גאָרנישט
טראַכטען:
װעגען יענע פאַרנאַכטען.
װעגען שטערען, פייער־פליגען . . .
קומען פראַגען אויפ'ן זינען,
און איך הויב זיי אָן צו שפּינען:

װער רופט די גראָזען פון דער ערד אַרויס?
װער הייסט זיי װאַקסען, װערען גרויס?
די זון? אפשר נישט די זון?
אפשר גאָט? — עס איז אַ סוד . . .

װער רופט די בלומען פון דער ערד אַרויס?
װער זאָגט זיי: בליט אויף, װערט גרויס?
װער װעקט פון שלאָף דעם שטילען קװאַל?
װער קושט דעם באַרג־שטראָם אין זיין פאַל?
אַ שטראַל?
אפשר נישט קיין שטראַל? אפשר גאָט?
עס בלייבט אַ סוד . . .

ווער זאָגט צום ווינטעל: „ווינטעל בלאָז"?
ווער בויגט די קעפּלאך פון זאנג און גראָז?
גאָט?—
איך וויים נישט, עס איז א סוד . . .

ווער זאָגט צום הארץ: „הארץ פארלאנג"?
ווער פילט מיט קערנער אָן די זאנג?
ווער מאכט מיין קאָפּ ווי זילבער גרוי,
ווער צירט די פעלדער אוים מיט טוי?
און זאָגט מיר: ווער, אָ, ווער,
באשאפען האָט דעם יתום׳ס טרער?
גאָט?—
איך וויים נישט, ס׳איז א סוד . . .

ווער פארבט די בלעטער גאָלד און גרין?
ווער גיט דעם האָניג צו דער בין?
און ווער האָט אויסגעטראכט
דעם רעגענבויגענס פארב?
און ווער, אָ, זאָגט צום מענשען:
„שטארב"?
און ווער האָט בלינד געמאכט דעם קראָט?
גאָט?—
איך וויים נישט, ס׳איז א סוד . . .

און ווער האָט שווארץ געמאכט די קראָ?
און ווער האָט אין די אויגען מיר
אריינגעטאָהן דאָס בלאָ?
און ווער האָט אויסגערופען צו דעם מענשען:
„לעב"?
און ווער האָט אויסגערופען צו דעם מענשען:
„שטרעב"?
און ווער, אָ, ווער, האָט דעם ווינט
אין אָסיען-צייט,
געשאָנקען דאָס געוויין?
און ווער האָט צו די וואָלקענס אויסגערופען:
„וואָלקענס, איהר מוזט געהען"?
און ווער האָט געהייסען אלע פעלזען
בלייבען שטעהען?

און ווער געהייסען האָט די פייגעל שוועבען
אין דער לופט?
און ווער גיסט אָן די בלומענבעכערס
מיט דופט?
און ווער האָט אָנגעזאָגט דעם ים צו רוישען
אין זיין ווייסען שוים?
און ווער האָט אָנגעזאָגט דעם מענשען:
„טרוים דיין שענסטען טרוים"?
און ווער באשאפען האָט די נויט?
און ווער באשאפען האָט דעם טויט?
גאָט?
אפשר יאָ און אפשר נישט—
עס איז א סוד . . .

און ווען איך וויל, קאָן איך פרעגען:
ווער האָט באשאפען פראָסט און שניי
און רעגען?
ווער האָט באשאפען די קעלט
אויף דער וועלט?
און די היץ?
און דעם טאָג מיט זיין פראכט?
און דעם חושך פון דער נאכט?
און ווער האָט געגעבען דעם מענשען
זיין שלאָף? זיין פרייד?
זיין לייד? זיין בענקשאפט און די ליבע?
גאָט?
אפשר יאָ און אפשר ניין;
איך ווייס נישט, עס איז א סוד . . .

ל. פאַגעלמאַן

אַן אמת׳ער דזשענטעלמאַן

עס איז אַ גוטער מנהג צו פייערען אַ יובילײ. ווען ניט, ווען וואָלט מען געהאַט אַ געלעגענהייט צו זאָגען דאָס, וואָס מען פיהלט און מען דענקט וועגען אַ נאָ־הענטען מענשען? ווען וואָלט מען געקענט אויסדריקען אָפען אונזער ליבען גענאָסע ה. בערגער׳ן די וואַרימע, אמת פריינדליכע געפיהלען, וועלכע זיינע צאָהלרייכע פריינד האָבען צו איהם, ווען ניט די געלעגענהייט פון זיין איצטיגען פופציג־יאָהריגען יובילײ?

מען דאַרף זיך גאָרניט אָנטאָהן קיין כח צו שיקען אַ פריינדליכע באַגריסונג בערגער׳ן; מען דאַרף גאָרניט זוכען קינסטליך קיין וואַרימע ווערטער פאַר איהם, ווייל זיי געהען אַליין אַרויס פון האַרצען. ער איז אַזאַ ליעבליכער אַזאַ פריינדליכער מענש, אַז עס ווילט זיך פשוט אויסנוצען יעדע גינסטיגע געלעגענהייט אַרויסצו־ווייזען איהם אויך דעם נאַטירליכען געפיהל פון פריינדליכקייט.

גענאָסע בערגער איז אַן אמת׳ער דזשענטעלמען; און דאָס איז אַן אייגענשאַפט, וואָס מען באַגעגענט ביי אונז ניט זעהר אָפט. אין זיין באַציהונג צו מענשען, אין זיין גאַנצער באַנעהמונג פיהלט איהר גלייך, אַז איהר האָט צו טאָהן מיט אַן איידעל־מאַן; און דאָס איז אַ מעלה, וואָס מיר געפינען, לײדער, ניט ביי אַסך מענשען.

אין אונזער צייט, ווען חוצפה און וואויל־יונגערישקייט איז אַזוי שטאַרק פאַרשפּרייט, ווען וואולגאַרע, גראָבע מאַנערען שאָקירען אונז אויף יעדען שריט, איז אַזאַ מענש ווי בערגער באמת אַן אַנגענעהמע אויסנאַהמע, וואָס וואָרפט זיך גלייך אין די אויגען.

פאַראַן מענשען, וועלכע האָבען איינגעבוירענע אינטעליגענץ; און פאַראַן, פאַרקערט, מענשען, וועלכע קיין שום בילדונג און קיין שום אויסערליכע פאָלירונג העלפט ניט; פון זיי שפּאַרט אַרויס דער גראָבער יונג.

בערגער באַלאַנגט צו דער ערשטער קאַטעגאָריע מענשען: ער האָט אין זיך אַן איינגעבוירענע אינטעליגענץ, וואָס איז פיעל ווערטהפולער און וויכטיגער ווי פאַרשידענע „קאָלעדזש־דעגרים“.

און איבערהויפּט האָט ער אין זיך אַן אינערליכע וואַרימע, פריינדליכע באַ־ציהונג צו מענשען, וואָס איז אויך ווערטהפולער און וויכטיגער פון אַסך אַנדערע מעלות.

פאר אונזער באוועגונג איז בערגער באזונדערס טייער מיט זיין ערענסטער און לאיאלער באציהונג צו פרינציפען און צו פאליטישע און געזעלשאפטליכע פראגען בכלל.

ער איז א מענש מיט דעם נויטיגען געפיהל פאר טאקט, מיט דער נויטיגער אינערליכער מאס פאר מענשען און פאר פאסירונגען; און דאס איז דאך אויך א גרויסע מעלה.

איך דענק, אז צו א יובילייי בין איך ניט מחויב אויסצוזוכען און אויסצורעכענען אויך די חסרונות פון דעם יובילאר; קיינער ערוואַרט עס פון מיר ניט, און וויייניגער פון אלץ ערוואַרט עס פון מיר דער יובילאר אליין.

און מיר ווילט זיך היינט דורכאויס פארשאפען דעם ליבען גענאסע בערגער בלויז אנגענעהמע מאמענטען, וועלכע ער האט כשר פארדינט צו זיין יום־טוב.

צו דעם נעקסטען יובילייי זיינעם זאג איך צו אויסצורעכענען אויך אנדערע מעלות זיינע; היינטיגס מאל וועט זיין גענוג.

איך ווינש גענאסע בערגער'ן א ווייטערדיגען לעבען, פול מיט פרייד און גליק.

לעאן גאטליעב

מיין וואונש צום יובילאר

איך ווינש אייך, ליבער גענאסע בערגער, נאך פילע, פילע יאהרען פון געזונד און גליק.

דעם קומענדען ווינטער ווערט אכט און צוואנציג יאהר זינט מיר האבען זיך פערזענליך באקענט. איהר האט דאמאלסט געהאט אייער פאטאגראפישע סטודיא אויף עווניו „בי". קיין ניו־יארק איז דאמאלסט אנגעקומען א גרויסער גאסט—א „פארווערטס" גאסט—שלום אש. שלום אש איז שוין דאמאלסט געווען באריהמט דורך זיין „שטעדטעל" און דורך זיין „גאט פון נקמה", און דורך זיינע סקיצען וואס ד'ער „פארווערטס" האט געדרוקט. מען האט געדארפט נעהמען א בילד פון איהם. נאטירליך בין איך מיט אש'ן געגאנגען צו אייך. ערשטענס, זיינט איהר געווען איינער פון די קינסטלער־פאטאגראפער אין אידישען קווארטאל; צווייטענס, און דאס איז דאס וויכטיגסטע, זיינט איהר געווען א מעמבער פון „פארווערטס" אסאסיאיישאן.

זינט יענער צייט פלעגען מיר זיך גאנץ אפט באגעגענען. און דורך די פילע יאהרען וואס איהר באלאנגט צו דער „פארווערטס" משפחה קען איך אייך אלס אן אונערמידליכען טוער פאר אונזער אידעאל. ווינש איך אייך, אלזא, צו אייער היינטיגען יום־טוב, איהר זאלט נאך פילע, פילע יאהרען קענען אנגעהען מיט אייער נוצליכער ארבייט.

ב. באַטווינִיק

די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אַ נשמה

ווען איך האָב דערהערט אַז אין פֿילאַדעלפֿיאַ גרייט מען זיך צו פֿייערען גענאָסע ה. בערגער׳ס פֿופֿציג יאָהריגען יובילעאום, האָט זיך שטיל ביי מיר אין האַרצען אַרויסגערעדט: „אַך, אַ פֿאַרדינטער יובילעאום"!

עס זיינען דאָ ניט ווייניג גענאָסען אין אונזער באַוועגונג, וועלכע טהוען גוטע אַרבייט, וועלכע זיינען זעהר וואַרטהאַפֿט, אָבער זייערע מעשים זיינען שטענדיג באַגלייט מיט אַ טומעל, מיט אַ וויכער, מיט טעמפּעראַמענטאַלע אויסגעשרייען.

אַנדערש איז גענאָסע בערגער. ביי בערגער׳ן איז דער טעמפּעראַמענט איני־ווייניג אין זיין נשמה, פֿאַרזיכטיג איינגעצאַמט אויף אַ זעהר ציוויליזירטען אופֿן. די איבערפֿלאַך פֿון זיינע טהעטיגקייטען איז שטיל און ווייך.

בערגער איז פֿון נאַטור, און אויך לויט זיין ערציהונג, אַ מענש מיט אַ קינסטלערישער נשמה. איהם שטעלט ניט צופֿרידען אַן אַרבייט סיידען עס ווערט געטאָהן מיט דער געהעריגער פֿאַרבענדרייכער אויסשטאַטונג און די קלאַנגען פֿון זיינע אויפֿ־טהואונגען מוזען זיין ראַפֿינירט און באַגלייט מיט אַ פֿילאָזאָפֿישען הומאָר. אין זיין גרעסטער פֿאַרהאַוועטקייט פֿאַרגעסט ער ניט די קינסטלערישע זייט פֿון זיין אויפֿטהו, אין וועלכען ער איז פֿאַרקאָכט.

גענאָסע בערגער איז מיינער אַ לאַנדסמאַן פֿון מינסק. אין מינסק האָב איך זיך מיט איהם ניט געקאָנט. באַקענט האָב איך זיך מיט איהם ווען ער איז ערשינען פֿאַר מיר אין דער ראָלע פֿון אַ פֿאָטאָגראַפֿער. איך בין געקומען מיט מיין פֿאַמיליע פֿאָטאָגראַפֿירען זיך אין זיין סטודיאָ אין ניו־יאָרק.

פֿאָטאָגראַפֿיע איז אַ קונסט אַרבייט, אָבער הפּנים אַז דאָס האָט בערגער׳ן ניט צופֿרידענגעשטעלט אַלס זיין באַרוף אין לעבען, ווייל פֿאָטאָגראַפֿיע גרייכט ניט אין דער נשמה אַריין; דער פֿאָטאָגראַפֿישער אַפּאַראַט דערגייט בלויז ביז׳ן פּנים.

ווען איך בין אַמאָל, מיט איבער צוואַנציג יאָהר צוריק, געקומען צו בערגער׳ן פֿאָטאָגראַפֿירען זיך, האָב איך גלייך דערזעהען אין איהם אַ פֿאָטאָגראַפֿער מיט אַ טיעף מענשליכער נשמה. אַ צייכען פֿון יענער באַקאַנטשאַפֿט געפֿינט זיך אין מיין שטוב — אַ קינסטלערישע בילד וואָס ער האָט געמאַכט פֿון מיינע קינדער. ווען איך קוק אויף דער בילד, אויף דעם אויסגעשטאַטעטען הינטערגרונד, אויף די ליכט און שאָטענס, וואָס ער האָט קאָמבינירט, דערמאָן איך זיך אויף בערגער׳ן, אויף זיין ראַפֿינירטען געשמאַק.

אָבער גיין, בערגער׳ן האָט דער מעכאַנישער פֿאָטאָגראַף אַפּאַראַט ניט צו־פֿרידענגעשטעלט. ער אַליין האָט באַמערקט אַ נאַטירליכען אַפּאַראַט אין זיין נשמה,

און זיין בארוף אין לעבען איז געווען ארונטערצונעהמען אימפּרעסיעס ניט בלויז פון פנים׳ער, נאָר פון נשמות, פון מענשליכע נשמות.

דערפיהלט האָב איך עס אין בערגער׳ן ווען איך האָב זיך מיט איהם גאָר נאָהענט באקענט אין דער ארבייט ביי דער גרינדונג פון אידישען סאָציאליסטישען פארבאנד.

דאָס איז געווען אין דעם יאָהר 1921, ווען די קאָמוניסטישע טענדענצען האָבען צושפּאלטען די אידישע סאָציאליסטישע פעדעראציע. די פעדעראציע איז דאַן געשטאָרבען אויף די באריקאדען אויפגעבויט פון לינקער פראזעלאָגיע, און אונזער רעכטע גרופּע האָט געגרינדעט דעם סאָציאליסטישען פארבאנד.

דער אָקציאָנס קאָמיטעט, אויף וועלכען עס איז געפאלען די גאנצע ארבייט פון דעם ניי־געגרינדעטען אידישען סאָציאליסטישען פארבאנד, איז באשטאנען פון זעקס גענאָסען, צווישען וועלכע גענאָסע בערגער איז אויך געווען.

ארבייטענדיג מיט איהם דאַן, האָב איך דערקענט אין איהם אַ קעמפער מיט אַן ארטיסטישער נשמה, מיט אַ ראפינירטען „סענס אָוו הומאָר", מיט ענערגיע, מיט אַ ליבעראלער פארשטענדעניס פאר מענשליכע חסרונות.

דאָ, אין דער ארבייט פאר אַן אידעאל, פריי פון דעם מעכאנישען פאָטאָגראַ־פישען אפּאראט, האָט ער זיך ענטוויקעלט פון טאָג צו טאָג אלס דער מענש וואָס איז אליין אַ פאָטאָגראפישע אינסטיטוציע, וועלכע פאָטאָגראפירט נשמות. יעדער אינערליכער שטריך פון די מענשען ארום האָט זיך פאָטאָגראפירט אין זיין אינער־ליכקייט; ער האָט גענומען אלץ מעהרער פארשטעהען מענשען, און דאָס האָט איהם געבראכט צו טאָהן וויכטיגע ארבייט פאר דער ארבייטער באוועגונג און פאר׳ן „פאָרווערטס".

איך האלט, אז בערגער איז פון די געצעהלטע, וואָס קענען באגעגענען מענשען מיט ליבע און מיט ווירדע . . . און דאָס איז זיין הויפּט־מעלה; דאָס אינספּירירט מענשען צו טאָהן גוטע ארבייט.

עס איז אַ פארגעניגען צו ארבייטען צוזאמען מיט גענאָסע בערגער׳ן, און איך בין מקנא די פילאדעלפיער גענאָסען וועלכע האָבען די געלעגענהייט צו טאָהן מיט איהם צוזאמען ארבייט פאר אונזער סאָציאליסטישער באוועגונג.

איך ווייס אז אין פילאדעלפיא איז בערגער ניט בלויז דער מענעדזשער פון דעם דאָרטיגען „פאָרווערטס", ער איז אויך אַ חבר, אַ ראטה־געבער פאר יעדען סיי אין געזעלשאפטליכקייט, סיי אין שווערע מאָמענטען פון אימעצען׳ס פּריוואטען לעבען.

ה. בערגער׳ס פופציג־יאָהריגער יובילעאום איז אַ גרויסע און שעהנע סטאנציע, וואו מיר אלע שטעלען זיך אָפּ צו באטראכטען די ווערטהפולע ארבייט פון איינעם פון אונזערע שעהנסטע פערזענליכקייטען, וועלכע איז אונז אלעמען זעהר נוציליך און זעהר ליעב און טייער.

חיים עהרענרייך

מיר דאַרפֿען בערגער׳ן אין ניו יאָרק

איך בין זיך מודה ומתודה אז די בשורה וועגען גענאָסע און פריינט הערי בערגער׳ס פופציגסטען געבורטסטאג האָט מיך אַ היבש ביסעל ערשטוינט. איך קען דעם ליבען, הארציגען בערגער באַלד פערצעהן יאָהר און די גאנצע צייט האָב איך דאָך געדאַרפט וויסען אַז, פריהער אָדער שפּעטער, וועט ער מוזען ווערען אַ פופציגער. און פופציג היינטיגע צייטען איז דאָך ערשט דער אָנהויב, דער אויפ־שוואונג פון מענשליכער ענערגיע. און דאָך פּאַטופּעט זיך ניט אין קאָפּ אַז בערגער, אונזער בערגער, איז שוין גרייט אַריבערצוטרעטען דעם ערשטען האַלבען הונדערט.

ס׳ווילט זיך צו זיין יובילעאום אָנשרייבען אַ באַגריסונג וואָס זאָל זיין אַזוי הארציג און גוט ווי ער אַליין איז. ער האָט אַסך מעלות, און איך זאָג עס מיט מיין גאַנצער אויפריכטיגקייט. אָבער איין גרויסע מעלה, די וואָס האָט איהם געשאַפען אַזוי פיעל איבערגעגעבענע פריינט, איז זיין פשטות, זיין געקינצעלטע באַצי־הונג צו זיינע מיט־מענשען.

מאכט אָט די מעלה ניט אוועק מיט דער האַנד. אונזער באַוועגונג האָט אַרויסגעגעבען פיהרער, אַי עהרליכע, אַי פעהיגע מענשען. זיי האָבען זייער גאָט טריי געדינט. אָבער ס׳איז שווער צו פיהרען און דאָך זיין איינער פון די גע־פיהרטע. ס׳איז שווער צו ווייזען דעם וועג און באַטרעטען איהם אַלס איינער פון די וועמען דו ווייזט דעם וועג.

בערגער, דער קלוגער, פעהיגער און עהליך־טרייער, איז שטענדיג איינער פון אונז. ער מאכט אונז קיינמאָל ניט פיהלען אַז מיר זיינען פון די געפיהרטע, אַז ער איז אָפּגעטיילט פון אונז, אַזוי ווי יעדער פיהרער וואָס מוז, סוף כל סוף, זיין אָפּגערוקט פון די מאַסען פון וועלכע ער האָט זיך אַרויסגעהויבען.

זיין איינפאַכקייט, זיין פריינדשאַפט איז ניט קיין פּאָזע. אַזוי איז ער. ער צווינגט זיך ניט צו זיין „דעמאָקראַטיש“; ער קען ניט זיין אַנדערש ווי ער איז.

ווען דערקענט מען אַ מענשען? ווען עס קומט אויס מיט איהם צו אַרבייטען צוזאַמען. מיט עטליכע יאָהר צוריק, אין די ערשטע יאָהרען פון בערגער׳ס באַזעצען זיך אין פילאַדעלפיא, איז מיר אויסגעקומען צו באַטייליגען זיך מיט איהם אין עטליכע אונטערנעהמונגען וואָס ער האָט דורכגעפיהרט. און איך האָב דאַן געהאַט די געלעגענהייט צו בעאָבאַכטען די גרינטליכקייט און מעטאָדישקייט מיט וועלכע ער פיהרט דורך זיין אַרבייט. נאָך מעהר, איך האָב קענען געלערענט זיין פיינע פאַרשטענדעניס פאַר מענשען, זיין טאָלעראַנץ און גרויסען שכל. און איך האָב פאַר איהם באַקומען ניט נאָר גרויס דרך ארץ, נאָר אויך גרויס ליעבשאַפט.

פילאַדעלפיא איז ניט ווייט פון ניו־יאָרק. קנאַפּע צוויי שעה און מען איז דאָרט. פונדעסטוועגען, הגם איך האָב די בעסטע געפיהלען צו די פילאַדעלפיער

גענאָסען, האָף איך אז בערגער וועט צוריקקומען קיין ניו־יאָרק. ס'איז פּאָרט א גרעסער וואַסער און גרויסע פיש דאַרפען א גרויסען ים. און, חוץ דעם אַלץ, ווילט זיך טאַקע איהם זעהען דאָ מיט אונז און ביי אונז. פאַר אונז, ניו־יאָרקער, איז א געזיכט וואָס איז ניט פאַרכמורעט און אויגען וואָס שמייכלען, א יקר המציאות. און בערגער שמייכעלט. זיין האַנד־דרוק איז פריינדליך און אויפריכטיג. זיין וואָרט איז ניט געוויקעלט אין קאָלירטען „סעלאָפיין". ער איז עכט. און ווי ווייניג עכטעס מיר האָבען אין ניו־יאָרק . . .

דעם ליבען בערגער, דעם האַרציגען פריינד און גענאָסע, ווינש איך פון גאַנצען האַרצען כאָטש נאָך פופציג ענערגישע, פּראָדוקטיווע יאָהרען. איך ווייס אז דעם וואונש שיקען איהם אויך אַסך אויפריכטיגע פריינד גלייכצייטיג — אַזוי איז שוין דער מענשליכער ענאָאיזם — דריק איך אויס דעם וואונש, אז בערגער זאָל די נעקסטע פופציג יאָהר פאַרברייננגען אין ניו־יאָרק. מיר דאַרפען איהם דאָ.

אין דינסט פון אונזער קאַמף

מיט 11—12 יאָהר צוריק, ווען בערגער איז אָנגעקומען קיין פילאַדעלפיא, איז מיר אויסגעקומען צו זיין דער מענעדזשער פון א פילאַדעלפיער וועיסט און דרעסמייקער יוניאָן, וועלכע איז געווען צעריסען דורך אינערליכע „לינקע־רעכטע" שטרייטיגקייטען, אָפּגעשוואַכט, דעמאָראַליזירט און אין א שרעקליכען צושטאַנד פון דעסאָרגאַניזאַציע. אין יענער קריטישער צייט, האָב איך אין בערגער'ן געפונען אַן אמת'ן פריינד אין דער נויט. ער האָט געהאָלפען מיט ראַטה און טהאַט; ער האָט ערמוטיגט און געשטאַרקט די הענד פון די, וואָס זיינען געשטאַנען ביים רודער און האָט געזוכט צוזאַמענצוהאַלטען דאָס, וואָס האָט געהאַלטען ביים פאַנאַנדער־פאַלען.

ביי א צווייטער געלעגענהייט, אין 1933, ווען עס איז דורכגעפיהרט געוואָרען די גרויסע רעאָרגאַניזירונג און אויפלעבונג פון אונזער יוניאָן, און עס האָט זיך צו דעם גענויטיגט די פולע הילף און קאָאָפּעראַציע פון די בעסטע און שטאַרקסטע פריינד, האָט בערגער דורך דעם „פאָרווערטס" אונז געגעבען אַלץ, וואָס מיר האָבען ערוואַרטעט, און אָפּטמאָל נאָך מעהר. ער האָט אין יענעם ענטשיידענדען מאָמענט ממש געשטעלט דעם גאַנצען פילאַדעלפיער „פאָרווערטס" אַפּאַראַט אין דינסט פון אונזער קאַמף, און האָט צוזאַמען מיט אונז געפייערט אונזער גרויסען זיג.

כאָטש איך בין איצט אין ניו־יאָרק, בין איך מיט מיין גאַנצען האַרצען צווישען די, וואָס פייערען איצט אין פילאַדעלפיע דעם 50 יאָהריגען יובילעאום פון מיין פריינד, הערי בערגער.

עליאַס רייזבערג, וויס־פּרעזידענט, א. ל. ג. וו. י.

נ. זאלאוויץ

„לאיף בעגינס עט פארטי"

דער אמעריקאנער קאלעדזש פראפעסאר וועלכער האט מיט א האלב־צעהנדליג יאהר צוריק פארפאסט א בוך מיט'ן טיטול: „לאיף בעגינס עט פארטי", האט מסתמא אין זינען געהאט מיין פריינד הערי בערגער'ן . . .

ווארים די פרוכטבארסטע פעריאדע פון הערי בערגער'ס קאריערע האט זיך אנגעפאנגען מיט א יאהר צעהן־צוועלף צוריק—„עט פארטי". און איצט, צו פופציג, איז זיין קאריערע אין פולען שוואונג.

פילאדעלפיא האט קענען געלערענט בערגער'ן ווען ער איז אהין אריבערגע־קומען צו ווערען דער דארטיגער מענעדזשער פון „פארווערטס" און מ'קען זאגען אז בערגער האט זיך אליין אויך „קענען געלערענט" דאמאלסט, ווייל ער האט אין זיך ענטדעקט פעהיגקייטען און מעגליכקייטען וואס ער האט אליין ניט געהאט פארדעכטיגט. בערגער האט זיך איינגעלעבט אין פילאדעלפיא; בערגער לעבט זיך אוים אין פילאדעלפיא.

עמערסאן, דאכט זיך, האט אמאל געזאגט: „דער איינציגער וועג צו האבען א פריינד, איז צו זיין א פריינד."

בערגער האט אהן־א־שיעור פריינד, ווייל בערגער איז א פריינד צו אהן־א־שיעור מענשען.

ער איז איינער פון מיינע עלטסטע און אינטימסטע פריינד. בערגער איז געוועז איינער פון די וואס האבען געמאכט דעם „שידוך" צווישען מיר און דעם „פארווערטס" מיט פופצעהן און־א־האלב יאהר צוריק. כ'ווייס ניט צו ער גע־דיינקט דאס. איך האב דאס קיינמאל ניט פארגעסען. כ'וועל איהם אייביג דאנקבאר זיין. בערגער האט א ספעציעלע הנאה צו טאהן מענשען טובות; ער פארמאגט א ספעציעלע פעהיגקייט צו טאהן מענשען טובות.

ניט איין אנטיסעמיט האט פארזיכערט די וועלט: „מאנכע פון מיינע בעסטע פריינד זיינען אידען".

און ניט איין ביאליסטאקער לאנדסמאן נעמט זיך איבער: „מאנכע פון מיינע בעסטע פריינד זיינען מינסקער".

כ'בין אליין א ביאליסטאקער, און כ'בין זיך מודה, אז די מייסטע פון מיינע בעסטע פריינד זיינען מינסקער. אויב כ'מאך קיין „טעות" ניט, איז דאך הערי בערגער א מינסקער לאנדסמאן . . .

מיט בערגער'ן האב איך זיך באקענט — און באפריינדעט — טאקע צוליעב מינסק . . . מיין שוועסטער האט געהאט דאס גליק און מזל חתונה צו האבען מיט א מינסקער יונגענמאן, בערגער'ס א גוטען פריינד. אזוי־ארום איז בערגער געווארען אן אפטער איינגעהער ביי אונז אין שטוב, און מיר זיינען געווארען אפטע איינגעהער ביי איהם אין שטוב. שוין העכער א פערטעל יאהרהונדערט אז ס'האלט אן די פריינדשאפט צווישען די בערגערס און די זאלאוויצעס.

אין די מעהר ווי פינף־און־צוואנציג יאהר וואס איך קען הערי בערגער'ן, האב איך איהם קיינמאל ניט געזעהען אין כעס. כ'ווייס ניט צי ער האט זיך ווען־עס־איז געקריגט מיט אימיצען. א מענש אהן א גאל — דאס איז הערי בערגער! א מענש מיט אומבאגרעניצטער ליבע פאר זיינע מיט־מענשען, א צארטער, א געפיהלפולער, א געדולדיגער. בערגער קען אויסקומען מיט מענשען. אפילו ווען איהר שטימט מיט איהם ניט איין וועגען א געוויסער פראגע, ענדערט דאס ניט אויף א האר זיין באציהונג צו אייך. ער פאדערט ניט פון זיינע פריינד אז זיי זאלען וועגען אלץ דענקען ווי ער דענקט, אדער טאהן וואס ער טהוט. פאראן מענשען — ליידער איז זייער צאהל א גאנץ היבשע — וואס קוקען מיט האס און פאראכטונג אויף אלע די וואס האבען אן אנדער בליק אויף מענשען און זאכען ווי זיי אליין האבען. בערגער געהערט ניט צו דער דאזיגער קאטעגאריע.

אויף בערגער'ס א מיינונג קען מען זיך פארלאזען. אויף בערגער'ס א ווארט קען מען זיך פארלאזען. ער איז פראקטיש, טאקטפול, קלוג, ערפאהרען. ער פארשטעהט די וועלט, ער פארשטעהט מענשען.

פון גאנצען הארצען באגריס איך הערי בערגער'ן צו זיין 50טען געבורטסטאג און ווינש איהם נאך פילע, פילע יאהרען פון פרוכטבארער טהעטיגקייט פאר דער צייטונג וואס איז אונז אלע ליעב און פאר'ן סאציאליסטישען אידעאל וואס איז אונז אלע טייער.

יעקב רייך

בערגער׳ס ספּעציעלע אייגענשאַפט

יעדער איינער פון אונז ווערט געבוירען מיט אַ מאַסע אייגענשאַפטען, פעהיגקייטען, כאַראַקטער שטריכען, און נעמט אָן אין פאַרלויף פון יאָהרען נאָך און נאָך, ביז עס קנעפט זיך פון זיי אַלע אויס דאָס וואָס מיר רופען אַ מענשענ׳ס פערזענליכקייט. געוועהנליך איז פאַראַן איין שטריך אָדער איין אייגענשאַפט וואָס ווייזט זיך אַרויס שטאַרקער, בולטער, ווי אַלע אַנדערע, און דאָס גיט צו טאָן צו דעם מענשענ׳ס כאַראַקטער און אַ ספּעציעלע פאָרם צו דעם מענשענ׳ס גייסטיגער פיזיאָגנאָמיע. איינער איז אַ גוטער, אָדער אַ שלעכטער, אָדער אַ קלוגער, אַ בייזער, אַ וויציגער, און אַזוי כסדר. ער קען צו דער זעלבער צייט פאַרמאָגען נאָך אייגענשאַפטען, אָבער איינע, וואָס ווייזט זיך אַרויס אַם שטאַרקסטען, שטעמפּעלט איהם ביי אונז און בעאיינפלוסט אונזער באַציהונג צו איהם. אויף אַ מענשענ׳ס פיזישען געזיכט וואָלט עס געווען, לאָמיר זאָגען, אַ חן־גריבעל אָדער אַ שראַנט; אויף זיין גייסטיגען געזיכט איז עס יענער טייל פון זיין כאַראַקטער, מיט וועלכען ער צייכענט זיך אַם שטאַרקסטען אויס אין לעבען.

נו, גענאָסע בערגער׳ס ספּעציעלע אייגענשאַפט, גלויב איך, איז פריינדליכקייט. ער האָט אַן אייגנאַרטיגען טאַלאַנט אַזאַ. זיין באַציהונג צו מענשען איז איינע פון צוגעלאָזענקייט, פון פאַרברודערונג, פון פריינדשאַפט. אין זיין געזעלשאַפט פיהלט מען זיך ווי מען וואָלט פאַרבראַכט אין אַ שעהנעם, זוניגען טאָג צווישען געטרייע און אינטערעסאַנטע פריינד. דאָס מיינט ניט, אַז בערגער פאַרמאָגט ניט קיין געגנער אָדער אַפילו שונאים. ער האָט אָהן צווייפעל געגנער. בלויז איינער וואָס טהוט גאָרניט קען זיך אויסהיטען פון געגנערשאַפט. אָבער זיין פאָרציע בין איך זיכער איז אַסך אַ קלענערע ווי די וואָס מיר, וואָס פאַרמאָגען ניט זיין כאַראַקטער און זיין טאַלאַנט, האָבען זיך ערוואָרבען.

בערגער האָט אַן אמת׳ן באַגעהר צו פאַרשטענדיגען זיך מיט מענשען. עס איז ניט בלויז דערפאַר וואָס ער וויל אויסמיידען אונאַנגענעהמליכקייטען. אַלע ווילען מיר עס אויסמיידען, און די מעהרסטע פון אונז טוען עס דורך דערווייטערען זיך, אָדער דורך פאַרקוקען אָדער איגנאָרירען זאַכען און מענשען וואָס קענען אונז אפשר ניט זיין צום האַרצען. בערגער טהוט עס אויף אַן אַנדער אַרט, אויף זיין אייגענעם וועג. ער זוכט אויס מענשען און דערוואַרימט זיי מיט דער זוניגקייט פון זיין שמייכעל און גיט זיי יעדע געלעגענהייט איינצושטעלען אַ באַציהונג פון וואַרים־

קייט און פריינדשאפט. אין יענע זעלטענע צייטען, ווען עס געלינגט איהם ניט, איז עס ניט זיין שולד, נאָר די שולד פון אומשטענדען אָדער פון מיספארשטענדנים.

מען קען מקנא זיין בערגער'ן אָט די ספּעציעלע אייגענשאפט זיינע, און צו דער זעלבער צייט געניסען פון איהר. אלס איינער וואָס איז איהם אי מקנא זיין טאלאנט צו פארברידערונג און פארשטענדיגונג, און איז אויך זשעדנע צו געניסען פון איהר, באגרים איך איהם צו זיין יובילייע און ווינש איהם נאָך פילע, פילע יאָהרען פון געזונד און טהעטיגקייט. אזא פערזענליכקייט און אזא טעמפעראמענט זיינען זעהר, זעהר נויטיג אויף דער וועלט.

ה. ס. בערענשטיין

ניט לייכט איז דער וועג פון די בערגערס

ניט אלע וועלכע ווערען אלט 50 יאָהר קאָנען שטאָלץ זיין מיט זייער פאר־גאנגענהייט.

לעבען און עלטער ווערען, דאָס קאָנען אלע וועלכע האָבען יאָהרען. אָבער בלויז געצעהלטע מענשען האָבען אסך פון זייערע יאָהרען אוועקגעגעבען פאר אונזער באפרייאונגס אידעאל, פאר דעם קאמף פון א שעהנערער און גערעכטערער וועלט, פאר א בעסערען היינט און פרייערען מאָרגען.

אונזער ליבער פריינד און גענאָסע הערי בערגער איז איינער פון אָט די געצעהלטע, און דערפאר אונזער היינטיגער יום־טוב.

ניט לייכט איז אלעמאל דער וועג פון אָט די בערגערס, נישט איינער איז געפאלען. אָבער דער רוף צום קאמף שטעלט זיך ניט אָפּ. די שטארקערע, מוטי־קערע זעצען פאָר די באפרייאונגס ארבייט און האלטען הויך אונזער פאָהן. אונזער היינטיגער בעל־שמחה וועט נאָך פאר פילע יאָהרען פאָרזעצען זיין גוטע אונער־מידליכע ארבייט.

פאָרווערטס, פריינד, און גענאָסע בערגער! אין קאמף איז אונזער באפרייאונג! אין איינינקייט, אונזער שטארקייט—באוואוסטזיין אונזער וואפען!

צו אונז באלאנגט דער שעהנער נאָהענטער מאָרגען. מיר דארפען אייך מיט אונז פאר לאנגע, לאנגע יאָהרען. מיט נייע כוחות אין קאמף פאר א בעסערער און שעהנערער וועלט.

ב. מיימאן (בן ציון)

אַ געלונגענע דריי־איינינקייט

איז אַ פופציג־יאָהריגער איד שוין אַלט, מיטעל־יעהריג אָדער נאָך גאָר אַ יונגערמאַנטשיק?

עס ווענדעט זיך ווי ביי וועמען. אייניגע זיינען צו פופציג יאָהר שוין אַלטע שמאַטעס וואָס וואַלגערען זיך אויפ'ן מיסט. אָבער הערי בערגער, לויט זיין ענערגיע, אַרבייטס־פעהיגקייט, אונטערנעהמונגס־גייסט, ריהרעוודיגקייט און אָפטע באַגייס־טערונג, איז נאָך גאָר אַ יונגער־מאַנטשיק. עס כאַפּט זיך זאָגאר אריין אַ געדאַנק, אַז ער בלאָפט אונטער ווען ער זאָגט, אַז ער איז שוין פופציג יאָהר אַלט.

פאַר אַ פופציג־יאָהריגען אידען, וועלכער האָט אַלעמאָל פיעל און שווער גע־אַרבייט אין אונזער באַוועגונג, אונטער ניט זעהר באַקוועמע און ניט צו־שטאַרק צופרידענשטעלענדע אומשטענדען, פּאַסט צו זיין אַ היבש ביסעל אויפגערעגט, נערוועז, אונגעדולדיג און אָפּט זאָגאַר אונטאָלעראַנט. הערי בערגער איז אָבער כמעט אַלעמאָל רוהיג, געלאַסען, קאַלט און באַרעכענט. דער טיפּ פון אַן אמת'ן „דזשענטעלמאַן", וואָס איז אַזוי זעלטען אין אונזערע קרייזען.

וואָלט ער ניט געווען אין דער באַוועגונג, און וואָלט ער געווען אונטער אומ־שטענדען און צושטענדע מעהר פּאַסענד פאַר אונזער קרעמערישער וועלטעלע, וואָלט ער וואַרשיינליך געווען אַ פּרעזידענט פון אַ באַנק, אָדער עפּעס אַן „עקזע־קוטיוו" פון אַ גרויסער געשעפט פירמע. זיין ענערגיע, זיין פעהיגקייט און זיין באַרעכענטקייט מאַכען איהם אויסגעצייכענט פּאַסענד פאַר אַן אידעאַלען „עקזע־קוטיוו". אונטער די אומשטענדען אונטער וועלכע ער געפינט זיך, און אַלס אַ באַוועגונגס מענש, האָט ער די דאָזיגע עקזעקוטיווע פעהיגקייטען געשטעלט אין דינסט פון אונזער באַוועגונג. און די באַוועגונג אַנערקענט דאָס, און עס איז אַ פאַרגעניגען זיך צו נעהמען איצט די געלעגענהייט די אַנערקענונג צו איהם אויס־צודריקען ווי געהעריג.

אַ ספּעציעלע אויסנאַהמע איז צו געפינען איינעם מיט עקזעקוטיווע פעהיג־קייטען צו קענען שעהן ריידען, גוט שרייבען, און צו קענען באַגייסטערט ווערען פאַר אַן אידעאַל. ווען מיר האָבען די אַלע מעלות געפונען אין איין מענשען, און ווען דער מענש האָט זיין גאַנצען לעבען און זיינע פעהיגקייטען געשטעלט צו אונזער דינסט, מעגען מיר ערענסט און אויפריכטיג באַגריסען אונזער פריינד און גענאָסע הערי בערגער, און איהם ווינשען נאָך פילע יאָהרען מיט געזונד און צופרידענהייט.

ווי אַזוי ער איז „מפורסם“ געוואָרען

איך האָב וועגען הערי בערגער זעהר אסך צו שרייבען, ווייל איך קען בערגער'ן שוין פאַר א משך פון דרייסיג יאָהר. איך קען בערגער'ן ווען ער איז נאָך—פאַר קיין שום אידען געדאכט—געווען א פאָטאָגראַפער אין ניו־יאָרק, ערגעץ אויף עוועניו בי, אז ווען ער האָט אראָפּגעכאַפּט א בילד פון א טאַטען איז גאָר ארויס־געקומען א מאַמע. איך קען בערגער'ן נאָך פון דער צייט, ווען ער איז אָנגעקומען אין דעם סובסקריפּשאָן דעפּאַרטמענט פון ניו־יאָרקער „פאָרווערטס“ און איז דער־נאָך פּארוואַנדעלט געוואָרען אין א מענעדזשער פון דער „צוקונפט“ און שפּעטער האָט ער גראַדואירט אַלס אסיסטענט מענעדזשער פון „פאָרווערטס“.

אָבער כל זמן בערגער איז געווען א ניו־יאָרקער תושב האָט מען איהם אין די ארבייטער רינג קרייזען ניט אָנגעזעהען. ער איז געווען א מיטגליד פון ברענטש 99 און דאָרט זיינען שטענדיג געווען אידען, וואָס האָבען איהם ניט צוגעלאָזט צום פּסוק, ווייל זיי אַליין האָבען אין דעם ברענטש דעם אויסשליסליכען מאָנאָפּאָל אויף אַלע כבודים . . .

מיט זיין אריבערכאַפּען זיך אין דער „פארשלאָפענער“ שטאָדט פילא־דעלפיא האָט בערגער'ס באַריהמטקייט אויפגעוואַכט און ס'איז אפשר געווען א גליק סאַי פאַר איהם און סאַי פאַר אונז. אין פילאַדעלפיא האָט זיך בערגער אריינגעוואָרפען אין דער ארבייטער רינג טהעטיגקייט און איז מפורסם געוואָרען בכל תפוצת ארבייטער רינג אַלס איינער פון די בעסטע, פעהיגסטע און פּראַק־טישסטע טוער.

דאָס זיינען פאַקטען, וואָס ניט נאָר איך, נאָר אַלע ווייסען. אָבער אז בערגער קריכט שוין אויך אריין אין די פופציגער, דאָס איז פאַר מיר געווען כמעט ווי א באַהאַלטענער סוד. וויל איך טאַקע, אז צו זיין 50 יאָהריגען יובילעאום זאָל אויך מיין שטימע אָפּקלינגען צווישען די אַלע באַגריסער, וואָס וועלען זיך משמח זיין מיט דעם יום־טוב, וואָס עס ווערט אראַנזשירט פאַר אונזער יובילאַר הערשעל בערגער.

איך שיק איהם מיין הארציגע באַגריסונג און מיינע בעסטע וואונשען פאַר נאָך פילע יאָהרען אַקטיוויטעט אין אונזער אָרגאַניזאַציע.

ל. ראָטהמאַן, עקזעק. סעק. א. ר.

ב. פרישוואסער

וואָס זיינע מינסקער לאַנדסלייט דערצעהלען

מען דערצעהלט אז ווען גענאָסע ה. בערגער האָט זיך באַוויזען אין „קעסעל-גארטען" האָט אַן אַנגעשטעלטער דאָרט ביי איהם געפרעגט פון וואַנעט ער קומט? האָט ער איהם נישט געענטפערט. האָט דער אַנגעשטעלטער ביי איהם אַ צווייטען מאָל געפרעגט פון וועלכער שטאָדט ער קומט? האָט ער איהם אויך נישט גע-ענטפערט. האָט שוין דער אַנגעשטעלטער ביי איהם צום דריטען מאָל געפרעגט, און טאַקע אַביסעל העכער, אויב ער קומט נישט אמאָל פון ווילנא . . . האָט בערגער שטיל און „קאַלט-בלוטיק" איהם געענטפערט, אז ער קומט גאָר פון מינסק . . . „פון מינסק"—האָט דער אַנגעשטעלטער אויסגערופען — און ער האָט ערקלערט אַלעמען, אז דער יונגערמאַן איז דער ערשטער „קאַלט-בלוטיגער" מינסקער וואָס קומט קיין אמעריקא און דערשרעקט זיך נישט פאַר אַן אַנגעשטעלטען וואָס איז אויך געבוירען נישט ווייט פון מינסק . . .

מיר זאָגען עס אַנטקעגען דעם וואָס שוין ביי זיין אָנקומען אין אמעריקא, און אפילו אין די שפּעטערע יאָהרען, האָט בערגער שטענדיג געהאַנדעלט „קאַלט-בלוטיג", אַלעמאָל איז ער צוגעטראָטען צו יעדער זאַך רוהיג און געלאַסען, און דערפאַר זיך געשאַפען מאַסען פריינד און פאַרעהרער.

גענאָסע בערגער האָט גלייך אין די ערשטע יאָהרען אין אמעריקא זיך איינ-געבירגערט און פאַרנומען אַ בכבוד'יגען פּלאַץ אין אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען. ביסלאַכווייז איז ער אריינגעדרונגען אין אַלע ארבייטער אינסטיטוציעס און איז געוואָרען אַ וויכטיגער פיהרער. ווען גענאָסע ה. בערגער איז אַלט געווען 38 יאָהר האָט ער זיך שוין געהאַט דערשלאָגען צו זיין דער אסיסטענט מענעדזשער פון „פאָרווערטס". צו יענער צייט איז ער שוין אויך געווען דער גאַנצער מענעדזשער פון דער „צוקונפט". ער האָט שוין געהאַט אַ סעפּאַראַטען אָפיס מיט אַ גרויסען דעסק, עס פלעגען שוין צו איהם אריינקומען פילע גענאָסען און מינסקער—מיט איהם זיך אַביסעל דורכצושמועסען.

וועגען בערגער'ן און זיינע מינסקער לאַנדסלייט דערצעהלט מען אזוי צו זאָגען: ווען די מלחמה האָט זיך געענדיגט, האָבען די מינסקער לאַנדסלייט אין אמעריקא געזאַמעלט אַסך טויזענטער פאַר די נויטליידענדע אין מינסק. נאַטירליך, האָבען זיי דאַן געזוכט אַ אידען וואָס קומט פון מינסק און וואָס זאָל אריבערפיהרען פאַר די נויטליידענדע די געזאַמעלטע געלדער. זיי האָבען געזוכט אַ אידען אַ מינסקער, וואָס זאָל בשלום פאָהרען און בשלום צוריקקומען . . . און דער גורל איז דאַן גע-

פּאַלען אויף גענאָסע ה. בערגער'ן ער זאָל זיין דער שלוח פון די אַמעריקאַנער מינסקער קיין מינסק. אין עטלאַכע חדשים, ווען גענאָסע בערגער איז צוריקגע־קומען, האָבען זיינע מינסקער ערוואַרטעט אַז ער וועט פאַר זיי פּיעל ריידען—לאָזט זיך אויס פאַרקערט. אַנשטאַט ריידען—שרייבט ער אַ סעריע אַרטיקלען וועגען מינסק אין „פאָרווערטס", און די טויזענטער מינסקער האָבען געקראָגען דעם אמת'ן גרוס פון מינסק, בעסער פון הונדערט רעדעס.

יאָ, כמעט פאַרגעסען. ווען דער „ספּליט" אין דער „אידישער פעדעראַציע" מיט 15 יאָהר צוריק איז פאָרגעקומען, און דער „אידישער־פאַרבאַנד" איז געגרינ־דעט געוואָרען, האָט מען גענאָסע בערגער'ן „גערדרעפּטעט" אַלס דעם ערשטען טשערמאַן.

אַלזאָ, ווי איהר זעהט, האָט גענאָסע בערגער זיך שוין געהאַט ערוואָרבען אַ בכבוד'יגען פּלאַץ אין ניו־יאָרק—נעמט דער מענש און גיט אויף אַלע כבודים און דזשאַבס, וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר פילע יאָהרען, און פאָהרט אַוועק קיין פילאַדעלפיא צו ווערען דער מענעדזשער פון „פאָרווערטס". אין פילאַדעלפיא קען ער ניט שלאָפען . . . האָט ער זיך אַ נעם געטאָהן צו פיהרען „פאַרבאַנד" ברענ־טשעס, זיך צו מישען אין אַרבייטער רינג געשעפטען, און אין זינען האָבען יאָ־שולן און ניט־שולן . . . זיך צו טרעפען מיט געווערקשאַפטען פיהרער ביי פאַרשידענע מיטינגען, אויפצופּאַסען אויף די קאָמוניסטען פון אַלע קלייזלאַך—האַנדלען מיט אַדווערטייזער וואָס אַדווערטייזען אין „פאָרווערטס". היינט ווער רעדט שוין פון לייבאָר לייסעאום, און פאַרברענגען מיט גענאָסען ביי אַלערליי מיטינגען—פון צייט צו צייט זיך אַביסעל אַריבערכאַפּען קיין ניו־יאָרק און זעהען באַקאַנטע . . . אויך נישט פאַרגעסען אַז מען איז פאַרהייראַט און ז. וו.

אָט פאַר דעם מענש מאַכט איצט פילאַדעלפיא אַ יום־טוב. זאָגט אַליין, ליבער רעדאַקטאָר (צווישען אונז גערעדט)—האָט פילאַדעלפיא, אייער שטאָדט, זיך ניט פאַרשלאָפען? אָבער ווען מיר האָבען זיך דערוואוסט די אורזאַך וואָרום איהר האָט געוואַרט 12 יאָהר, כדי צו פייערען זיין 50 יאָהר יונג — דאַן פאַרשטעהען מיר אייער האַנדלונג און מיר גלויבען אַז קיין בעסערע צייט האָט איהר ניט געקענט אויסקלייבען.

איך באַגריס גענאָסע הערי בערגער און ווינש איהם לאַנגע יאָהרען פון ווייטערדיגער אַרבייט פאַר אונזער באַוועגונג.

ח. פּופּקאָ

דער אַדרעס פון דער באַוועגונג אין פילאַדעלפיא

איך האַלט פאַר אַן אַנגענעהמען חוב צו באַגריסען פריינד ה. בערגער צו זיין יובילעאום. איך האָב זיך מיט איהם באַקענט אין 1934 אַלס מיטגליד פון צענט־ראַלען בילדונגס קאָמיטעט אין ווילנע, ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע אין שליחות פון די דאָרטיגע אידיש־וועלטליכע שולן. אַ צווייטען מאָל בין איך גע־קומען קיין אַמעריקע אין 1936 דורכצופיהרען אַן אַקציע פאַר דער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע אין אידיש, וואָס דער דובנאָוו־פאָנד אין פּאַריז גיט אַרויס.

ביידע מאָל איז פריינד בערגער געווען צווישען די אַקטיווסטע אין די ספּע־ציעלע קאָמיטעטען, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען אין פילאַדעלפיע אויף אָנ־צופיהרען מיט די קאַמפּיינס. מיט זיין אַרבייט האָט ער אין אַ גרויסער מאָס געהאָלפען צו דעם ערפאָלג פון ביידע אַקציעס.

פאַר דער צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין פילאַדעלפיע, איז מיר אויס־געקומען צו טרעפען זיך מיט מענשען פון פאַרשידענע קרייזען, און הערענדיג זייערע מיינונגען וועגען בערגער׳ן האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אונזער יובילאַר פאַרנעמט זעהר אַ וויכטיגען און חשוב׳ן אָרט אין אידישען געזעלשאַפטליכען לעבען פון פילאַדעלפיע. אויסער זיין טעגליכער אַרבייט אַלס מענעדזשער פון „פאָרווערטס“, גיט ער אָפּ זיין גאַנצע פרייע צייט צו דער אַרבייט אין אַ גאַנצער רייהע אינסטיטוציעס פון אונזער באַוועגונג און פאַרנעמט אין די דאָזיגע אָנ־שטאַלטען אַ פיהרענדע ראָלע.

איהם אַליין, דעם יובילאַר, האָב איך געטראָפען אויף מיטינגען פון די גע־ווערקשאַפטען, אויף זיצונגען פון פאַרשידענע אַרבייטער רינג קאָמיטעס און אויף פאַרזאַמלונגען פון סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד אַלס רעפּערענט וועגען פראַגען פון דער אַרבייטער באַוועגונג. איך פלעג באַוואונדערען זיין אַרבייטס־פעהיגקייט, זיין קענען אויסקומען מיט מענשען, זיין באַווירקען און זיין אַריינצייהען אין דער אַרבייט. ער אַליין געהערט גראָד צו דעם טיפּ מענשען, וועמען ס׳איז ניט אַזוי גרינג צו געווינען פאַר אַ נייער זאַך. דערפאַר אָבער, אַז ער זאָגט צו, אַז ער נעמט זיך צו אַן ענין, קען מען זיין זיכער, אַז דאָס וועט דורכגעפיהרט ווערען אויף גאַנצע 100 פּראָצענט. דאָס ערקלערט פאַרוואָס אין ברייטע פילאַדעלפיער קרייזען איז ה. בערגער געוואָרען דער אַדרעס צו וועמען מען ווענדעט זיך אין פאַרשידענע פאַלען. צי ס׳האַנדעלט זיך וועגען אַ וויכטיגען ענין אין דער אָרטיגער אַרבייטער

באוועגונג, צי וועגען א שול־פראגע, צי וועגען אויסגלייכען א „סכסוך" אין א ברענטש פון ארבייטער רינג, צי מען דארף באהאנדלען ענינים פון קעמפ—צו ה. בערגער'ס מיינונג הערט מען זיך צו און מיט זיין שטעלונג רעכענט מען זיך.

צו זיין יובילעאום קען איך בלויז זאגען: איך ווינש אונזער באוועגונג אסך אזעלכע קלארע דיינקער און איבערגעבענע טהוער, ווי דאס איז פריינד ה. בערגער.

י. לעוויט

איך האב מיר איהם פארגעשטעלט אסך עלטער

שוין א היבשע צאהל יאהרען ווי איך האב ניט געהאט די געלעגענהייט צו טרעפען זיך מיט'ן בעל יובל, הערי בערגער. געהערט האב איך נאר פון דער־ווייטענס אז גענאסע בערגער האט א שטיקעל צייט צוגעקרענקט, אן אפעראציע דורכגעמאכט. עס איז אבער געווען א צייט ווען איך האב מיט'ן יובילאר זיך אפט דורכגעשריבען און זיך אויך געזעהען. דאס איז געווען נאך מיט זיבעצעהן יאהר צוריק, ווען גענאסע וולאדעק האט מיך אנגעשטעלט אין לאס אנדזשעלעס צו אר־בייטען פאר'ן „פארווערטס". גענאסע בערגער איז דאן געווען דער „שני למלך" אין ניו יארק, און מיר האבען אפט קארעספאנדירט, און, אויף מיינע ניט גאר אפטע באזוכען אין ניו יארק, זיך פערזענליך באקענט.

מיט א פאר יאהר שפעטער, מיט פופצעהן יאהר צוריק, האט די „פארווערטס" פארוואלטונג ארויסגעגעבען אזא שריפט, וועלכע האט געדינט די אינטערעסען פון די „פארווערטס" מענעדזשערס איבער'ן לאנד. יענע שריפט איז אויך געווען יעדאגירט פון גענאסע בערגער. זינט יענער צייט האב איך זיך געטראפען מיט בערגער'ן נאך איינמאל, און דאס איז געווען טאקע אין פילאדעלפיא מיט ניין יאהר צוריק, ביי דער קאנווענשאן פון די ארב. רינג שולן, און באלד נאכדעם ביים 30־יאהריגען יובילייי פון „פארווערטס" אין ניו יארק.

איך ווייס ניט וואס פאר אן איינדרוק איך האב געמאכט אויף בערגער'ן, אבער בערגער האט אויף מיר געמאכט אן אויסערגעוועהנליך פיינעם איינדרוק. איך האב געפונען אין גענאסע בערגער'ן אן איבערגעבענעם פריינד, א זעהר פעי־היגען און פונקטליכען פארוואלטער און א גוטען ברודער. ביי די פאר מיטינגען, וואו איך האב געטראפען גענאסע בערגער'ן, האב איך אויך פאר זיך געזעהען אן אומגעהייער פראקטישען טוער. מיר האבען איצט ביי אונז אין לאס אנדזשעלעס פר. מיכל געלבארט, דעם דיריגענט פון ארבייטער רינג כאר, וועלכער האט א

לייננערע צייט געלעבט און געארבייט אין פילאַדעלפיא. און יעדן מאָל וואָס ער קומט אין אָפיס, האַלט ער אין איין דערצעהלען פון דער חשוב'ער און גרויסער פּאָזיציע, וואָס גענאָסע בערגער פאַרנעמט אין דער באַוועגונג אין פילאַדעלפיא, ווי ער ווערט ביי אייך דאָרטען שטאַרק רעספּעקטירט און צו וועמען מ'קומט אין צייטען פון צוויסטיגקייטען פאַר אַן אויסגלייך, און וועמעס וואָרט און עצה ווערט אַלעמאָל אויסגעפאָלגט און געהיט.

אויך קומט אוים אָפטמאָל צו הערען פון דעם גרויסען אונטערנעמונגס גייסט וואָס הערי בערגער פאַרמאָגט אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען און וועגען די גרויסע און ערפאָלגרייכע אונטערנעהמונגען וועלכע ווערען אונטער בערגער'ס פאַר־וואַלטונג דורכגעפיהרט צו גונסטען אַלע טיילען פון דער אַרבייטער און סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג. אָפטמאָל ווילט זיך מקנא זיין פאַר דער וואונדערבאַרער פּאָזיציע וואָס הערי בערגער פאַרנעמט אין פילאַדעלפיא, אָבער ווּיסענדיג, ווי קאַרג עס איז אונזער וועלטעל מיט אויסטיילען אַנערקענונג, שטעל איך זיך פאָר ווי שווער און אונערמידליך בערגער'ן קומט אוים צו אַרבייטען כדי מעגליך צו מאַכען דעם ערפאָלג. דעריבער וועט אייך שוין געווים אויך ניט וואונדערען אויב איך האָב זיך פאָרגעשטעלט דעם ערענסטען פּראַקטישען בערגער'ן פאַר עלטער אין יאָהרען ווי ער איז.

איך טרינק אַ טאָוסט פאַר אייער געזונד, גענאָסע הערי בערגער, און פאַר פילע יאָהרען פון אַרבייט פאַר דער פאַרווירקליכונג פון אונזערע סאָציאַליסטישע אידעאַלען. איך באַגרים אייך צו אייער יובילייִ און ווינש אייך, צו עלטערען זיך אין גליק און אין פרייד.

לאָם אַנדזשעלעס, קאַל.

פון זיינע מינסקער לאַנדסלייט

אונזער בערגער איז צוגעקומען צום 50טען יאָהר פון זיין שעהנעם און רייכען לעבען. צו אזא געלעגענהייט קענען מיר, זיינע לאַנדסלייט, נישט בלייבען גלייכגילטיג.

אונזער ברודער הערי איז שוין איבער 30 יאָהר א מיטגליד פון אונזער פאַר־איין. גלייך ביים אַנשליסען זיך אַלס מיטגליד האָט ער אַרויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען אין דער אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבייט, און איז באַלד געוואָרען איינער פון אונזערע אַקטיוויסטע מיטגלידער. ער איז אַסך מאָל געווען דער טשערמאַן פון אונזער פאַראיין און מיט זיין שאַרפען שכל און שטאַרקען אימפּעט, האָט ער אונז געהאָלפען גרויס מאַכען אונזער מינסקער לאַנדסמאַנשאַפט־פאַראיין, וועלכער איז היינט איינער פון די פּראָגרעסיווסטע און רייכסטע אינדעפּענדענט בענעוואָלענט אָרדערס און איז דער שטאָלץ פון אַלע לאַנדסמאַנשאַפט־פאַראיינען.

נאָך דער וועלט־מלחמה, ווען עס האָט זיך גענומען גריינדען לאַנדסמאַנשאַפט־רעליעפס, האָבען די מינסקער אָרגאַניזאַציעס, 16 אין צאָהל, געגרינדעט א מינסקער רעליעף און טויזענדער מינסקער לאַנדסלייט פון ניו־יאָרק און אומגעגענד האָבען געבראַכט א טייל פון זייערע שווער־פאַרהאָרעוועטע געלטער, כדי זיי אַריבערצו־שיקען צו זייערע ליידענדע קרובים אויף יענער זייט ים.

עס איז נויטיג געווען צו האָבען אַן אויסערגעוועהנליך פעהיגען און אָרענטליכען מענשען, וואָס זאָל די גרויסע סומע ריכטיג אַריבערפיהרען און ריכטיג פאַנאַנדערטיילען. און אונזער אויסוואַהל איז דאַן געפאַלען אויף ברודער הערי בערגער, וועלכער איז אויסגעקליבען געוואָרען אַלס אונזער איינציגער שלוח צו טאָהן די וויכטיגע רעליעף אַרבייט.

און מיט שטאָלץ קענען מיר זאָגען, אַז בערגער האָט זיין הייליגע און שווערע מיסיע דורכגעפיהרט צו אַלעמענס צופרידענהייט, און זיין פּונקטליכקייט און אָרענטליכקייט איז געלויבט געוואָרען אויף ביידע זייטען ים. עס פאַרדריסט אונז זעהר שטאַרק, וואָס בערגער איז איצט ניט מיט אונז אין ניו־יאָרק, און קען זיך ניט באַטייליגען אין דער אַרבייט פון אונזער אָרגאַניזאַציע. ביי אַסך געלעגענ־הייטען פעהלט אונז זיין ראַטה און זיין טהאַט. נאָר מיר טרייסטען זיך מיט דעם, וואָס ער איז ניט ווייט פון אונז, מיר הערען פון איהם זעהר אָפט און מיר ווייסען, אַז ער טהוט אין פילאַדעלפיע זעהר וויכטיגע אַרבייט פאַר דער סאָציאַליסטישער און אַרבייטער באַוועגונג.

מיט פרייד און פאַרגעניגען באַגריסען מיר דיך, ברודער הערי, צו דיין יום־טוב, און אין נאָמען פון אונזערע 550 מיטגלידער ווינשען מיר דיר פון טיפען הארצען געזונד און גליק און אַלע דיינע צוקונפטיגע אַרבייטען.

מינסקער יאָנג פרענדס בענעוואָלענט אסס׳ן
דזשאָזעף ראַבינאָוויץ, סעקרעטאַר

א. ל. שניאור

וואָס פילאַדעלפיא האָט געפונען אין בערגער׳ן

בערגער׳ס ערשטע ערשיינונג אויף דער פילאַדעלפיער סצענע איז געווען מיט 12 יאָהר צוריק, ווען פריינד וואָלדעק האָט איהם דאָ פאָרגעשטעלט פאַר אַן ענגער גרופע פון די היגע טהעטיגסטע געגאָסען אַלס דער נייער „פאָרווערטס״ פאַר־וואַלטער אין אונזער שטאָדט, און ער האָט אונז פאַרזיכערט אַז ער איז זעהר אַ פעהיגער מענש און וועט אונז קענען בעהילפיג זיין אין פאַרשידענע טיילען פון דער באַוועגונג. כאָטש זיין אויסזעהען, זיינע שאַרפע, קלוגע אויגען, און זיין אַלגעמיינער באַנעהמען זיך, האָט אויף אונז געמאַכט אַן אַנגענעהמען איינדרוק, זיינען מיר דאָך עפּעס געווען סקעפּטיש צו איהם. ער האָט וויייניג גערעדט, האָט זיך געהאַלטען זעהר בעשיידען, ווי איינער וואָס קען קיין צוויי ניט ציילען, (יעצט פאַרשטעה איך, אַז דאָס האָט ער אונז באַטראַכט און געשטודירט, צו זעהען מיט וועמען ער דאַרף געהען צום טיש). דערצו האָבען די מעהרסטע פון אונז געהאַט געגוג ענטוישונגען אין מענשען וועלכע זיינען אונז געווען הויך רעקאָמענדירט, אַלס זעהר בעגאַבטע און פעהיגע מענשען, און עס האָט זיך אָפט אויסגעלאָזען גראַדע פאַרקערט. עס האָט זיך אונז איבערהויפּט ניט געגלויבט אַז פילאַדעלפיא וועט האָבען דעם מזל אַריינצוקריגען אַן אמת פעהיגען מענשען, אין וואָס אונזערע אינסטיטוציעס האָבען זיך אימער אַזוי שטאַרק גענויטיגט. טאָמער האָבען מיר אַמאָל געהאַט דאָס גליק צו האָבען ביי אונז עטליכע יאָהר דעם באַריהמטען וואָלדעק׳ן, האָט די האַרצלאָזע ניו־יאָרק איהם ביי אונז אויך צוגענומען. זיינען מיר טאַקע יענעם אָוועגד געבליבען קאַלט צו דעם גאַנצען עסק.

מען קען זיך דערפאַר גרינג פאָרשטעלען די איבעראַשונג פון די מעהרסטע פון אונז, ווען אין אַ פאַרהעלטניסמעסיג קורצער צייט האָבען מיר אין בערגער׳ן גע־פונען גרויסע פיעל־זייטיגע פעהיגקייטען; אַ מענש פול מיט ענערגיע, מיט אַסך שכל, אַן אויסגעצייכענטער פאַרוואַלטער, זעהר אַ גוטער רעדנער, און ניט קיין ערגערער שרייבער—אַ מענש מיט אונטערנעהמונגס קראַפט, מיט פעסטען ווילען און ענטשלאָסענקייט, אַן אונערמידליכער אַרבייטער צו רעאַליזירען אַלעס וואָס ער אונטערנעמט, אַ לאָיאַלער און איבערגעבענער פריינד צו מענשען וואָס ווערען איהם נאָהענט, אַ פעהיגער קעמפער פאַר נאָבעלע פּרינציפּען און הויכע אידעאַלען.

כאָטש ער איז נאָך דאָן געווען ביי אונז כמעט א נייער מענש, נאָך ניט אין גאַנצען א טייל פון דער היגער סביבה, איז ער פון דעסטוועגען זעהר שנעל גע־וואָרען דער קאָפּ און די נשמה פון דער היגער אידישער קולטורעלער, געזעלשאַפט־ליכער און פּראָגרעסיווער ארבייטער באוועגונג. עס איז דערפאַר נאַטירליך וואָס פון דאַן אָן האָט געהאַלטען אין איין וואַקסען די צאָהל מענשען מיט א טיפער אַכטונג און א וואַרימער פריינדשאַפט צו איהם.

די ראַדיקאַלע באוועגונג איבעראַל, און אויך דאָ ביי אונז, האָט די אַלע יאָהרען געהאַט אויסצושטעהען פילע שוועריגקייטען, אינערליכע שטרויכלונגען און אין מאַנכע פעלע שווערע נידערלאַגעס. האָט בערגער מיט פייער און ברען, צוזאַמען מיט אַלע געטרייע טהעטיגע גענאָסען, אימער געקעמפּט געגען אַלע צושטערענדע עלעמענטען, און מיר האָבען אונטער זיין פיהרערשאַפט אַם מעהרסטענס געזיגט.

דורך די יאָהרען וואָס בערגער איז אין פילאַדעלפיא זיינען דאָ געגרינדעט געוואָרען פילע נייע וויכטיגע אינסטיטוציעס, און אין יעדער האָט ער ביי־געטראָגען דעם גרעסטען חלק פון זיין אונערשעפּליכער ענערגיע און טהעטיגקייט, און מיט ראַטה און טהאַט האָט ער געפיהרט צו ערפאָלג.

איך האָף אַז מען וועט מיר גלויבען אַז איך מיין דאָ ניט צו איבערטרייבען. עס איז מיר איבערהויפּט פריקרע און דערווידער אויסצורעכענען יענעמ׳ס מעלות און זיך אריינלאָזען אין לויבגעזאַנגען און שבחים, ספּעציעל יענעם אין די אויגען; וואָרום איך ווייס דאָך אַז ער וועט עס לייענען. נאָר פון אמת קען איך דאָך ניט אוועקגעהען. עס איז דאָך א פאַקט אַז עס איז ניטאָ אין דער גאַנצער באוועגונג קיין איין טהעטיגקייט, קיין איין אונטערנעהמונג, קיין קאַמף וואָס ווערט דורכגע־פיהרט, וואו אונזער בעל היובל איז ניט אָן דער שפּיץ אָדער אַם ווייניגסטענס איינער פון די וויכטיגסטע אַנטיילנעהמער.

בערגער ווערט יעצט 50 יאָהר אַלט. א קלייניגקייט, א האַלבע מאה יאָהרען! פופציג יאָהר! מען זאָגט זיך דאָס אָפּ זעהר שנעל אין איין אָטהעם, נאָר ווען מען טראַכט זיך אביסעל אריין, איז דאָס שוין גאָרניט קיין קלייניגקייט; איבערהויפּט פאַר אונזערען א מענשען, וואָס איז געבוירען און ערצויגען אין אָן אַנדער לאַנד אויף יענער זייט ים, וואו מען האָט איינגעזאַפּט אַלע זיטען, באַגריפען און דעם אַרט לעבען פון יענער לאַנד; און נאָך אין די יונגע יאָהרען ווערט מען מיט אַמאָל אוועק־געריסען פון חברים, יוגענד פריינד, קרובים, און מען ווערט אריבערגעטראַנס־פּאָרטירט אין א ניי לאַנד, מיט נייע מענשען, נייע באַגריפען, א נייער סאָרט

לעבען, וואָס דאָס הייסט, אויב ניט פון דאָס־ניי געבוירען ווערען, איז אַם ווייניגס־טענס זיך אַריבערהאָדעווען, זיך אָפּזאָגען פון דאָס אַלטע, און זיך אַריינפּאַסען אין די נייע באַדינגונגען, זיך פון דאָס ניי ענטוויקלען, בויען אַ קאַריערע און אַ צוקונפט פאַר זיך. דאָס אַלעס קומט ניט אימער אָן זעהר גרינג.

בערגער האָט עס אפשר אין דעם הינזיכט געהאַט גרינגער פון די וועלכע זיינען אַריבערגעקומען אין די פריהערדיגע יאָהרען. אָבער דעם איבערברוך אין לעבען האָט ער געוויס אויך דורכגעליטען. דערנאָך קומט אַ פאַמיליע, ערציהען קינדער, וועמען עס ווילט זיך אימער געבען דאָס בעסטע, און ניט אַלעמאָל קומט עס אָן גרינג. מען האָט פּרינציפּען, אידעאַלען און עס קומט אוים זעהר פיעל צו קעמפען פאַר דעם. קורץ, די 50 יאָהר וועלכע מען רעדט אַרוים אַזוי גרינג, זיינען ניט אימער אַ רייהע פון גליק, פאַרגעניגען און צופרידענהייט. און אַז מען געפינט יעצט בערגער׳ן צו זיין 50טען געבורטסטאַג ניט אויף אַ האָר אָפּגעשוואַכט, נאָר פאַר־קערט, אין רעכטען מיטען פון זיין זעהר נוצליכער טהעטיגקייט אויף פילע פאַר־שידענע געביטען און אַרומגערינגעלט מיט אַ גרויסער צאָהל איבערגעבענע פריינד, איז דאָס בלויז וויל ער איז באַשאָנקען פון נאַטור מיט אַסך ענערגיע, אַ גוטען גע־זונטען קאָפּ, פיעל שכל, און נאָך מעהר יושר, און אַ גוטען קאָנטראָל איבער זיך אין אַלץ וואָס ער טהוט. זיין פאַרמאָגען אַזאַ אונערשעפּליכע ענערגיע ביי די יאָהרען, איז אַ צייכען פון יוגענדליכקייט.

איך ערלויב זיך צו רעכענען צווישען זיינע נאָהענטע פריינד, און אַלס אַזעלכער גראַטוליר איך איהם און ווינש איהם פון גרונד הארצען געזונד און גליק, ערפאָלג אין אַלע זיינע טהאַטען, און ער זאָל אויף ווייטער אָנהאַלטען די גליקליכע פעהיגקייט זיך צו פיהלען יונג און פריש ביז צום טיפען עלטער.

מ. שאפּירא

צוועלף יאָהר אין פילאדעלפיא

דער ארבייטער רינג, די גרויסע פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע, עקזיסטירט שוין ארום פיער צעהנדליג יאָהר. זי האָט אויפגעבויט א נעץ פון וויכטיגע געזעל־שאַפטליכע אינסטיטוציעס און האָט א באַזונדער בכבוד׳יגען אָרט זיך ערוואָרבערט פאַר די לעצטע פּאָר צעהנדליג יאָהר אויפ׳ן געזעלשאַפטליכען, פּאָליטישען און קול־טורעלען געביט. כמעט אין אַלע טיילען פון די פאַראייניגטע שטאַטען און קאַנאַדע זיינען אַלע אידישע סאָציאַליסטישע און קולטור טהעטיגקייטען ענג צוזאַמענגע־בונדען מיט׳ן לעבען פון די ארבייטער רינג ברענטשעס.

צו ארבייטען אין די אינטערעסען פון אזא אָרגאַניזאַציע איז א גרויסע זכיה און נאָך א גרעסערע פאַראַנטוואָרטליכקייט. און ווער עס איז זוכה צו ווערען אין דער דאָזיגער ארבייט א בויענדע, אויסשפּרייטענדע און צוזאַמענהאַלטענדע קראַפט, דער פאַרדינט אז זיינע טהעטיגקייטען און זיין כאַראַקטער בילד זאָלען פאַרבלייבען איינגעקריצט אין די טאָוולען פון דער געשיכטע פון דער אידישער און סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג ביי אונז אין לאַנד.

אין אונזער פילאַדעלפיע, וואָס איז די צווייטע גרעסטע שטאָדט אין מזרח אמעריקע, האָבען זיך פון סאַמע אָנפאַנג פון אידישען ישוב ארויסגערוקט באַ־דייטענדע כחות פון דער אידישער און ראַדיקאַלער באַוועגונג, וועלכע זיינען בסדר געווען אקטיוו פאַראייניגט מיט׳ן געזעלשאַפטליכען לעבען איבער׳ן גאַנצען לאַנד, און האָבען זייער חלק בייגעטראָגען אויף אַלע געביטען פון געזעלשאַפטליכער ארבייט.

און צווישען די פיהרענדע און אָנטרייבענדע כחות ארום אַלע עקזיסטירענדע אינסטיטוציעס—און דאָ רעד איך ספּעציעל וועגען די ארב. רינג אינסטיטוציעס—פאַרנעמט א באַזונדערס חשוב׳ן פּלאַץ אונזער יובילאַר, פריינד הערי בערגער, וועלכער האָט זיך מיט זיין ענערגיע, לאָגיק און טאַקט ערוואָרבען אַלעמענס אָנער־קענונג, צוטרויען און דאַנק. זיין אַקטיווּיטעט און זיין איינפלוס האָבען באַרייכערט אונזער אָרגאַניזאַציאָנס־לעבען און זיך אָפּגעשפּיגעלט אין אַלע ווינקעלאַך פון דער פאַרצווייגטער ארב. רינג טהעטיגקייט, ווי דאָס איז צו זעהען פון די פאָלגענדע לעבעדיגע פאַקטען און געשעהענישען, מיט וועלכע פריינד בערגער׳ס נאָמען איז ענג פאַרבונדען.

אין 1924 קומט בערגער אָן אין פילאַדעלפיע צו פאַרוואַלטען דעם „פאָר־ווערטס". צו יענער צייט, אַלס פאָרזיצער פון דער דיסטריקט קאָמיטע ארב. רינג,

איז מיר אויסגעקומען מיט איהם האָבען אָפטע געשפּרעכען וועגען אינערליכע אָרגאַניזאַציאָנס־פראַגען, און שוין דאַן ענטפּלעקט זיך פאַר אונז דער פעהיגער און ערענסטער אָרגאַניזאַציאָנס מענש. אין זיין באַגריסונגס־רעדע, אויף זיין ערשטען אָפיציעלען צוזאַמענקום מיט אונז, זונטאַג, סעפּטעמבער, 1925, ביי דעם אינסטאַלירונגס־יום־טוב פון דער ניי־ערוועהלטער דיסטריקט קאָמיטע, באַריכטעט ער מיט גרויס קענטשאַפט די וויכטיגסטע פּראָבלעמען אין אַרבייטער רינג, רעדט איבער אונזערע פליכטען צו דער בויאונג פון לייבאָר לייסעאום, און רופט צו אייניגקייט, כדי צו קענען באַגעגענען די אינערליכע שטרייטיגקייטען אין אונזער אָרגאַניזאַציע. ער לאָזט איבער אַ גוטען איינדרוק אויף די פאַרזאַמעלטע און גע־ווינט דעם צוטרויען פון די אַקטיווע טהוער.

אַלץ נעהענטער און אינטימער ווערט מיט דער צייט זיין טהעטיגקייט צווישען די אַרבייטער רינג פיהרער—און זונטאַג, מערץ דעם 21טען, 1926, ווערט שוין אָפיציעל געמאָלדען צווישען די אַרף. רינג נייעס אויף די שפּאַלטען פון „פאָר־ווערטס“, אַז פריינד בערגער ווערט צוגעצויגען אַלס מיטגליד צו דער צענטראַלער קערפּערשאַפט, דער דיסטריקט קאָמיטע, און עס ווערט געלייגט פיעל האָפנונג אויף זיין צוקונפטיגער טהעטיגקייט.

זונטאַג, דעם 26טען מערץ, דעם זעלבען יאָהר, ווערט געעפענט דער לייבאָר אינסטיטוט אין 810 לאָקוסט סטריט. די אידישע אַרבייטער באַוועגונג פּראָקלאַ־מירט אַ יום־טוב־וואָך פאַר אַלע טיילען פון דער באַוועגונג אין זייער נייער היים. ביי אַ פייערליכער פאַרזאַמלונג פון דער אַרב. רינג משפּחה לכבוד דעם חנוכת־הבית רעדט בערגער מיט אַ שעהנער באַגייסטערונג וועגען אַרב. רינג אַלס דעם רוקען־ביין פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג, און דריקט אויס דעם זעלבען געדאַנק דער־נאָך אויך אויף די שפּאַלטען פון „פאָרווערטס“.

דאָס יאָהר 1926 ווערט פאַרצייכענט אַלס דאָס ביטערסטע קאַמפּס־יאָהר צווי־שען „רעכט“ און „לינק“ אין דעם אַרבייטער רינג. עס קומען פאָר שפּאַלטונגען אין די בראַנטשעס; אַלע אונזערע בעסטע טהוער ווערען מאָביליזירט אָנצוהאַלטען די גאַנצקייט פון דער אָרגאַניזאַציע. אַ באַזונדער שווערער קאַמף ווערט אָנגעפיהרט אין מינסקער בראַנטש 305 (דעם נעסט פון לינקיזם צו יענער צייט). דער בראַנטש ווערט צושפּאַלטען, און פון איהם טיילט זיך אויס אַ נייער בראַנטש 217. דערנאָך, ווען דער קאַמף ווערט אָביסעל איינגעשטילט, און דאָס לעבען הויבט אָן ווערען נאָרמאַלער, ווערט צו פריינד בערגער׳ן איבערגעגעבען דער כבוד (אַלס צייכען פון אָנערקענונג) דורכצופיהרען די אָפיציעלע פאַראייניגונג פון בראַנטש 217 מיט׳ן וולאַדימיר מעדעם בראַנטש 124, (אויך אַ געוועזענער טייל פון בראַנטש 305) אין איין שטאַרקען לאָיאַלען בראַנטש אין דער אַרב. רינג משפּחה. צום סוף פון יאָהר טהעטיגקייט, ביי דער יעהרליכער קאָנפערענץ, ווערט פריינד בערגער איינשטימיג ערוועהלט אַלס פאָרזיצער, און פיהרט די קאָנפערענץ מיט גרויס טאַקט און אויס־

געהאַלטענקייט. ער ווערט דאַן פון דער קאָנפערענץ באַשטימט אין דער דיסטריקט קאָמיטעט, וועלכע ערוועהלט איהם אַלס פּאַרזיצער פון ארב. רינג דיסטריקט פאַר די יאָהרען 1926-27. פון דאַן אָן ווערט בערגער איינגעבירגערט אַלס איינער פון די וויכטיגסטע פיהרער אין די ארבייטער רינג רייהען אין פילאַדעלפיע, מיט אַ געאַכטעטען נאָמען צווישען אונזערע ברענטשעס און מיטגלידער.

אין יאָהר 1928, צו דער גרויסער יאָהרליכער קאָנפערענץ, סעפּטעמבער דעם 9טען, ווערט פריינד בערגער צום צווייטען מאָל ערוועהלט אַלס פּאַרזיצער פון פילא. ארב. רינג דיסטריקט פאַר די יאָהרען 1928-29. און דער טערמין בלייבט פאַרצייכענט צווישען די פרוכטבאַרסטע אין ארב. רינג לעבען.

מאָנטאג, אָקטאָבער, 1928, קומט פאַר דער ערשטער גרויסער ארב. רינג צוזאַמענקונפט צוזאַמען מיט די פרויען אָוקזילערי דעלעגאַטען. פריינד בערגער רעדט וועגען דער נויטיגקייט אַז די פרויען זאָלען פאַרנעהמען אַ וויכטיגען פּלאַץ אין געזעלשאַפטליכען און קולטורעלען לעבען. ביי יענער פאַרזאַמלונג ווערען די פרויען צום ערשטען מאָל אַקטיוו אריינגעצויגען אין דער ארבייט פון לייבאָר אינסטיטוט, און ביז היינטיגען טאָג זיינען זיי צווישען די וויכטיגע טהוער און בוי־ער אין אונזער איצטיגער ארבייטער היים. אין פאַרלויף פון דעם זעלבען טערמין ווערט אויך געליינט אַ פעסטער פונדאַמענט פאַר פרויען אָרגאַניזאַציעס אין ארב. רינג, און עס ווערען שוין דאַן אויך אָנגעמערקט פּלענער פאַר דער בויאונג פון יוגענד אָרגאַניזאַציעס.

באַזונדערס צייכענט זיך אויס יענער פעריאָד מיט אַקטיווער סאָציאַליסטישער אויפקלערונגס ארבייט אין די ארב. רינג ברענטשעס. עס ווערען דורכגעפיהרט לעקציעס, אָפען־פאָרומס און פאַרזאַמלונגען. איבערהויפּט ערפאָלגרייך איז געווען דער גרויסער מאַסען־מיטינג און קאָנצערט זונטאג, דעם 10טען פעברואַר, 1929, וואו בערגער איז געווען דער פאָרזיצער און הויפּט רעדנער.

דורך דער צייט, אַ דאַנק זיינע באַמיהונגען, איז דער פינאַנציעלער צושטאַנד פון לייבאָר לייסעאום פאַרזיכערט געוואָרען דורך אַ ספּעציעלען טעקס פון $3.00 אויף יעדען מיטגליד פון ארב. רינג. ס'ווערט אויך געמאַכט אַ פאַרזוך צו גרינדען אַ מעדיצינישען צענטער, און עס ווערט געשאַנקען אַסך אויפמערקזאַמקייט צו אַלע אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטליכע טהעטיגקייטען אין אונזער גרויסען אָרדען.

דעם 22טען סעפּטעמבער, 1929, ווערט בערגער'ס באַריכט פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר ארב. רינג טהעטיגקייט אויסגעהערט מיט אַ באַזונדערן אינטערעס, און אַלס אַנערקענונג ווערט ער דערהויבען צום העכסטען אַמט אין אונזערע רייהען, צום נאַציאָנאַלען דירעקטאָר פון פענסילוואַניע סטייט אין דער נאַציאָנאַלער באָרד אָף דירעקטאָרס פון ארב. רינג. דאָרט ווערט ער ערוועהלט אַלס סעקרעטאַר פון דער דירעקטאָרען באָרד. פריינד בערגער טראָגט דעם אַמט מיט כבוד פאַר אונזער

אָרגאַניזאַציע דורך די יאָהרען 1930-31, און זיינע באַריכטען אין סטייט ציהען שטענדיג גרויס אויפמערקזאַמקייט. אָבער ניט געקוקט אויף זיינע נייע פליכטען אַלס סעקרעטאַר פון דער באָרד אָף דירעקטאָרס, וועלכע האָבען געפאָדערט אַסך צייט און אויפמערקזאַמקייט צו נאַציאָנאַלע פראַגען אין אונזער אָרגאַניזאַציע, איז פריינד בערגער שטענדיג געווען פאַראינטערעסירט אויך אין אַלע לאָקאַלע אַרב. רינג טהעטיגקייטען. ס'איז דעריבער געווען נאַטירליך, אַז ווען אַ גרופּע פון אָנ־געזעהענע סאָציאַליסטען (צווישען זיי פּראָפעסאָר דזשעסי האָלמס, פּראָפעסאָר ב. בילער, פּראָפעסאָר מ. קרוגער) זיינען אויפגענומען געוואָרען אַלס מיטגלידער אין אַרב. רינג, איז פריינד בערגער באַשטימט געוואָרען זיי עפענטליך איינצו־שווערען אין אונזער אָרגאַניזאַציע.

פון יאָהר 1932 ביז היינט־צו־טאָג פאַרנעמט בערגער אַן אויבענאַן פּלאַץ אין אַרבייטער רינג. ער באַטייליגט זיך אַקטיוו אין אַלע טהעטיגקייטען פון אונזער אָרגאַניזאַציע. ער זוכט אַריינצוטראָגען מעהר נאָרמאַלקייט אין דער קראַנקען־בענעפיט פראַגע און שטרייך־פראַגע, און ווערט באַזונדערס פאַראינטערעסירט אין דעם צושטאַנד פון די אינדעפּענדענט אָרגאַניזאַציעס, וואָס געפינען זיך, איבער פאַרשידענע סבות, אין אַ ניט־זיכערען צושטאַנד. מיר געפינען אויף אַזאַ אופן פאַרצייכענט אין די אַרכיוון פון אַרב. רינג, אַז דעצעמבער דעם 2טען, 1932, איז פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון די עקזעקוטיווס פון די ברענטשעס וועגען דעם קראַנקען בענעפיט און דער שטרייך־פראַגע, און בערגער איז באַשטימט געוואָרען אַלס דער קאָפּ פון אַ קאָמיטע צו זאָרגען וועגען דעם. און פעברואַר דעם 2טען, דעם זעלבען יאָהר, ווערט פון דער דיסטריקט קאָמיטע באַשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע וועגען אינדעפּענדענט אָרגאַניזאַציעס און פראַטוירנאַלע סאָסייטיס צו באַקענען זיי מיט'ן אַרבייטער רינג, און פריינד בערגער ווערט פון דער קאָמיטע באַשטימט אַלס פאָרזיצער. ס'ווערט אָנגעפיהרט אַן אינטענסיווע אַגיטאַציע און אויפקלערונג וועגען דעם ענין אויף די שפּאַלטען פון „פאָרווערטס“. אַלס רעזולטאַט דערפון איז אָרגאַניזירט געוואָרען דער אָדעסער־אַמעריקאַן ברענטש 150, און דעם 19טען אַפּריל, 1934, איז פון פריינד בערגער דער ברענטש אָפיציעל אינסטאַלירט געוואָרען אין דער אַרב. רינג משפחה.

די דיסטריקט קאָמיטעס פון יעדען יאָהר שיינקט בערגער'ן דעם גרעסטען דרך ארץ און צוטרויען. ער ווערט כמעט שטענדיג באַשטימט אַלס איהר פאַרטרעטער אין אַלע עפענטליכע אַרויסטרעטונגען. ער העלפט יעדען יאָהר אויסאַרבייטען די פּראָגראַמען פון טהעטיגקייט פאַר דער אָרגאַניזאַציע. ער ווערט הויפּטזעכליך דעלעגירט צום אָפּען־פאָרום, צו דער יוגענד־קאָמיטע, צום אידישען אַרבייטער קאָמיטעט, און ער פאַרנעמט אַ חשוב'ען אָרט אין אַלע קולטור־אַקטיוויטעטען פון אַרבייטער רינג לעבען וויט אַריבער די גרעניצען פון אונזער שטאָדט. פאַר דער קומענדיגער 37טער אַרב. רינג קאָנווענשאָן וואָס וועט פאָרקומען אין פילאַדעלפיא,

איז בערגער באשטימט געוואָרען אַלס דער פאָרזיצער פון דער ספּעציעלער אַראַנדזשמענט קאָמיטע.

לעצטענס, ווען אין די יאָהרען 1934-35 זיינען פון בערגער׳ן דורכגעפיהרט געוואָרען טעגליכע „פאָרווערטס" ראַדיאָ געשפּרעכען, איז ער פון אונז אַנערקענט געוואָרען אַלס דער שליח איבער די כוואַליעס פון דער ראַדיאָ צו די אידישע אַר־בייטער און פאָלקס מאַסען. אין זיינע טעגליכע געשפּרעכען האָט ער אַסך אויפ־מערקזאַמקייט געשאָנקען דער באַיקאַט באַוועגונג, כסדר גערופען צום קאַמף געגען פאַשיזם און היטלעריזם, און מיט אַ באַזונדער ליבע שטענדיג גערעדט וועגען אונזער פראַטוירנאַלען אָרדען און זיינע אינסטיטוציעס.

מיר האָבען ביז איצט פאַרצייכענט אַ רייהע פאַקטען פון אונזער יובילאַר׳ס טהעטיגקייט און השפּעה אין דער דיסטריקט קאָמיטע, אָבער אונזער פריינד בערגער איז אויך שטאַרק היימיש און טהעטיג אין אַלע ווינקעלאַך פון אונזערע איינצעלנע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען הײנט די גייסטיגע יסודות פון אונזער אָרגאַניזאַציע. זיינע טהעטיגקייטען אין יענע צווייגען זיינען ניט ווייניגער ווערטה צו פאַרצייכענען.

אַרב. רינג שולן

אונזערע שולן זיינען שוין דעם 16טען יאָהר אין עקזיסטענץ, און זיינען געווען 4 יאָהר אַלט, ווען בערגער איז געקומען קיין פילאַדעלפיע. צו יענער צייט זיינען געווען פּרינציפּיעלע חלוקי־דעות איבער דער שול באַוועגונג. אָבער צום קרעדיט פון יובילאַר זאָל פאַרצייכענט ווערען אַז שוין אין יענער צייט האָט ער די שול באַוועגונג אָפּגעשאַצט אַלס אַ וויכטיגען קולטור־פאַקטאָר אין אונזער לעבען, און האָט זיך ערקלערט צווישען די נאָהענטע פריינד פון דער באַוועגונג.

זיין ערשטער אָפיציעלער אויפטריט פאַר דער שול משפּחה קומט פאַר שבת, דעם 30טען אָקטאָבער, 1926, ביי אַ צוזאַמענקונפט לכבוד דער ניי־ערוועהלטער צענטראַלער שול אָרגאַניזאַציע. בערגער באַגריסט אין נאָמען פון דער דיסטריקט קאָמיטע, רעדט וואַרעם וועגען דער וויכטיגקייט צו דערציהען די קינדער אין דער שפּראַך און אין די אידעאַלען פון זייערע עלטערען.

אין 1927-28 ווערט אין אונזער דיסטריקט די שול באַוועגונג געשפּאָלטען פון די קאָמוניסטישע חברים. די וועסט פילאַדעלפיער שול און צענטער, 4030 דזשיראַרד עווענוּ, ווערט אין גאַנצען פאַרכאַפּט פון זיי. אין קאַמף געגען דער ברעכערישער טאַקטיק שטרעבען מיר צו פאַרשטאַרקען אונזער באַוועגונג מיט נייע און פרישע כחות. ס׳קומען די לערער יעפּראַיקין, פּ. סיימאָן, דוכאָווני, ר. געבינער, און וואָלאָוויטש, און פריינד בערגער איז צווישען די וואַרימסטע שטיצער און פריינד פון דער באַנייטער שול באַוועגונג. ער עפענט נאָך ברייטער די שפּאַלטען פון „פאָרווערטס" פאַר די אַרב. רינג שולן, שיינקט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמ־

קייט צו דער שול וואָס איז ערעפענט געוואָרען אין וועסט פילאַדעלפיע, פרייטאג, דעם 9טען מערץ, 1928. ביי א גרויסער פאַרזאַמלונג און קאָנצערט פון דעם קינדער כאָר, איז אונזער יובילאַר דער הויפט רעדנער וועלכער ערמוטיגט אונזערע רייהען, און נאָך וואַרימער ווערען די פאַרבינדונגען צווישען איהם און דער שול משפחה.

זונטאג, דעם 27טען יאַנואַר, 1927, ווערט אָפיציעל געפייערט דער צעהן־יאָהריגער יובילײ פון די אַרב. רינג שולן. לכבוד דעם יום־טוב קומט פאָר אין פילאַדעלפיע דער שול צוזאַמענפאָהר פון אַלע לערער און טהוער איבער׳ן לאַנד. ס׳ערשיינט א ספּעציעלער נומער „קינדער רינג״ מיט אַרטיקלען און באַגריסונגען פון דער אַרבייטער באַוועגונג. פריינד בערגער איז איינער פון די וויכטיגע מיט־העלפער אין דער אַרבייט, און באַגריסט אָפיציעל דעם שול צוזאַמענפאָהר אין נאָמען פון אַרבייטער רינג.

אין 1929 איז די מאַטעריעלע לאַגע פון די שולן א געדריקטע. ס׳ווערט נויטיג זיך ערענסטער צו פאַראינטערעסירען מיט דער לאַגע. א ספּעציעלע קאָמיטע פון דער דיסטריקט און שול קאָמיטע ווערט ערוועהלט, מאַטעריעל צו פאַרשטאַרקען די שולן, און פריינד בערגער איז א מיטגליד אין דער קאָמיטע. ס׳ווערט דורכ־געפיהרט א קאַמפּיין און א באַדייטענדע סומע ווערט געשאַפען. און פון יענער צייט יעדען יאָהר כסדר איז ער פאַראינטערעסירט אין די געלד זאַמלונגען לטובת די שולן. ער האָט געשיינקט א באַזונדער אויפמערקזאַמקייט אין 1931 צו דער פראַגע וועגען לאָקאַלען שול טעקס, געזוכט צו באַוועגען אַלע אַרב. רינג בראַנטשעס צו צאָהלען דעם טעקס, כדי די שולן און יוגענד קלובען זאָלען פון דעם געניסען. דורך דעם זיינען ממילא געשאַפען געוואָרען פריינדליכערע פאַרבינדונגען צווישען די שולן און יוגענד קלובען.

ווינטער 1931, ווערט צום ערשטען מאָל קאָאָרדינירט די אַרבייט פון די שולן אַזוי, אַז דער מיטגלידערשאַפט קאַמפּיין, שול חודש, און גראַדואירונגס־קאָנצערט זאָלען פאַראייניגט ווערען אין איין גרויסער שול אַקציע. פריינד בערגער טראָגט צו זיין חלק צו דער אַקציע מיט דער איינפיהרונג פון דער ספּעציעלער ביילאַגע פון „פאָרווערטס״, וואו א גאַנצע זייט מיט אַרטיקלען און באַגריסונגען ווערט געווידמעט דער שול באַוועגונג. אָט דער נייער אַגיטאַציאָנס־מיטל פאַר די שולן האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר א באַדייטענדען ערפאָלג, און דעצעמבער דעם 15טען, 1932, ווערט פריינד בערגער עפענטליך, ביי א מיטינג פון דער דיסטריקט קאָמיטע, באַדאַנקט פון דער צענטראַלער שול־אָרגאַניזאַציע.

פון דאַן אָן איז די ספּעציעלע „פאָרווערטס״ ביילאַגע פאַרבליבען אַלס טראַ־דיציאָנעלער בייטראָג צו אונזער אַגיטאַציע פאַר די שולן. אין 1935, לכבוד דעם 15 יאָהריגען יובילײ פון די אַרב. רינג שולן אין פילאַדעלפיע, ערשיינט דער שול

אלמאנאך, געווידמעט דער אידישער מאָדערנער שול באַוועגונג. ס׳איז געווען דער ערשטער פּארזוך צוזאמענצוקלייבען די וויכטיגסטע מאטעריאַלען וועגען לעבען פון די אידיש־וועלטליכע שולן איבער דער גאַנצער וועלט. פאר דעם צוועק זיינען געווען נויטיג די אָנשטריינגונגען און באמיהונגען פון א גרעסערע גרופּע פריינד צו זאמלען די מאטעריאַלען און שאפען די נויטיגע געלד מיטלען. פריינד ה. בערגער איז געווען א מיטגליד אין דעם יובילייִ קאָמיטעט און האָט זיין חלק ביינעטראָגען צו דער שווערער קולטור דערגרייכונג וואָס האָט אונזער אָרגאַניזאַציע געגעבען פיעל כבוד און אנערקענונג.

קעמפּ האָפנונג

אין יאָהר 1926 הויבט אָן די דיסטריקט קאָמיטע צו פארשטארקען די זומער אקטיוויטעטען פון די ארב. רינג ברענטשעס און ערמוטיגט זיי צו אָרגאַנזשירען זומער־ארויספאָהרען, העלפענדיג מיט טראַנספּאָרטאַציע און רעדנער. דעם זעלבען יאָהר ווערט ארום טרענטאָן, נ. דזש., געדונגען (צוזאמען מיט די טרענטאָנער מיטגלידער פון ארב. רינג) א זומער קאָלאָניע פאר די קינדער פון די ארב. רינג ברענטשעס און שולן. אָט דער ערשטער קעמפּ סעזאָן איז ערפאָלגרייך דורכגע־פיהרט געוואָרען אונטער דער אויפזיכט פון דער צענטראַלער שול פאַרוואַלטונג, אָבער ביי דעם האָט מען זיך ניט אָפּגעשטעלט. דאָנערשטאָג, דעם 7טען אָקטאָבער, דעם זעלבען יאָהר, ווערט ערוועהלט א ספּעציעלע קאָמיטע צו זוכען א פּאַסיגען פּלאַץ פאר א שטענדיגען קעמפּ. און ווינטער 1927, ווערט געקויפט דער איצטיגער קעמפּ „האָפנונג" אין פּייפּערסוויל, פּאַ. פריינד בערגער איז איינער פון די זוכער און קויפער פון דעם קעמפּ, און ער ווערט גלייך פון די איבערגעבענסטע טהוער ארום דער ארבייט. דעם גאַנצען יאָהר 1927 זיינען די שפּאַלטען פון „פאָרווערטס" איבערפילט מיט קעמפּ נייעס, און זונטאג, דעם 19טען יוני, דעם זעלבען יאָהר, ערשיינט אין „פאָרווערטס" א לייטנגערער ארטיקעל, געשריבען פון פריינד בערגער, פול מיט באַגייסטערונג פאר דער זומער היים. אין דעם ארטיקעל ווערט די באַדייטונג פון דער אינסטיטוציע ברייט אויפגעקלערט פאר דער מיטגלידערשאַפט פון ארבייטער רינג. דעם גאַנצען זומער איז פריינד בערגער געווען איינער פון די אקטיווע קעמפּ בוזער.

אין די יאָהרען 1928-29 געפינט זיך קעמפּ „האָפנונג" אונטער דער אויפזיכט פון די ארב. רינג שולן, וואָס האָבען געהאט צו באַגעגענען שווערע מאטעריעלע פּראָבלעמען צו ענטוויקלען און אויפהאַלטען די נייע זומער היים. אין דער זעלבער צייט ווערען אין קעמפּ איינגעפיהרט פארשידענע ימים־טובים פאר אלע טיילען פון דער ארבייטער באַוועגונג, און ביי אלע ימים־טובים געפינען מיר צווישען די וואַרימע פריינד און באַגריסער אונזער פריינד ה. בערגער; און דערנאָך, ווען אויף דער עצה פון בילדונגס קאָמיטעט פון ארב. רינג ווערט דער קעמפּ אין 1930 איבערגעגעבען

צו אַ באַזונדער קאָמיטע פון די אַרב. רינג ברענטשעס, העלפט אונזער יובילאַר איינשטעלען די נייע אָרגאַניזאַציאָנס פאָרמען.

אין מאַי 1931, קומט פאָר אַ קאָנפערענץ פון פרויען אָקזילערים וועגען שיקען אין קעמפּ ניט־פאַרמעגליכע קינדער פון די ברענטשעס און שולן אויף אַ רעדוצירטען פּרייז. ביי יענעם צוזאַמענקונפט איז פריינד בערגער דער הויפּט־רעדנער פאַר דעם געדאַנק, און ביז היינטיגען טאָג שאַפען די פרויען אָקזילערים יעדען יאָהר באַדייטענדע סומען פאַר דעם צוועק. דאָס האָט ביסלאַכווייז געהאָלפען איינפיהרען דעם איצטיגען מאָדוס פון שיקען גרופּען קינדער אויף ספּעציעל רעדוצירטע פּרייזען און דורך דעם איז מעגליך געוואָרען אַ זומער וואַקאַציע פאַר די ברייטערע מאַסען פון אַרב. רינג. זאָל אויך פאַרצייכענט ווערען, אַז דער נאָמען קעמפּ „האָפנונג“ איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען פון אונזער יובילאַר, ה. בערגער.

דער אַרב. רינג כאָר

מאָנטאַג, דעם 15טען נאָוועמבער, 1926, ערשיינט אין „פאָרווערטס“ אַן אויפרוף פון דער דיסטריקט קאָמיטע (פר. בערגער איז דאַן געווען פאָרזיצער פון דער קאָמיטע) וועגען גרינדען אַן אַרב. רינג כאָר פון דערוואַקסענע. די אַגיטאַציע ווערט סיסטעמאַטיש פאָרגעזעצט, אין דעם זעלבען יאָהר ווערט דער כאָר אָרגאַניזירט.

דער אַרב. רינג כאָר טרעט אויף דעם ערשטען מאָל אין יאַנואַר, 1927, לכבוד דעם מיטגלידערשאַפט קאַמפּיין אין אונזער אָרגאַניזאַציע. ה. בערגער איז פאָרזיצער פון אָוונד, און ער רעדט מיט באַגייסטערונג וועגען כאָרן פאַר דער אַרבייטער באַוועגונג. דער כאָר ענטוויקעלט זיך שטאַרקער און רופט אַרויס אַלעמענס באַגייסטערונג. דער אַרבייטער רינג כאָר איז אויפגעטראָטען אין 1927 אין קעמפּ „האָפנונג“, אונטער פאַרשידענע דיריגענטען ביי אַ גרויסע צאָהל אַרבייטער יום־טובים, און איז געוואָרען אַ וויכטיגע אינסטיטוציע אין אונזער אָרגאַניזאַציע.

די אַנערקענונג פאַר דער אָרגאַניזירונג פון כאָר איז עפענטליך אויסגעדריקט געוואָרען צו פר. בערגער ביי אַ באַנקעט, דעם 4טען דעצעמבער, 1927, פון די מיטגלידער פון כאָר און אַ גרויסע צאָהל פאַרזאַמעלטע.

אָפּען פאָרום

זונטאַג, דעם 5טען דעצעמבער, 1926 (בערגער איז פאָרזיצער פון דער דיסטריקט קאָמיטע) ווערט געמאָלדען אויף די שפּאַלטען פון „פאָרווערטס“, אַז עס ווערען געמאַכט צוגרייטונגען פאַר פרייע אידישע לעקציעס יעדען זונטאַג אין לייבאָר אינסטיטוט. צווישען די פאַרשידענע לעקטאָרים וועלכע טרעטען דערנאָך אויף, געפינט זיך אויך גאַנץ אָפט אונזער יובילאַר, וועלכער באַלייכט פאַרשידענע

סאָציאַלע און פּאָליטישע צייט־פראַגען אויף אַ סאָציאַליסטישען אופן. צו יענער צייט ערמוטיגט ער אויך די לערער פון די אַרב. רינג שולן צו געבען לעקציעס אין די בראַנטשעס, און ביז היינטיגען טאָג ווערט די אַרבייט פון די לערער פאַר־געזעצט מיט גרויס אַנערקענונג. שפּעטער ווערט די טהעטיגקייט פון אָפּען פאָרום אויסגעשפּרייט, און יעדען ווינטער ווערען דורכגעפיהרט אין לייבאָר לייסעאום לעקציעס און קאָנצערטען. ביז היינטיגען טאָג איז פר. בערגער איינער פון די איבערגעבענסטע טהוער פון אָפּען־פאָרום.

יוגענד קלובען

אין דער צייט וואָס פר. בערגער איז פּאָרזיצער פון דער דיסטריקט קאָמיטע, ערשיינט אין „פאָרווערטס“ דער ערשטער אויפרוף, זונטאַג, דעם 19טען דעצעמ־בער, 1926, וועגען דער וויכטיגקייט צו גרינדען אַרב. רינג יוגענד קלובען. די פראַגע ווערט פאַר אַ געוויסער צייט דיסקוסירט אין די אַרב. רינג קרייזען, און זונטאַג, דעם 16טען דעצעמבער, 1928, ווערט שוין געמאָלדען וועגען פּראַקטישע מיטלען צו אָרגאַניזירען די יוגענד אין קלובען וואָס זאָלען זיין ענג פאַרבונדען מיט דער מוטער־אָרגאַניזאַציע.

דער ערשטער קלוב וואָס ווערט אָרגאַניזירט, טראָגט דעם נאָמען פון דעם פאַרשטאָרבענעם סאָציאַליסטישען פיהרער און רעדנער, מאיר לאָנדאָן. שפּעטער קומען צו אַ רייהע אַנדערע יוגענד קלובען.

אין מערץ, 1931, ווערט אינסטאַלירט אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט פאַר דער יוגענד באַוועגונג, דער דיסטריקט־קאַונסיל פון די יוגענדליכע, און אין די ווייַ־טערדיגע יאָהרען ווערט די אַרבייט אויסגעשפּרייט. אַ ברייטע פּראָגראַם פון קולטור און אויפקלערונגס אַרבייט פאַר דער יוגענד ווערט אויסגעאַרבייט, מיט פאַרשידענע פּראָיעקטען פאַר יעדען חודש. אין יאָהר 1934 ווערען שוין אָרגאַ־ניזירט די אַרב. רינג יוגענד בראַנטשעס נומער 1053, 1017, Y 138, און לעצטענס אין קעמדען Y 362. די קלובען און יוגענד בראַנטשעס ווערען איינגעבירגערט אין אַרב. רינג לעבען מיט אויסזיכטען אויסצושפּרייטען אַ ברייטע טהעטיגקייט אין דער צוקונפט. דורך דער גאַנצער צייט איז פריינד בערגער איינער פון די וויכטיגסטע טהוער פאַר דער באַוועגונג צווישען די יוגענדליכע.

מעדיקאַל דעפּאַרטמענט

די איינגסטע אַרב. רינג אינסטיטוציע אין פילאַדעלפיע איז דער מעדיקאַל דעפּאַרטמענט. הגם נאָך קיין יאָהר ניט אַלט, האָט ער זיך שוין ערוואָרבען אַ חשוב׳ן פּלאַץ צווישען די עלטערע אינסטיטוציעס פון אונזער אָרגאַניזאַציע. אָבער דער געדאַנק פון מעדיצינישער הילף פאַר אונזערע מיטגלידער איז געבראַכט גע־

וואָרען צו דער דיסטריקט קאָמיטע (אונטער דעם פאָרזיץ פון פר. בערגער) שוין דעם 11טען אפּריל, 1926.

דאָנערשטאג, דעם 17טען מערץ, 1927, קומט פאָר די ערשטע גרויסע קאָנ־פערענץ וועגען א מעדיקאל דעפּאַרטמענט. פריינד קאָנער, הויפּט פּאַרוואלטער פון מעדיקאל דעפּאַרטמענט אין ניו־יאָרק, איז אנוועזענד. צום סוף ווערט די פראגע איבערגעגעבען צו די ברענטשעס פאַר דיסקוסיע, און די באַריכטען פון די ברענטשעס זיינען געווען צוגונסטען פון עטאבלירען אזא דעפּאַרטמענט.

דעם 31טען אָקטאָבער, 1928, קומט פאָר א גרויסע באראטונג וועגען א קליניק פאַר אונזערע מיטגלידער. א דאנק דר. לענגבאָרד, וועלכער שיינקט זיין צייט און הילף אין גאנצען פריי, פונקציאָנירט דער קליניק דורך די יאָהרען 1928־29 צו דער צופרידענהייט פון זיינע באזוכער. אונזער יובילאר ווידמעט אין „פאָרווערטס" א רייהע ארטיקלען און איבערזיכטען צו אָט דעם ערשטען עקספּערימענט, צו באזאָרגען די ארב. רינג מיטגלידער מיט מעדיציניש׳ער הילף. אָבער צוליב געוויסע סבות ווערט די ארבייט פון קליניק שפּעטער אָפּגעשטעלט. דער געדאנק פון מעדי־ציניש׳ער הילף פאַר אונזערע מיטגלידער איז אָבער ניט פארלוירען געגאנגען.

אין אויגוסט 1934, קומט ווידער פאָר א גרויסע קאָנפערענץ פון אלע עקזע־קוטיוועס און אָקזילערים. פריינד בערגער רעדט מיט באגייסטערונג וועגען א מעדיקאל דעפּאַרטמענט פאַר׳ן ארבייטער רינג. א גרעסערע קאָמיטע ווערט ער־וועהלט פאַר דעם צוועק, אָבער טעכנישע שוועריגקייטען זיינען ווידער געווען אין וועג. ערשט דעם 21טען מערץ, 1935, אין דער אנוועזענהייט פון מעדיקאל דע־פּאַרטמענט פּארוואלטער פון ניו־יאָרק, ווערען אויסגעארבייט צוגעפּאסטע פּלענער פאַר א מעדיקאל דעפּאַרטמענט אין פילאדעלפיער ארב. רינג דיסטריקט, מיט דיסטריקט דאָקטוירים אין פארשידענע געגענדען פון שטאָדט. און סעפּטעמבער דעם 15טען, 1935, ביי דער יעהרליכער קאָנפערענץ, ווערט באשלאָסען דעם דע־פּאַרטמענט צו עפענען.

דעם 2טען יאנואר, 1936, ווערט אָפיציעל דער מעדיקאל דעפּאַרטמענט ערעפענט מיט א צענטראלען אָפיס אין לייבאָר עדיוקיישאָנאל צענטער, 415 ס. 19טע סטריט. די קאָמיטע פון דעם ניי אָרגאניזירטען דעפּאַרטמענט באשטעהט פון פאָרטרעטער פון אלע ברענטשעס, פרויען אָקזילערים, דיסטריקט קאָמיטע, צוזאמען מיט דר. ליעף, דר. דזשאפע, דר. לענגבאָרד, דר. א. האָפּקין, און דר. טשארלס מייזער. און אונזער פריינד ה. בערגער איז ביז׳ן היינטיגען טאָג איינער פון די איבערגעבענע פריינד און מיטארבייטער פון דער נייער אינסטיטוציע.

געזעלשאַפטליכע און סאָציאלע טהעטיגקייטען אין אַרבייטער רינג

דורך דער צייט וואָס אונזער יובילאר געפינט זיך אין פילאדעלפיע, איז ער ענג פארבונדען מיט אלע טהעטיגקייטען פון געזעלשאַפטליכען און סאָציאליסטישען

לעבען. ס'איז כמעט קיין אקציע ניט דורכגעפיהרט געוואָרען אָהן דער אקטיווער באטייליגונג פון פריינד הערי בערגער. די אויפטהואונגען אויף דעם געביט גיבען צו אסך כבוד אונזער אָרגאניזאציע און אונזער יובילאַר. אָבער צוליב מאנגעל אין פּלאַץ זאָלען פארצייכענט ווערען בלויז די וויכטיגסטע פאקטען און פאסירונגען.

אין די יאָהרען 1925־26־27 ווערען פון פריינד בערגער'ן אָרגאניזירט גרויסע „פאָרווערטס" יובילײ יום־טובים אין די גרעסטע טהעאטערס אין שטאָדט. די יום־טובים האָבען אריינגעבראכט ארום 6 טויזענד דאלער ריינע פארדינסטען, וואָס זיינען צוטיילט געוואָרען צווישען אלע צווייגען פון דער ארבייטער און כּאָציאַליסטישער באוועגונג.

אין יאָהר 1926 העלפט די דיסטריקט קאָמיטע (אונטער פר. בערגער'ס פּאָרזיץ) אין דעם קאמפּיין פון דער דזשאָינט־דיסטריביושאָן קאָמיטע, און דעם קאמפּיין פאַר די אייראָפּייאישע יתומים אנשטאַלטען, שולן, קרעדיט קאסען, קאָאָפּעראטיווען און קאָנסום געזעלשאפטען.

אין פּרעזידענשעל עלעקשאָן קאמפּיין פון יאָהר 1926, ווען דער סאָציאַליסטישער פּרעסטידזש אין אונזער לאַנד איז געגאנגען בארג־ארויף, האָט דער ארב. רינג ערוועהלט א 15נער קאָמיטע צו אגיטירען און זאמלען געלד פאַר דעם סאָציאַליסטישען קאמפּיין. פר. בערגער איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע טהוער אין דער קאָמיטע.

אין יאָהר 1929 ווערט אָרגאניזירט א קאָמיטע צו זאמלען געלד פאַר די דעקלאַסירטע אידען אין פּוילען און רוסלאַנד. בערגער איז דער פאָרזיצער פון דעם קאמפּיין־קאָמיטעט, וואָס האָט צווישען די אידישע ארבייטער און פאָלקס־מאסען געזאמעלט די סומע פון $10,429.83. די ארב. רינג מיטגלידער האָבען זיך פאַר דעם צוועק פרייוויליג טאקסירט מיט 75 סענט אויף יעדען מיטגליד.

דעם זעלבען יאָהר ווערען דורכגעפיהרט אקציעס פאַר'ן וויסענשאפטליכען אינסטיטוט אין ווילנא (מאקס ווײנריך, דעלעגאַט) און פאַר'ן בונד און „פאָלקס צייטונג" אין פּוילען (וויקטאָר אלטער, דעלעגאַט). פריינד בערגער איז הויפּט־פיהרער פון די זאמלונגען, וועלכע ברייגען אריין באדייטענדע סומען.

אין יאָהר 1930 קומט גענאָסע ר. אבראמאָוויטש אין אמעריקא אין די אינטערעסען פון דער רוסישער סאָצ. אונטערערדישער באוועגונג. ס'ווערט דורכגעפיהרט א לעקציע מיט א קבלת פּנים באַנקעט אונטער דער פיהרערשאַפט פון אונזער יובילאַר, און אריבער 800 דאלער ווערט געשאַפען.

אין נאָוועמבער, 1930, קומט ווידער פאַר א גרויסע קאמפּיין אקציע דורך א פאַרזאמלונג און קאָנצערט פאַר די דעקלאַסירטע אידען אין אייראָפּא. פאַרשידענע גרופּען און ריכטונגען נעהמען אנטייל. בערגער איז פאָרזיצער פון דער

פאַרזאַמלונג, און טויזענדער דאָלער אין קעש ווערען געזאַמעלט. אונטער'ן איינ־פלוס פון אונזער יוביליאַר ווערט ווידער אַ 50 סענט שטייער פון די אַרבייטער רינג מיטגלידער בייגעטראָגען.

אין יאָהר 1931 קומט קיין פילאַדעלפיע חבר נח, פאַרטרעטער פון בונד און „פאָלקס־צייטונג" אין פוילען. דער אַרב. רינג, צוזאַמען מיט אַלע צווייגען פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג, פיהרט דורך אַ ספּעציעלע אַקציע פאַר'ן בונד אונטער'ן פאָרזיץ פון פריינד בערגער. ס'ווערט געזאַמעלט אַ באַדייטענדע סומע.

דעם זעלבען יאָהר אין חודש יולי, ווערט אין קעמפּ „האָפנונג" אָרגאַניזירט אַ קאָמיטע צו העלפען די 25 טויזענד סטרייקענדע מיינערס אין פּיטסבורג געגענד. פר. בערגער איז קאַסירער פון דעם פאָנד. ס'ווערען געזאַמעלט קליידער און שפּייז, און אויך גרעסערע סומען אין קעש.

די שווערע מאַטעריעלע לאַגע אין לאַנד האָט שטאַרק געווירקט אויפ'ן לעבען פון אַלע אינסטיטוציעס אין אונזער אָרגאַניזאַציע, און אין חודש מערץ, 1933, פאַראייניגען זיך די אַרב. רינג שולען, דער קעמפּ, די יוגענד קאָמיטע, דער כאָר, צוזאַמען מיט די אידישע סאָצ. ברענטשעס, פאַר איין קאָאָרדינירטער אַקציע לטובת די אויבענדערמאַנטע אינסטיטוציעס. ס'ווערט אויפגעשטעלט אַן אַפּאַראַט פון 43 אָרגאַניזאַציעס מיט 120 פאַרטרעטער פון אַלע צווייגען פון דער באַוועגונג, אונטער דעם פאָרזיץ פון אונזער יוביליאַר. ס'ווערט דורכגעפיהרט אַ גרויסער קאָנצערט אין דער אַקאַדעמי אָף מיוזיק, און עס ווערט ארויסגעגעבען אַ פאַר־אייניגטער „קינדער רינג" מיט באַגריסונגען און אַנאָנסען; און אַ באַדייטענדע סומע ריינע פאַרדינסטען ווערט דערנאָך איבערגעגעבען די אַלע פאַראינטערע־סירטע אינסטיטוציעס.

אין די חדשים אַפּריל און מאַי דעם זעלבען יאָהר ווערען פאַראייניגט אַלע טיילען פון די אידישע מאַסען אין אַ געמיינשאַפטליכער פּראָטעסט־קאָנפערענץ געגען די רדיפות אויף אידען אין דייטשלאַנד. ס'ווערט דורכגעפיהרט אַ גרויסער שטאָדטישער פּראָטעסט פאַראַד. דער אידישער קאָנסיל און אידישער קאָנגרעס, צוזאַמען מיט די ברייטע אידישע אַרבייטער און פאָלקס־מאַסען, נעהמען אַנטייל און שטורמען מיט צאָרן געגען די פיזישע און גייסטיגע נגישות פון אידען און אַרבייטער אין די פאַשיסטישע מדינות. דער רעדנער אין נאָמען פון אונזערע קרייזען איז געווען אונזער יוביליאַר, פריינד ה. בערגער.

ס'קומט דערנאָך דער שליח פון בונד, ש. מענדעלסאָן, פאַר די נויטען פון דער בונדישער „פאָלקס־צייטונג". פריינד בערגער איז קאַסירער פון דער אַקציע, און איבער 500 דאָלער ווערט געשאַפען. אין דעצעמבער דעם זעלבען יאָהר ווערט דורכגעפיהרט אַ קבלת פנים פאַר מאַרטין פּלעטעל, פיהרער פון די דייטשע

טרייד יוניאָנס. אונטער'ן פּאָרזיץ פון פר. בערגער ווערט געזאַמעלט אַ סומע פון אַריבער 300 דאָלער.

אין מערץ דעם זעלבען יאָהר, ווערט מיט דער מיטהילף פון פריינד בערגער דורכגעפיהרט אַן ערפאָלגרייכער איין־דאָלער קאַמפּיין צו שאַפען „מאָריס הילקוויט" סטאַטועז, וואָס זאָלען זיך געפינען אין די לייבאָר ליסעאומס פון לאַנד.

אין מאַי קומט חבר קאַזשדאַן פאַר די נויטען פון דער „ציש"א" אין פּוילען. פריינד בערגער ווערט באַשטימט אַלס קאַסירער פון דער זאַמלונג, און אַריבער 800 דאָלער זיינען דערגרייכט געוואָרען. דעם זעלבען חודש ווערט דורכגעפיהרט אַן ערפאָלגרייכע אַקציע פאַר גענאָסע מאַקס ווינטער, פיהרער פון די עסטרייכישע סאָציאַליסטען, פאַר זייער אונטערערדישער באַוועגונג.

די שטענדיגע איבערגעבענע ארבייט פון אונזער יובילאַר פאַר די פילאַדעלפיער ליסעאומס ווערט באַהאַנדעלט אין אַ ספּעציעלען אַרטיקעל אין דעם בוך. זאָל אָבער פאַרצייכענט ווערען די הילף פון דער נאַצ. עקזעקוטיוו קאָמיטע פון א. ר., וואָס איז אין יאָהר 1934 געגעבען געוואָרען פאַר'ן נייעם לייבאָר עדיוקיישאָנאַל צענטער. די הילף איז געקומען אין צייט און פאַרזיכערט די עקזיסטענץ פון צענטער, וואָס איז דאָס האַרץ פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג אין פילאַ־דעלפיא. די דאָזיגע ארבייט איז דורכגעפיהרט געוואָרען פון אַ ספּעציעלער א. ר. קאָמיטע, אין וועלכער פר. בערגער האָט זיך באַזונדערס אַקטיוו באַטייליגט. זיין ארבייט אַרום דעם צענטער ווערט פון אַלעמען אַנערקענט און אָפּגעשאַצט.

דעם זעלבען יאָהר ווערט אָרגאַניזירט דער אידישער ארבייטער קאָמיטעט אין אונזער שטאָדט. דער ארב. רינג נעמט אַן אַקטיווען אַנטייל אין דער אָרגאַ־ניזאַציע. אונזער יובילאַר איז דער פאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט און היפּשע סומען זיינען געשאַפען געוואָרען פאַר דעם צוועק.

אין חודש אַפּריל ווערט דורכגעפיהרט אַ קאַמפּיין פאַר'ן „סאָצ. וועסטניק" מיט אונזער יובילאַר אַלס פאָרזיצער. גענאָסע ר. אַבראַמאָוויטש איז דער הויפּט גאַסט ביי דעם אָוונד און אַרום 300 דאָלער ווערט געשאַפען.

אין מאַי באַטייליגט זיך דער ארב. רינג אין דער אַקציע פאַר'ן „אָרט". פר. בערגער איז זעהר אַקטיוו אין דער ארבייט און 600 דאָלער ווערט בייגעטראָגען פון אונזערע קרייזען.

אין יאָהר 1935 באַטייליגט זיך דער ארב. רינג אין דעם 70 יאָהריגען יובילעי פון דעם אידיש־סאָציאַליסטישען דענקער, דר. חיים זשיטלאָווסקי. אונזער אָפּי־ציעלער באַגריסער איז געווען פריינד ה. בערגער.

אין די חדשים יולי און אוגוסט ווערט ווידער אָנגעפיהרט אַ העפטיגער קאַמ־

פיין געגען היטלעריזם. קיין וואשינגטאָן ווערט געשיקט א דעלעגאציע פון אלע שיכטען פון דער אידישער באפעלקערונג, איבערצוגעבען אונזער פּראָטעסט צו די סענאטאָרען פון פענסילווייניע, און אונזער יובילאר איז דער פארטרעטער פון די ארבייטער־גרופּען.

דאָס יאָהר 1936 איז נאָך אין גאנג, אָבער ניט ווייניג געזעלשאפטליכע ארבייט איז שוין אויפגעטאָהן געוואָרען. זאָל דערמאנט ווערען די אקציע פאר דער אלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע אין אידיש. ווען ס'איז געקומען חבר פופקא, דער פארטרעטער פון פאריז, פאר דעם צוועק, איז אונזער פריינד בערגער געווען דער קאסירער פון א ספּעציעלען קאָמיטעט, און אריבער 800 דאלער איז געזאַמעלט געוואָרען פאר דער גרויסער קולטור אונטערנעהמונג.

דער ארבייטער רינג האָט גרויסע פליכטען אויף זיך גענומען אין דעם טאָג פון זיין גרינדונג. פאר דער צייט פון זיין עקזיסטענץ איז שוין פיעל אויפגעטאָהן געוואָרען צו פארבעסערען די לאַגע און אויפהויבען דעם גייסט פון דעם אידישען ארבייטער און פאָלקס מענש. אָבער כל זמן דער הויפּט פּרינציפּ פון ארבייטער רינג, די אָפּשאפונג פון קלאסען־הערשאפט און עקספּלואטאציע, איז נאָך ניט דערגרייכט געוואָרען, איז נאָך נויטיג אונזער אלעמענס אָנשטרייננגונג און ארבייט. ס'איז נויטיג די איבערגעבענהייט און דער אידעאליזם פון די ברייטע מאסען. ס'איז אָבער באזונדערס נויטיג די געטריישאפט פון פּראַקטישע און אידעאלע פיהרער, וואָס זאָלען מיט ווירדע טראָגען אונזער פאָהן, אָנהאלטען און פארשטארקען אונזערע פּאָזיציעס.

צווישען די פיהרער פון אונזער פילאדעלפיער באוועגונג וועט דער נאָמען פון ה. בערגער שטענדיג מיט אכטונג דערמאנט ווערען. באליעבט איז פריינד בערגער פאר זיין ענערגיע, טאקט און פּראקטישען שכל; געאכטעט פאר זיין פיעל־פארצווייגטער טהעטיגקייט אויף אלע געביטען פון אונזער געזעלשאפטליכער און קולטור ארבייט; אנערקענט אלס קאָנסטרוקטיווער, פּראקטישער פיהרער און טהוער, פול מיט עקשנות און גלויבען אין אונזער ארבייט.

זאָלען די דערמאנטע פאסירונגען אין זיין געזעלשאפטליכען לעבען, און די אנערקענונג פון זיינע מיטקעמפער, איהם צוגעבען מוטה און ענערגיע אין זיין ווייטערדיגער ארבייט אין אונזער באוועגונג.

סיימאָן ליבראַם

זיין ראָלע אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פילא.

מיין פערזענליכע באַקאַנטשאַפט מיט גענאָסע הערי בערגער האָט זיך אָנגע־פאַנגען אין דעם טאָג, ווען ער איז געקומען קיין פילאַדעלפיע צו פאַרוואַלטען דעם „פאָרווערטס". ער איז שוין דעמאָלט נישט געווען אינגאַנצען פרעמד צו אונזער גרופּע, ווייל זיין רעפּוטאַציע אַלס אַ פיהרער איז איהם פאַראויסגעגאַנגען.

זיין ערשטע נייגעריגע פראַגע, ווען ער האָט זיך געטראָפען מיט זיינע היגע גענאָסען, איז געווען וועגען דעם סטאַטוס פון דער היגער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג. ליידער איז גאָרנישט געווען אין יענער צייט דאָ ביי אונז אין דער באַ־וועגונג, פון וואָס גענאָסע בערגער זאָל קענען קריגען מוטה און אָפּטימיזם. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז דעמאָלט געשטאַנען אויף איהר נידעריגסטען שטאַפּעל; עס איז געווען דער אָנפאַנג פון דעם נאָך־מלחמה פעריאָד, ווען אונזערע כחות זיינען דורך די פאַרפאָלגונגען פון דער רעגירונג געווען צעשאָטען און פאַנאַנדער־געוואָרפען, און אַ גרויסע צאָהל מיטגלידער זיינען אוועק פון דער פּאַרטיי צו העל־פען מאַכען די וועלט „זיכער פאַר דעמאָקראַטיע".

גענאָסע בערגער האָט גלייך אָפּגעשאַצט די סיטואַציע און זיך אַריינגעוואָרפען אין דער פילאַדעלפיער סאָציאַליסטישער באַוועגונג מיט יענעם ברען און מיט יענער ענטשלאָסענקייט, וועלכע זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע זיינע אַקטיווי־טעטען וואָס ער אונטערנעמט.

מיט אַ קליינער גרופּע לאָיאַלע מענשען, האָט ער זי אָנגעהויבען צוריק אויפ־בויען פון פונדאַמענט אָן, און באַלד האָט ער צו זיך צוגעצויגען די קאָאָפּעראַציע פון אַ צאָהל ערענסטע און איבערגעבענע גענאָסען פון אַרבייטער רינג, פון די גע־ווערקשאַפטען און פון אַנדערע גרופּען. אַלס דער קאָפּ פון „לעיבאָר אינסטיטוט" (וואָס איז איצט דער לעיבאָר עדיוקיישאָנאַל סענטער), האָט ער ערמוטיגט און סטימולירט די אָרגאַניזירונג פון גאַנצע סעריעס סאָציאַליסטישע לעקטשורס. אונ־זער לאָקאַלע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבען לעבען אַ נייעם לעבען. זי האָט אָנגעהויבען וואַקסען מיט אַ שטענדיגען זיכערען טעמפּאָ. זי האָט אָנגעהויבען אַרויסווייזען קלאָרע סימנים פון אַ רענעסאַנס.

אָבער צווישען דער קליינער צאָהל מיטגלידער פון דער ניי אויפגעלעבטער באַוועגונג האָבען זיך באַוויזען עטליכע אַזוי־גערופענע אינטעליגענטען—עטליכע קאָלעדזש־סטודענטען און עטליכע לאָיערס—וואָס וואָלטען מיט זייער „העכערער" אינטעליגענץ באַדאַרפט פאַרשטעהן בעסער ווי אַזוי צו ענטוויקלען אַ פּאַרטיי

אין א קאָנסטרוקטיווער ריכטונג. צום גליק האָט גענאָסע בערגער נישט געהאַט קיין גרויס צוטרוי צו די דאָזיגע זעלבסט-באַשטימטע משיחים און ער האָט זיי באַקעמפט אויף שריט און טריט. ער האָט זיי געהאַלטען אונטער קאָנטראָל אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען געווען אין פילאַדעלפיע, און האָט זיי נישט געלאָזט באַלעבאַ־טעווען, ביז זיי האָבען זיך אריבערגעקליבען אין דער מיטל־וועסט. דאָרט איז צום אומגליק ניט געווען ווער עס זאָל די דאָזיגע וואָרט-פיהרער פון דער נייער אינטעליגענץ האַלטען אין צוים, און ווי א שלאַנג האָבען זיי אָנגעפאַנגען אויפ־הויבען זייערע קעפּ. פאַרבינדענדיג זיך אין א קליקע מיט אַנדערע פאַרפיהרער פון זייער סאָרט, איז זיי געלונגען אָנצוטאָהן גרויס שאָדען דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. זיי האָבען זי דיסקרעדיטירט און רואינירט.

הערי בערגער שטעלט מיט זיך פאָר די בעסטע טראַדיציעס פון דער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע. ער איז א פיהרער מיט וועמען מ'קען איינ־שטימען. ער האָט עטליכע מאָל פאַרנומען דעם אמט פון טשערמאַן פון דער קאַונטי-קאָמיטע און פון א צאָהל אַנדערע וויכטיגע קאָמיטעס. און ערשט קורצליך איז ער געווען אונזער דעלעגאַט צו דער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן פון דער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי אין קליוולאַנד. ביי יעדער געלעגענהייט, וואָס ער איז גערופען געוואָרען צו דינען דער פּאַרטיי, האָט ער אַלעמאָל דורכגעפיהרט זיין מיסיע אויף אַן אופן, וואָס איז פאַר איהם געווען דער גרעסטער קרעדיט.

גענאָסע בערגער'ס געגנער—און ער האָט א היפּשע צאָהל פון זיי צווישען די קוואַזי-קאָמוניסטישע מיליטאַנטען אין דער פּאַרטיי—קוקען אויף איהם ווי אויף א מעכטיגען אָפּאָנענט. זיי האָבען פאַר איהם מורא סיי אין דיסקוסיעס און סיי אין צוזאַמענשטויסען וועגען פּאַרלאַמענטאַרישע פראַגען ביי די מיטינגען פון דער קאַונטי-קאָמיטע. ער איז א שאַרפער און לאָגישער דענקער. ער ווייסט אַלעמאָל וואָס ער וויל, און געהט ענטשלאָסען פאָראויס צו קריגען דאָס וואָס ער וויל; און געוועהנליך קריגט ער עס.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע וועט זיין פאַראורטיילט צו פאַרבלייבען א קליינע סעקטע, אומפּראָדוקטבאַר און איינדרוקסלאָז ביז צו יענער צייט, ווען מיר וועלען האָבען אַנטוויקעלט פעהיגע לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע פיהרער פון יענעם טיפּ, צו וועלכען עס געהערט גענאָסע בערגער.

מיר, פון דער לאָקאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ווינשען גענאָסע בערגער צו זיין 50טען געבורטסטאָג נאָך אסך יאָהרען פון א נוצליכען און פּראָדוקטבאַרען לעבען. מעג ער פאָרזעצען צו ווידמען דער באַוועגונג זיין איבערפלייצענדע ענערגיע, זיין גרויסע אינטעליגענץ און זיינע אַלגעמיינע פיינע פעהיגקייטען, ווייל די אַלע קוואַליטעטען זיינען זעהר נויטיג פאַר'ן צוועק אויפצובויען אַן אמת'ע איינ־פלוסרייכע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין אַמעריקע.

דר. דזש. ק. דזשאפע

בערגער האָט געראַטעוועט אונזער קולטור צענטער

דער געוועזענער לעיבאָר אינסטיטוט און דער איצטיגער לעיבאָר עדיוקיישאָ־נאַל סענטער האָבען אין דער פאַרהעלטניסמעסיגער קורצער צייט פון זייער עקזיס־טענץ זיך ערוואָרבען אַן אוצר פון רייכע טראַדיציעס, און האָבען צו זיך צוגע־צויגען אַסך פראָמינענטע פריינד און אָנהענגער. אָבער פון אַלע לאָיאַלע, איבער־געבענע און זעלבסט־אָפּפערענדע פערזאָנען, וואָס האָבען געארבייט אין די אינ־טערעסען פון יענער אינסטיטוציע, האָט קיינער ניט ארויסגעוויזען מעהר פעהיג־קייטען און מעהר גרייטקייט צו ברייננגען קרבנות ווי גענאָסע הערי בערגער, וועמענס 50סטען געבורטסטאג מיר האָבען איצט דעם כבוד צו פייערען צוזאמען מיט איהם. מיר האָבען צווישען זיך געהאַט אַסך פעהיגע רעדנער; מיר זיינען געווען גליקליך צו זעהען ווי די אידעאַליסטען און אינטעליגענטען שליסען זיך אָן אין אונזערע רייהען. מיר האָבען אויך קלאָרע דענקער און פאַר׳עקשנ׳טע פּראַקטישע מענער „וואָס שטעהען מיט ביידע פיס אויף דער ערד“.

אָבער עס איז באמת זעהר זעלטען צו געפינען אַ פּערזאָן, וועלכע זאָל אין זיך פאַראייניגען אַלע דערמאנטע קוואַליטעטען. אין גענאָסע בערגער געפינען מיר אָט אַזאַ זעלטענע פּערזאָן.

זיין פעהיגקייט, זיין שאַרפער הומאָריסטישער חוש, זיין קלוגער קאָפּ און זיין מערקווירדיגע ענערגיע האָבען געמאַכט מעגליך, אַז דער לעיבאָר אינסטיטוט זאָל פאַרבלייבען דער צענטער פון דעם ראַדיקאַלען און ליבעראַלען געדאַנק אין פילאַדעלפיע.

די געשיכטע פון דעם לעיבאָר אינסטיטוט איז פאַקטיש אַ גאַנצער ביאָגראַ־פישער סקעטש פון הערי בערגער פון זינט ער האָט זיך באַוויזען אויף אונזער אַרענע. אַזוי גיך ווי ער האָט אין 1924 געמאַכט פילאַדעלפיע פאַר זיין היים, האָט ער זיך ענערגיש אַריינגעוואָרפען אין די אַקטיוויטעטען פון לעיבאָר אינסטי־טוט, וואו מ׳האָט איהם טאַקע אַזוי שטאַרק באַדאַרפט האָבען. אין אָנפאַנג אַלס אַ מיטגליד פון דער באָארד אָוו דירעקטאָרס, דאַן אַלס וויס־פּרעזידענט, און צום שלוס, סוף 1926, אַלס פּרעזידענט פון אינסטיטוט, איז אויף גענאָסע בערגער׳ן געפאַלען די לאַסט צו פאַרמירען און אָנפיהרען דעם גורל פון דער אינסטיטוציע. דריי יאָהר צייט איז ער געבליבען דער פּרעזידענט פון דעם דאָזיגען אַנשטאַלט און נאָר אויף זיין אייגענעם דרינגענדען פאַרלאַנג האָט מען איהם באַפרייט פון

דעם פּרעזידענט־אַמט פאַר אַ גאַנץ קורצער צייט. אָבער הגם ער האָט שוין ניט פאַרנומען דעם פּרעזידענט־אַמט, איז זיין אינטערעס און זיין אַקטיוויטעט פאַר׳ן אינסטיטוט קיינמאָל ניט געוואָרען שוואַכער.

ווי אַלע אינסטיטוציעס, וועמענס עקזיסטענץ איז אָפּהייננגיג פון די ביי־שטייערונגען פון דעם אַרבייטער קלאַס, האָט דער לעיבאָר אינסטיטוט געמוזט דורכמאַכען אַ ביטערען קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ דורך דער גאַנצער צייט פון עקאָנאָמישען קריזיס. עס זיינען נויטיג געווען העראָאישע אָנשטריינגונגען און אָהן אַ שיעור אַרבייט, צוזאַמענצוהאַלטען אין יענער שווערער צייט די כחות פון די, וואָס טראָגען אויף זיך דעם אינסטיטוט. און בערגער איז אין דעם דאָזיגען קאַמף קיינמאָל ניט געווען אין די הינטערשטע רייהען. כדי צו פאַרקלענערען די הוצאות און צוליעב אַנדערע וויכטיגע אַרבייטען אין פאַרבינדונג מיט דעם אינס־טיטוט, האָט ער איבערגענומען די פּאַקטישע פאַרוואַלטונג פון דעם אַנשטאַלט, כאָטש אָפיציעל איז ער ניט געווען זיין פיהרער. צום שלום אָבער, ניט קוקענדיג אויף אַלע שווערע קרבנות מצד דער בראַווער גרופּע מענשען, וואָס זיינען געבליבען טריי און לאָיאַל צום אינסטיטוט מיט בערגער׳ן אַלס פיהרער, האָט מען איינגע־זעהען, אַז דער קאַמף איז אַ נוצלאָזער און אַ פאַרלוירענער. דער דעפיציט איז געוואַקסען. די פּראָצענטען אויף דעם מאָרטגיידזש זיינען געווען ניט באַצאָהלט. מיט די שטאָדט־טעקסעס איז מען געווען הינטערשטעליג, און די לויפענדע אויס־גאַבען האָבען ווייט אַריבערגעשטיגען אַלע מעגליכע איינּנאַהמען. דער איינקונפט פאַר רענט וואָס דער אינסטיטוט האָט געקראָגען פון אונזערע יוניאָנס און פּראָ־גרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבען געהאַט זייערע אָפיסעס און מיטינג־רומס אין דעם אַנשטאַלט, איז אָדער פאַרקלענערט געוואָרען אָדער אינגאַנצען אויפגעהערט אַריינצוקומען. מיט אַ כמעט לײדיגער קאַסע און אָהן וועלכע־ניט־איז אויסזיכטען צו קענען דעקען די נויטיגסטע לויפענדע הוצאות, איז פאַר אונז גע־וואָרען אוממעגליך פאָרטצוזעצען אונזער אויפקלערונגס און קולטור־אַרבייט. און ווען די דאָזיגע אַרבייט איז אָפּגעשאַפט געוואָרען, האָט שוין מעהר ניט געהאַט קיין צוועק צו ברייננגען ווייטערע קרבנות בלויז צו קענען אָנהאַלטען אַן אָפיס פאַר׳ן צוועק צו פאַרדינגען צימערען.

שווערע און טונקעלע טעג זיינען דאָס געווען, ווען מיר אַלע האָבען געמוזט צוגעבען, אַז מיר זיינען באַזיגט. די איינציגע אויסנאַהמע איז געווען—בערגער! עס איז געווען זיין פאָרשלאַג, וועלכער איז שפּעטער אָנגענומען געוואָרען, אַז אַ קאָמיטע פון דריי זאָל באַשטימט ווערען מיט דער אויפגאַבע, אַז זיי זאָלען געפינען אַ מעהר פּאַסיגען און ביליגערען פּלאַץ פאַר אונזער קולטור־צענטער. און ער, בערגער, איז געווען דער, וואָס האָט פּאָראויסגעזאָגט, אַז אין פאַרלויף פון זעקס מאָנאַטען וועלען מיר האָבען אַ נייעם אינסטיטוט מיט אַ נײ־אויפגעלעבטער שטאַרקער באַוועגונג אַרום דעם אינסטיטוט.

זיין נביאות איז מקוים געוואָרען. ארום 6 מאָנאטען שפּעטער האָט די 3־ער קאָמיטע אָפּגעגעבען איהר באריכט אויף א ספּעציעלער קאָנווענשאָן, אָפּגעהאלטען אין אויגוסט, 1934. אויף יענער קאָנווענשאָן האָט באדארפט אָנגענומען ווערען דער לעצטער באשלוס אין באצוג צו א נייעם קולטור־צענטער.

ווי עס פיהרט זיך אויף א קאָנווענשאָן פון דעמאָקראטישע מענשען, האָבען זיך אויפגעהויבען אסך געגנערישע שטימען געגען דעם נייעם פּלאַן. עס האָבען זיך געהערט שארפע קריטיקען און אין אלגעמיין האָבען א טייל פון אונז געקראָגען דעם איינדרוק, אז אלע אונזערע באמיהונגען און ארבייטען פאר די לעצטע 10 יאָהר וועלען מוזען אויפגעגעבען ווערען, און אז אונזער קאמף צו ראטעווען כאָטש אביסעל פון דער באוועגונג, וואָס האָט זיך אָרגאניזירט ארום דעם קולטור־צענטער, איז א פארלוירענער.

נאָך א גאנצען טאָג פון דעבאטירען און ארגומענטירען, נאָך א שווערען הייסען טאָג, ווען יעדער דעלעגאט אויף דער קאָנווענשאָן איז שוין געווען פיזיש פאר־מאטערט און כמעט אָהן כחות, האָט זיך אויפגעשטעלט גענאָסע בערגער צו ענט־פערען אויף אלע פראגען, ארגומענטען און אטאקעס.

כמעט צוויי שטונדען נאָכאנאנד האָט בערגער גערעדט, און ער האָט מיט זיין רעדנער־קראפט און מיט זיינע מייסטערהאפטע ארגומענטען ממש פאר׳כשופ׳ט אלע זיינע צוהערער. די מידקייט און פארמאטערטקייט איז פארשוואונדען גע־וואָרען און אויף זייער פּלאַץ האָט זיך צעפלאקערט א געוואלדיגער ענטוזיאזם. יענע רעדע פון גענאָסע בערגער איז פארבליבען אין מיין זכרון ווי דער שענסטער און איינדרוקספולסטער מעסעדזש, וואָס איז ווען עס איז אָפּגעגעבען געוואָרען פאר א פארזאמלונג.

דער רעזולטאט פון בערגער׳ס רעדע איז געווען, אז די קאָנווענשאָן האָט אָנ־גענומען א רעזאָלוציע אויפצוגעבען דעם אלטען לעיבאָר אינסטיטוט און צו בא־שטימען א נייע גרופּע, וועלכע האָט אָפּגעקויפט דעם איצטיגען „לעיבאָר עדיוקיי־שאָנאל סענטער“.

האָבענדיג שוין אין אונזערע הענד די נייע געביידע, האָט זיך ערשט אוועק־געשטעלט פאר אונז די דריקענדע פּראָבלעם ווי אזוי צו שאפען גענוג געלד צו קענען באצאָהלען פאר דער געביידע און דורכצופיהרען די נויטיגע ענדערונגען און פארבעסערונגען, כדי צוצופּאסען די געביידע פאר א קולטור צענטער. עס איז אמת, אז מיר האָבען פאר דעם צוועק געהאט אן „עמוירדזשענסי־פאָנד“, אבער יענער פאָנד האָט מיט זיך פארגעשטעלט בלויז א קליינעם טייל פון דער סומע, וועלכע איז נויטיג געווען פאר אונזער צוועק.

ווי אזוי די דאָזיגע באדייטענדע סומע געלד איז געשאפען געוואָרען דורך

פאַרשידענע דרייווס, וואָס זיינען אָרגאַניזירט און דורכגעפיהרט געוואָרען כמעט דורך בערגער'ן אַליין, דאָס איז אַ היסטאָרישער פאַקט. כמעט ווי איבערנאַכט איז הערי בערגער געוואָרען דער אַרכיטעקט, דער בויער, דער שאַפער, דער פאַר־ווירקליכער פון דעם נייעם סענטער, און אין דער זעלבער צייט דער דירעקטאָר פון דער מאַשינערי, וואָס האָט געשאַפען די נויטיגע געלטער פאַר דער נייער היים. ער אַליין האָט פּערזענליך געהאַט די אויפזיכט איבער יעדער קלענסטער איינצעל־הייט פון דער אַרבייט, און אין אַ צייט פון אַרום 3 מאָנאַטען זיינען גענוג געלטער געשאַפען געוואָרען און קלוג און אויסגערעכענט אויסגעגעבען געוואָרען, אַז דער נייער לעיבאָר־עדיוקיישאָנאַל סענטער האָט געקענט אָפיציעל געעפענט ווערען דעם 1טען יאַנואַר, 1935. און דער בילדינג איז געווען פולשטענדיג פאַרטיג און אויס־געשטאַטעט מיט אַלע נויטיגע באַקוועמליכקייטען, אַז מיר זאָלען גלייך קענען אַריינציהען, און דאָרט אָנפאַנגען פון דאָס־ניי אונזער געזעלשאַפטליך־קולטור־רעלען לעבען. אַלע לויפענדע אויסגאַבען פאַר איבערבויען און דעקאָרירען די נייע היים זיינען שוין געווען באַצאָהלט און עס איז שוין געווען פאַרטיג אַ פולער פּלאַן ווי אַזוי צו פינאַנסירען דעם נייעם צענטער אויף אַ זעהר גינסטיגען און גרינגען אופן.

דער נייער קולטור־אַנשטאַלט האָט אַלע וויכטיגע איינאָרדענונגען און מעג־ליכקייטען, פאַר וועלכע דער אַלטער לעיבאָר אינסטיטוט איז געשאַפען געוואָרען. אחוץ דעם, וואָס ער איז די היים פון דעם אַרבייטער רינג מיט זיינע אינסטיטוציעס און פון פאַרשידענע אַרבייטער יוניאָנס, איז ער דער צענטער פאַר דער פאַרשפּריי־טונג פון ליבעראַלע און ראַדיקאַלע געדאַנקען דורך לעקטשורס און פאַרשידענע קורסען פאַר בילדונג און אויפקלערונג.

אַן אַנדער אויפטהו אין דעם צענטער איז דער מאיר־לאָנדאָן קלוב, וועלכער איז בערגער'ס אַ ליעבלינגס־קינד. דער דאָזיגער קלוב גיט די מיטגלידער און פריינד אַ געלעגנהייט צו פאַרברייגגען זייערע פרייע מאָמענטען אין אונזער צענ־טער אין אַן אַנגענעהמער גייסטיגער אַטמאָספערע. נאָך אַ וויכטיגער אויפטהו איז די א. דזש. מאַרגאָלין ביבליאָטעק. בערגער'ס מיטאַרבייטער אין אַלע טהעט־טיגקייטען אַרום יענער אינסטיטוציע פאַרדינען דעם פולסטען קרעדיט און דעם האַרציגסטען דאַנק. אָבער עס מוז אונטערגעשטראָכען ווערען דער פאַקט, אַז דער גאַנצער פאַרשלאַג און פּלאַן וועגען אַ נייער אַרבייטער היים איז געקומען אונטער דער פיהרערשאַפט פון הערי בערגער.

עס איז דעריבער גאָר קיין וואונדער נישט, וואָס ביי דער לעצטער קאָנווענשאָן פון אינסטיטוט זיינען אַלעמענס אויגען געווען געווענדעט צו הערי בערגער אַלס דעם אָפיציעלען פיהרער און ער איז איינשטימיג ווידעראַמאָל ערוועהלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט פון צענטער. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט דעמאָלט

געליטען פיזיש, איז מען אזוי שטארק צו איהם צוגעשטאנען, אז ער האט איינ־געשטימט צו בלייבען דער פיהרער פון צענטער. אפילו אין יענער צייט, ערב זיין אפעראציע, האבען נאר זיינע נאהענטסטע פריינד געוואוסט וועגען זיינע גרויסע פיזישע ליידען, וועלכע ער האט אונטערדריקט און שטיל אריבערגעטראגען כדי צו קענען דינען דעם סענטער אין א צייט, ווען ער האט זיך אזוי שטארקט גענוי־טיגט אין בערגער'ס געטריישאפט און ענערגיע. איצט פיהלען מיר זיך אלע גליק־ליך, וויסענדיג אז פריינד בערגער איז צוריק ביי זיין פולען געזונד.

דער לעיבאר עדיוקיישאנאל סענטער, באנייט, פאריונגט און שטארק, מיט גלענצענדע אויסזיכטען צו פארבלייבען א פערמאנענטע אינסטיטוציע אין אונזער שטאדט—דער סענטער איז א פאסענדער מאנומענט צו דער פעהיגקייט, איבערגע־בענהייט און ענערגיע פון איינעם פון זיינע טיכטיגסטע און וויכטיגסטע ארבייטער. און אין נאמען פון אט דעם אנשטאלט שיק איך מיינע גרוסען און וואונשען צו דעם דאזיגען ארבייטער—הערי בערגער.

בערגער און די פילאַדעלפיער יוניאָנס

אין דער אַלטער היים איז געווען אַ גרויסע געשעהעניש, ווען אַ נייער טשינאָווניק האָט געדאַרפט אָנקומען אין שטאָדט. די גאַנצע באַפעלקערונג — און מעהר פון אַלעמען, די אידישע—האָט מיט האַרץ־קלאַפעניש געוואַרט אויף דעם נייעם נאַטשאַלניק. וועד ער פאַרשטעהען די נויטען פון שטאָדט? וועט ער וועלען און קענען לעזען די שטאָדטישע פּראָבלעמען? וועט ער זיין גוט צו אידען? וועט ער זיך לאָזען האַנדלען? אָט די און אַנדערע פראַגען האָבען געעגבערט די מוחות און די געדאַנקען פון דער באַפעלקערונג.

עפּעס ענהליכעס קומט פאָר, ווען אַ נייער מענעדזשער פון „פאָרווערטס" קומט אין אַ שטאָדט. געפיהלען פון אומרוה און אַ גאַנצע רייהע פראַגען שווימען ארויף אין די געדאַנקען פון די טהוער פון דער ארבייטער באַוועגונג.

דער „פאָרווערטס" איז דאָך דער וואָרט־זאָגער פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג. עס איז ניטאָ קיין איין ווינקעלע פון דעם אידישען לעבען בכלל און אין דער ארבייטער באַוועגונג בפרט, וואו דער „פאָרווערטס" זאָל ניט זאָגען זיין וואָגיקע מיינונג און זאָל ניט העלפען, ווען הילף איז נויטיג. דער „פאָרווערטס" העלפט אויפצוקלערען די וויכטיגסטע פראַגען, וואָס שטעהען אויף דעם טאָג־אָרדנונג פון דעם אידישען און ארבייטער לעבען.

דער מענעדזשער פון „פאָרווערטס" איז אָפט דער איין־און־איינציגער פאָרטרעטער פון „פאָרווערטס" אין אַ שטאָדט. ער דאַרף דאַרום באַזיצען אַלזייטיגע פעהיגקייטען: ער דאַרף זיין אַ שרייבער, אַ רעדנער, דאַרף פאַרשטעהען די פּראָבלעמען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פון די טרייד יוניאָנס, און פון ארבייטער רינג; ער דאַרף אויך פאַרשטעהען די פּראָבלעמען פון דעם אידישען לעבען בכלל. דאַרום איז זעהר וויכטיג די פּערזאָן פון דעם „פאָרווערטס" מענעדזשער, פון זיין פאַרשטעהען און רעאַגירען אויף באַוועגונגס פראַגען; פון זיין האַנדלונג און באַליכטונג ווענדעט זיך אָפט זעהר אסך די לייזונג פון די פּראָבלעמען אין אַלע טיילען פון דער ארבייטער באַוועגונג.

די טרייד יוניאָן באַוועגונג נויטיגט זיך מעהר פון אַלע טיילען פון דער ארבייטער באַוועגונג אין אַ „פאָרווערטס" מענעדזשער, וועלכער זאָל גרינדליך פאַרשטעהען די אָפטמאָל פאַרפּלאָנטערטע טרייד יוניאָן פראַגען און זאָל זיי קענען געבען די ריכטיגע באַלייכטונג אין דער צייטונג.

ווען גענאָסע ה. בערגער איז געקומען קיין פילאַדעלפיא אַלס מענעדזשער פון „פאָרווערטס", זיינען די טהוער און פיהרער פון דער טרייד יוניאָן באַוועגונג

געווען באזאָרגט מעהר ווי די טהוער פון די אנדערע צווייגען פון דער ארביי־טער באוועגונג. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל זיי האָבען זיך געשטעלט די פראַגען: וועט גענאָסע בערגער האָבען גענוג צייט פאַר די טרייד יוניאָנס? וועט ער זיך קענען אריינלעבען אין די טהעטיגקייטען פון די יוניאָנס? וועט ער זיי וועלען און קענען פארשטעהען און דינען סיי דורך די שפּאַלטען פון „פאָרווערטס“, סיי פּער־זענליך?

דאָס לעבען און די טהעטיגקייט פון גענאָסע בערגער פאַר די 12 יאָהר, וואָס ער איז אין פילאדעלפיא, האָבען באוויזען, אז די אומרוהע פון די טריי יוניאָן טהוער איז געווען אַן אומזיסטע.

דער שכל הישר, וואָס גענאָסע בערגער פארמאָגט אין גאָר א גרויסער מאָס; זיין אינטעליגענץ, זיין אייגענשאַפט גרינדליך צו באַקענען זיך מיט פראַגען, אין וועלכע ער איז פאראינטערעסירט; זיין איבערגעבענהייט צו דער ארבייטער באַ־וועגונג און זיין אונערמידליכע ענערגיע; דאָס אַלעס צוזאַמענגענומען האָט שנעל אוועקגעשטעלט גענאָסע בערגער אין די פאָדערשטע רייהען פון דער טרייד יוניאָן באוועגונג. די יוניאָנס נוצען איהם אוים זעהר אָפט, סיי אַלס רעדנער, סיי אַלס שרייבער, סיי אַלס ראטה־געבער. די יוניאָנס נוצען איהם אויך אַלס זייער פאַר־טרעטער אין ארביטריישאָן קאָמיטעס.

עס וואָלט פארנומען צופיעל פּלאַץ אויסצורעכענען דעם צו־גרויסען צעטעל פון ארבייט, וואָס גענאָסע בערגער האָט געטאָהן פאַר די יוניאָנס. מיר וועלען ברייגגען נאָר עטליכע פון זיי, און דאָס וועט אָפּשפּיגלען און וועט געבען די ריכטיגע כאראקטעריסטיק פון גענאָסע בערגער'ס טהעטיגקייט און הילף פאַר די יוניאָנס.

אין מאַי פון יאָהר 1932, האָט די מאַסטער בעקער אַסאָסיאיישאָן ארויפגע־צוואונגען א דזשענעראַל סטרייק אויף דער בעקער יוניאָן, לאָקאַל 201. דער אומפּארטייאישער טשערמאַן אין דעם בעקער טרייד אין יענער צייט, דער פאַר־שטאָרבענער ראָזענבלום, האָט ניט געקענט ברייגגען צו אַן אויסגלייך. דער סטרייק איז געווען א פארצווייגעלטער, א פארביטערטער. ביידע צדדים האָבען געליטען גרויסע פארלוסטען. ענדליך איז געלונגען צו באוועגען ביידע צדדים צו סעטלען דעם סטרייק דורך ארביטריישאָן. די בעקער יוניאָן האָט ערוועהלט גענאָסע בערגער'ן אַלס איהר פארטרעטער אין דער ארביטריישאָן קאָמיטע. און די יוניאָן האָט ניט געמאַכט קיין טעות אין חשבון. א מאַסע ענערגיע און צייט האָט גענאָסע בערגער אוועקגעגעבען אום גרינדליך צו באַקאַנען זיך מיט דעם בעקער טרייד און אַלע עקזיסטירענדע קאָנדיציאָנען. א באוואָפענטער מיט אַלע אָנגעזאַ־מעלטע פאַקטען איז ער אויפגעטראָטען פאַר דעם אומפּארטייאישען טשערמאַן, ראַביי פיינשרייבער. זיין גרינדליכע באַקאַנטשאַפט מיט דער פראַגע, זיין לאָגיק

און רעדנער קראַפט האָבן געוואונען אַ גינסטיגען אורטייל פון דעם אומפּאַרטייאישען טשערמאַן פאַר דער בעקער יוניאָן.

אין פעברואר 1932 פיהרט אָן די בעקער יוניאָן אַ סטרייק ביי דעם בעקער באַלעבאָס, מר. קאַפּלאַן. דער סטרייק איז אַ פאַרצווייגענער; ענדליך שטימען צו ביידע צדדים איבערצוגעבען די פראַגע צו אַן ארביטריישאָן קאָמיטע. די בעקער יוניאָן ערוועהלט געגאָסע בערגער'ן אַלס איהר פאַרטרעטער, און געגאָסע בערגער געווינט אַ גינסטיגען סעטעלמענט פאַר דער בעקער יוניאָן.

די שוחטים יוניאָן פיהרט אָן אַ דזשענעראַל סטרייק קעגען די טשיקען דילערס. אַ באַוואוסטער דיקטאַטאָרישער רב פון פילאַדעלפיא, דער שטענדיגער שונא פון דער שוחטים יוניאָן, העלפט די באָסעס אין זייער קאַמף. מיט זיין מסכמה ברייגגען די באָסעס סטרייק־ברעכער קיין פילאַדעלפיא. דער סטרייק ווערט דער געשפּרעך פון טאָג צווישען דער אידישען באַפעלקערונג. אַ באַוואוסטער כלל טהוער וויל זיך אריינמישען אום צו העלפען סעטלען דעם סטרייק. ער שטעלט אָבער אַ באַדינגונג, אַז געגאָסע בערגער זאָל אויך זיין אין דער קאָמיטע. בערגער האָט קיין חשק ניט אָנצונעהמען אין דער קאָמיטע. ער קען צו־גוט די פּסיכאָלאָגיע פון די כלי קודש, און הויפּטזעכליך פון יענעם רב. ער ווייסט, אַז אויף זייערען אָפּמאַך קען מען זיך ניט פאַרלאָזען. אָבער אונטער'ן דרוק פון דער שוחטים יוניאָן און די געווערקשאַפטען שטימט ער צו אָנצונעהמען אין דער קאָמיטע, און מיט זיין כאַראַקטעריסטישער ענערגיע וואַרפט ער זיך אריין אין דער ארבייט צו סעטלען דעם סטרייק. די ארבייט ווערט געקרוינט מיט ערפאָלג. דער סטרייק ווערט געסעטעלט צופרידענשטעלענד פאַר דער יוניאָן. עס איז אמת, דאָס ניט אַלע פונקטען פון דעם אָפּמאַך זיינען געהאַלטען געוואָרען, אָבער דאָס איז געווען די שולד פון דעם דערמאַנטען רב און יוניאָן־שונא.

די מצה בעקער יוניאָן, לאָקאַל 106, ערקלערט אַ סטרייק ביי אַ מצה בעקער באָס. די פראַגע געהט איבער צו ארביטריישאָן, די יוניאָן ערוועהלט גענ. בערגער אַלס איהר פאַרטרעטער אין דער ארביטריישאָן קאָמיטע. און די יוניאָן געווינט די קיים.

דער קאַמף, וואָס די קאָמוניסטען האָבען אָנגעפיהרט אין אַמעריקא צו צוברעכען די עקזיסטירענדע יוניאָנס און צו גרינדען „דואַל" יוניאָנס, האָט אין פילאַדעלפיא געבראַכט ווייניגער שאָדען, ווי אין די אַנדערע שטעדט פון אַמעריקא. דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען דער ארבייט און סטראַטעגיקע פון געגאָסע בערגער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אום צו געבען דעם געהעריגען ווידערשטאַנד צו דער ברעכערישער ארבייט פון די קאָמוניסטען אין די יוניאָנס, איז נויטיג צו האָבען אַ צענטער וואָס זאָל מיט דעם קאַמף אָנפיהרען. דורך זיין איניציאַטיווע איז צוזאַמענגערופען געוואָרען אַ באַראַטונג פון די אַקטיווע פיהרער

און טהוער פון אַלע יוניאָנס. ביי דער באַראַטונג זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען די פּאָליסים און די מעטאָדען פון אונזער קאַמף מיט די קאָמוניסטען. די טהוער פון פאַרשידענע יוניאָנס האָבען זיך איינגער צוזאַמענגעבונדען און אַרויסגעהאָלפען איינער דעם צווייטען אין דעם קאַמף.

אין יאַנואַר 1933 האָט די לײדיס וױיסטמייקערס יוניאָן, אונטער דער פיהרערשאַפט פון פריינד עלייעס רייזבערג, מענעדזשער פון דער יוניאָן, אָנגעפאַנגען אַ קאַמפּיין צו אָרגאַניזירען דעם גאַנצען טרייד אין פילאַדעלפיאַ. פריינד רייזבערג האָט זיך קודם כל באַראַטען מיט גענאָסע בערגער וועגען דער אַרבייט און סטראַטעגיקע. גענאָסע בערגער האָט אַוועקגעגעבען אַ מאַסע אַרבייט און ענערגיע אין דעם אָרגאַניזאַציאָנס דרייוו און אין צייט פון סטרייק. ער האָט די אַרבייט געטאָהן סיי פּערזענליך, סיי דורך די שפּאַלטען פון „פאָרווערטס“.

די אַרבייט און הילף, וואָס גענאָסע בערגער האָט געגעבען צו דער יוניאָן, איז געווען אַזוי וויכטיג, אַזוי אונשעצבאַר, דאָס די יוניאָן האָט נאָך דעם געוואונענעם סטרייק עפענטליך צוגעגעבען, אַז איהר זיג האָט זי אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען דעם „פאָרווערטס“.

פאַר די לעצטע יאָהרען קומט גענאָסע בערגער צו אַלע מיטינגען פון די געווערקשאַפטען אַלס פאַרטרעטער פון „פאָרווערטס“. זעהר אָפט נעמט ער אַן אַנטייל אין די פאַרהאַנדלונגען און ווייזט אַרויס אַ טיפע באַקאַנטשאַפט מיט די טרייד יוניאָן פראַגען, וואָס ווערען פאַרהאַנדעלט; ער גיט זעהר אָפט פּראַקטישע עצות, ווי צו לייזען פאַרפּלאָנטערטע סיטואַציעס אין די יוניאָנס.

די באַריכטען פון די מיטינגען פון די געווערקשאַפטען, וואָס ער שרייבט, ווייזען אויף דער טיפער ליבע און איבערגעבענהייט, וואָס גענאָסע בערגער האָט צו דער טרייד יוניאָן באַוועגונג. זיי ווייזען אויך אָן, אַז אין די טרייד יוניאָן פראַגען איז ער ווי ביי זיך אין דער היים.

עס איז שווער געווען אין די באַגרענעצטע ראַמען פון דעם אַרטיקעל איבערצוגעבען אין דער פולער מאָס די גרויסע און וויכטיגע אַרבייט, וואָס גענאָסע בערגער האָט געטאָהן פאַר די יוניאָנס פאַר די 12 יאָהר, וואָס ער איז געוואָרען אַ תושב אין פילאַדעלפיאַ.

אָבער די אָנגעוואָרפענע שטריכען און פאַקטען פון גענאָסע בערגער'ס טהעטיגקייט וועלען העלפען אויסמאָלען די ריכטיגע געשטאַלט פון גענאָסע בערגער אַלס טהוער, קעמפער און ראַטהגעבער פאַר די יוניאָנס.

ניט אומזיסט האָט גענאָסע בערגער געוואונען אַזוי פיעל הארציגע ליבע, רעספּעקט און אַנערקענונג צווישען די טהוער פון די יוניאָנס. ניט אומזיסט ווערט זיין עצה און זיין וואָרט אַזוי געשעצט צווישען זיי.

דוד בראַגינסקי,
סעקרעטאַר פון די פילאַדעלפיער געווערקשאַפטען

דר. מ. וו. ליאָף

זיין האַרטקייט איז ניט פון ביליגען מעטאַל

פון מיין ערשטער באַגעגעניש מיט הערי בערגער'ן האָב איך געוואוסט, אַז ער וועט ווערען אַ קראַפט אין דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג פון פילאַדעלפיע. ער איז דאַן געווען ערשט עטליכע טעג אין אונזער שטאָדט. דער לעיבאָר אינסטי־טוט האָט זיך דעמאָלט ערשט געהאַלטען ביים אויפבויען. איך האָב געלייגט אַסך האָפענונג אויף דעם אינסטיטוט, און האָב אין איהם פאַראינטערעסירט אויך בערגער'ן. איך האָב איהם אויפגעקלערט וועגען דער גרויסער נויטווענדיגקייט פון אַזאַ אינסטיטוציע. בערגער האָט רוהיג אויסגעהערט, געענטפערט זעהר ווייניג, געפרעגט אַ פּאָר פראַגען און כמעט גאָרנישט צוגעזאָגט. אָבער באַלד האָב איך איהם געפונען צווישען די אַקטיווע אַרבייטער פון אינסטיטוט, אַ מיטגליד פון דער דירעקטאָרען־באָארד, אַ וויס־פּרעזידענט, און שפּעטער דער פּרעזידענט פון דער אינסטיטוציע. איך בין כמעט דעם זעלבען וועג דורכגעגאַנגען אין דער זעלבער אינסטיטוציע; און אין דער „אָרט" אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט מיט עטליכע יאָהר צוריק דאָ געטאָהן אַסך וויכטיגע אַרבייט, האָט בערגער אויף מיר אַרויפגעצוואונגען דעם אַמט פון פּרעזידענט, און איך האָב דאָס זעלבע געטאָהן צו איהם, ווען מיין טערמין האָט זיך געענדיגט. ווען דער אידישער אַרבייטער־קאָמיטעט האָט זיך אָרגאַניזירט, איז בערגער ערוועהלט געוואָרען אַלס דער פּרעזידענט און איך אַלס דער קאַסירער. אָט אַזוי איז מיר אויסגעקומען צו אַרבייטען מיט בערגער'ן ביי פאַרשידענע געלעגענהייטען. פאַר מיר איז דאָס אַרבייטס־פעלד, אַחוץ מעדיצין, ניט זעהר ברייט, און אין פילאַדעלפיע איז די צאָהל מענשען, מיט וועמען מען קען אַרבייטען, זעהר אַ באַשריינקטע.

און דערפאַר זיינען מיר, איך מיט בערגער'ן, פאַר אַסך יאָהרען געווען איינ־געשפּאַנט צוזאַמען אונטער איין יאָך. מיר האָבען צוזאַמען געאַרבייט, צוזאַמען געהאַט אונזערע ערפאָלגען און דורכפאַלען, און כאָטש מיר האָבען צייטענווייז געהאַט אַ צוזאַמענשטויס וועגען פראַגען, דאָך זיינען מיר אַלעמאָל פאַרבליבען פערזענליכע פריינד.

איך וויל זיך באַנוצען מיט דער דאָזיגער געלעגענהייט צו זאָגען, אַז עס איז פאַר מיר אַן אמת'ער פאַרגעניגען צו קענען אויסדריקען מיין פריינדשאַפט און אַנערקענונג צו הערי בערגער'ן לכבוד זיין 50 יאָהריגען יובילעאום.

אפילו אויפ'ן אויבערפלעכליכען באַאָבאַכטער מאַכט הערי בערגער דעם איינ־דרוק פון אַ מאַן, וועלכער איז באַשאַנקען געוואָרען פון דער נאַטור מיט מעהר

ווי געוועהנליכע אינטעליגענץ און באגריפס־פעהיגקייט; אז מען קומט מיט איהם אין א נאָהענטער באריהרונג ענטדעקט מען אין איהם געוויסע אויסערגעוועהנליכע כאראקטער אייגענשאפטען: א שטארקע קראפט צו קאָנטראָלירען זיין טעמפעראַמענט, קרעפטיגע געדאנקען און האנדלונגען, וועלכע זיינען פיין צוגעפארבט מיט געפיהל; א פעהיגקייט אויסצודריקען געזונטע מיינונגען און זיי אויף א געלונגענעם אופן צו סומירען און זיי ברייגגען צו א סך־הכל. ער פארמאָגט א גרויסע רייכקייט אין אבסטראקטער געדאנקען־ארבייט און א פעהיגקייט צו קומען צו לאָגישע שלוסען, און דאָס גיט איהם די מעגליכקייט צו באהאנדלען מאָמענטאלע פראגען און סיטואציעס מיט גרויס לעבעדיגקייט און פלינקייט, און צו געפינען שנעל דעם ריכטיגען אויסדרוק צו זיינע געדאנקען און געפיהלען. מיט אזא סאָרט עלעקטרישער בליצקייט פון זיין געדאנק, איז ער זעהר אָפט אין דער גליקליכער לאגע ארויסצוציהען פון זיין זכרון עראינערונגען און אידייען־אסאָסיאציעס, און דורך דעם קען ער קומען שנעל צו קריטישע שלוסען און צו באשטימטע מיינונגען. ווען מען פאראייניגט מיט די אויסגערעכענטע אייגענשאַפטען נאָך זיין ריזיגע מאָס ענערגיע, וועלכע ער גיט פון זיך ארויס אין א ריזיג־שנעלען טעמפּאָ, דאן האָט מען פאר זיך א פאָרטרעט פון הערי בערגער.

דורך די פילע יאָהרען פון אונזער נאָהענטער פריינדשאפט און חבר'שאפט, האָב איך אין איהם אָפט געפונען א הארטען געגנער, אָבער זיין הארטקייט איז נישט געמאַכט פון ביליגען מעטאל. ער איז א מאן, וואָס נאָר ווייניגע קענען אזוי ווי ער ביישטעהען א נסיון. צו רעכענען איהם צווישען אונזערע פריינד איז אן אמת'ע פּריווילעגיע, ווייל אויף איהם קען מען אויף אן אמת'ן זאָגען דאָס ווערטעל: „א פריינד אין נויט—איז אן אמת'ער פריינד". אלס א חבר איז קיינער פון איהם נִיט בעסער, מעהר גייסטיג, עהרליך, אָדער מעהר פאַרטרויאונגס־ווירדיג און ראַיעל. ווען אין אונזער באוועגונג זאָל געווען זיין הארמאָנישקייט, וואָלט זיין אומערמידליכע ענערגיע, אמביציע און בריליאַנטענע פיהרערשאפט געבראכט נאָך מעהר פרוכט.

אין די יאָהרען וואָס בערגער וואוינט אין פילאדעלפיע, איז איהם געלונגען צו ווערען דער ווינקעלשטיין פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג. צו אסך פון זיינע חברים און פריינד האָט ער געגעבען מאָראלע און מאטעריעלע הילף. דאָ איז, נאטירליך, ניט דער פּלאַץ און ניט די צייט וואו איך וואָלט געקענט, פון מיין פערזענליכער בעאָבאכטונג, אַנגעבען אסך ביישפּילען פון בערגער'ס פריינדשאפט און חבר'שאפט.

ה. בערגער איז אין דער פילאדעלפיער סאָציאליסטישער און ארבייטער באַוועגונג א שטארק אָנגעזעהענע פיגור. עס איז מיין האָפענונג און וואונש, אז עס זאָלען איהם נאָך געשאָנקען זיין אסך יאָהרען פון לעבען, גליק און אקטיוויטעט.

און אז ער וועט אין דעם קרייז פון זיינע טהעטיגקייטען געפינען נאָך מעהר גע־לעגענהייטען אָנצואווענדען זיין ריזיגען אוצר פון ענערגיע פאר קאָנסטרוקטיווער סאָציאַלער ארבייט; אַן ארבייט, וואָס דארף העלפען איבערבויען די מענשליכע געזעלשאפט אין איינקלאַנג מיט זיין אידעאַל; אַן ארבייט, וואָס וועט אָנרעגען און באגייסטערען מענשען צו קעמפפען פאר יענער נייער וועט, צו וועלכער מיר אַלע שטרעבען.

משה לעווינסאָן

געשאַפען אַ בריק צווישען אידישע סאָציאַליסטען און די אידישע מאַסען

אויף געגנאָסע בערגער'ן קען מען זאָגען, אז ער איז דאָס געווען דער, וואָס האָט „געעפענט אַ פענסטער" אין דעם טעמפעל פון דער אידיש־סאָציאַליסטישער פּארטיי אין פילאַדעלפיע.

ביז בערגער'ן איז אונזער היגע פּארטיי געווען אַ שולכעל, אַן אָפּגעשלאָסענער מקום קדוש, וואָס האָט אַלעמאַל געדאַווענט ביחידות, אָפּגעטיילט פון אַלע אַנדערע אידישע כלל־באַוועגונגען און כלל־אונטערנעהמונגען. מיר האָבען געהאַלטען אונ־זערע טהירען און פענסטער פעסט פארשלאָסען, אז קיין פרעמדער שאָרך, קיין מינדעסטער געראויש פון דער ברייטער אידישער גאַס זאָל זיך חלילה צו אונז ניט דערטראָגען. דער רעזולטאַט איז געווען, אז די ברייטע אידישע גאַס האָט אונז, פאר אונזער סעקטאַנטישער האַלטונג, אָפּגעצאָהלט מיט דער גלייכער מטבעה: מיר האָבען זי איגנאָרירט, האָט זי אונז איגנאָרירט. מיר האָבען זי ניט געוואָלט קענען, האָט זי אונז ניט געוואָלט קענען און אָנערקענען.

מיט בערגער'ס אריינטרעטען אין דער פילאַדעלפיער אידישער באַוועגונג האָט זיך די לאַגע באַלד געענדערט. בערגער האָט גלייך דערפיהלט די ענגע, שטיקענדע לופט אין אונזער שולכעל. און ער האָט געעפענט אַ פענסטער צו דער ברייטער גאַס. ער האָט געשאַפען באַציהונגען און באַריהרונגען צווישען אונז און די ברייטע פאָלקס מאַסען און פאָלקס אינטערעסען. ער האָט פאַראינטערעסירט די אידישע סאָציאַליסטען אין די פארשידענע נויטען און פּראָבלעמען פון דער גאַנצער אָרימער אידישער גאַס, און דאָס האָט געגעבען אונזער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ניט נאָר אַ ברייטערען פעלד פון טהעטיגקייט, נאָר אויך מעהר געוויכט און פּרעסטידזש אין די ברייטע קרייזען פון דער אידישער פילאַדעלפיע.

בערגער האָט געשאַפען אַ בריק צווישען דעם אידישען סאָציאַליזם און דעם אידישען פאָלק אין פילאַדעלפיע—און דאָס, גלויב איך, איז דער גרעסטער לויב, וואָס מ'קען געבען אַ אידישען סאָציאַליסטישען טהוער.

דער פילאַדעלפיער טאַטע פון „אַרט"

מיין באַקאַנטשאַפט מיט העריי בערגער'ן האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ קורצע צייט נאָך דעם, ווי ער האָט זיך באַזעצט אין פילאַדעלפיע. פון דאַן אָן האָבען געוויסע געזעלשאַפטליכע פראַגען, וואָס האָבען אונזביידע צוגעצויגען צו זיך און אונז צוזאַמענגעבראַכט ביי אָפטע מיטינגען, מיר געגעבען די געלעגענהייט צו באַ־אָבאַכטען און שטודירען דעם מאַן פון אַ נאָהענטער דיסטאַנץ.

דער איינדרוק וואָס איך האָב פון איהם געקראָגען, קען אויסגעדריקט ווערען אין פאָלגענדע ווערטער: ער איז אַ מענש מיט אַן אויסגעצייכענטער פאַרשטענדניש פאַר סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און הומאַניטאַרישע פּראָבלעמען. זיין קוק אויף גרויסע מענשליכע פראַגען און שטרעבונגען איז קלאָר און באַשטימט, אָבער נישט דעמאָנסטראַטיוו. אויך זיין וועג ווי אַזוי צו דערגרייכען רעזולטאַטען איז אָרי־גינעל און באַצווינגענדיג. מען קען זיך פון זיינע הענד ניט אויסדרעהען. דערצו באַזיצט ער אַן אומבאַשטרייטבאַרע פעהיגקייט אויסצוקלייבען דעם ריכטיגען מאַן פאַר דער ריכטיגער ארבייט.

זיין איינציגער טעות אין דער באַציהונג איז אפשר געווען דאָס, וואָס ער האָט, מיט וואָסערע 9 יאָהר צוריק, גראָד מיך אויסגעקליבען צו העלפען איהם עטאַבלירען אַ געזונדהייט־קליניק פאַר די מיטגלידער פון ארבייטער רינג. אָבער דאָס האָט מיר געגעבען די געלעגענהייט צו שטודירען בערגער'ן און איך פיהל, אַז איך האָב פּראָפּיטירט פון מיין פאַרבינדונג מיט איהם. איך האָב געהאַט די געלעגענהייט צו באַוואונדערען זיין גוואַלדיגע ענערגיע און זיין פלייס, און מעהר פון אַלץ, זיין באַזיגענדען כח צו דערגרייכען רעזולטאַטען. קוקענדיג אויף דער ארבייט פון זיינע געדאַנקען און האַנדלונגען, האָב איך אין זיי באַמערקט פּלאַנ־מעסיגקייט, לאָגיק, עקשנות און כסדר'דיקען פּראָגרעס צו דעם באַשטימטען ציעל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט.

אַלס ביישפּיעל קען טאַקע דינען דער אויבענדערמאַנטער פּלאַן וועגען דעם מעדיצינישען קליניק פון ארבייטער רינג. ווויסענדיג וואָס זיין צוועק איז, האָט ער אינסטינקטיוו שוין אויך געוואוסט, וואָס פאַר־אַ סאָרט אינסטיטוציע דאָס דאַרף זיין. ער האָט שוין געהאַט פאַר די אויגען דאָס פאַרטיגע בילד פון אַ קליניק, וואָס זאָל דינען די אינטערעסען פון דער ברייטער מיטגלידערשאַפט פון די היגע ארבייטער רינג קרייזען. דאָס איינציגע, וואָס האָט איהם געפעהלט, איז געווען די מעדיצינישע קענטשאַפט, וואָס איז נויטיג צו פאַרווירקליכען אַזאַ פּלאַן. דאַ־מאָלט איז ער צו מיר צוגעקומען אויף אַ דיפּלאָמאַטישען אופן, ווי אַ סטודענט שאַרט זיך צו צו זיין פּראָפעסאָר, און האָט מיר דערצעהלט, אַז ער איז געקומען

זיך בארעטען מיט מיר און אויפגעפינען, אויב עס איז מעגליך צו עטאבלירען אן ארבייטער רינג קליניק אין פילאדעלפיע, אין א צייט ווען עס איז נישטא קיין געלד מיט וואס אנצופאנגען אזא וויכטיגע אונטערנעהמונג. אבער אין נעקסטען מאמענט האט ער נישט פארגעסען צו באטאנען, אז אויב אזא קליניק זאל קענען ארגאני־זירט ווערען, און ער זאל זיך ארויסווייזען אלס נוצליך און ווערטפול, איז ביי איהם גאר קיין צווייפעל ניט, אז סוף־כל־סוף וואלט ער געקענט שאפען די געלד־מיטלען, וואס זיינען נויטיג צו פארגיטיגען די דאקטוירים פאר זייערע פרייוויליגע דינסט.

דער דאזיגער פראקטישער און טאקטישער צוגאנג זיינער האט געוואונען איהם מיין סימפאטיע און קאאפעראציע. באלד נאכדעם איז דער קליניק געשאפען געווארען. 11 דאקטוירים זיינען צוגעשטאנען צו מיין ארבייט, און פאר דער צייט פון א יאהר איז דער דאזיגער עקספערימענט אנגעפיהרט געווארען אהן א סענט הוצאות פאר די, וואס האבען זיך מיט דעם קליניק באנוצט. ווען מען זאל דאס ווען אפשאצען אין דאלארס און סענטען, קען מען זאגען, אז די מיטגלידער פון ארבייטער רינג האבען דורך דעם קליניק געקראגען מעדיצינישע הילף אין ווערטה פון טויזענדער דאלער. דער דאזיגער קליניק האט אויך באוויזען ווי נויטווענדיג עס איז צו שאפען א שטענדיגען און בלייבענדען מעדיקאל סענטער אין פילאדעל־פיער ארבייטער רינג.

כאטש עס זיינען פארגאנגען א רייע יאהרען צווישען יענעם ערשטען קליניק און דעם איצטיגען מעדיקאל סענטער, וועלכער איז ניט לאנג צוריק ארגאניזירט געווארען, איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז דער פלאן, וועלכער איז געבוירען געווארען אין בערגער'ס קאפ און איז דורכגעפיהרט געווארען פון יענע 11 דאק־טוירים־פיאנערען, האט אסך געהאלפען צו מאכען אונזער איצטיגען מעדיקאל סענטער פאר דעם גרויסען ערפאלג, וואס ער איז.

מיין צווייטע ערפאהרונג מיט בערגער'ן אויפ'ן פעלד פון געזעלשאפטליכער ארבייט איז געווען זיין אקטיוויטעט אין דער פילאדעלפיער „ארט" ארגאניזאציע; בעסער געזאגט, זיין חלק, וואס ער האט ביינעטראגען צו דער ענטוויקלונג פון דעם פילאדעלפיער „ארט"—וויל ווען בערגער האט איבערגענומען די פיהרערשאפט פון דער דאזיגער ארגאניזאציע, איז זי געווען אומבאדייטענד און אזוי פרעמד צום באגריף פון דער היגער אידישער געמיינדע, ווי א שטייגער די רעליגיע פון בודא. איך קען עדות זאגען אז בערגער האט ניט איבערגענומען דעם דאזיגען אמט צוליב דעם כבוד און פרעסטיזש, וואס אזא אמט ברייננגט מיט זיך. פארקערט, עס איז געווען זעהר א שווערע און אומדאנקבארע אונטערנעהמונג, און ער האט עס אויף זיך גענומען נאך דערפאר, וויל ער האט די פראגע שטודירט, און ער איז געווען איבערצייגט פון איהר נויטווענדיגקייט.

ווי גרויס אדער ווי קליין עס איז געווען פילאדעלפיא'ס חלק אין די דער־גרייכונגען פון דעם אינטערנאציאנאלען „ארט", איז אבער דאס, וואס פילאדעלפיע האט ביינעטראגען, דערגרייכט געווארען הויפטזעכליך דורך בערגער'ס באקאנט־

שאפט מיט דער זאך, דורך זיין פעסטער איבערצייגונג, אז די ארבייט איז נוצליך און נויטווענדיג, און דורך זיין ענטשלאסענקייט, אז די ארבייט זאל געטאהן ווערען. עס איז זעלבסט־פארשטענדליך, אז די אידעאלען און פרינציפען פון דעם „ארט" זיינען אזעלכע, אז בערגער האט זיי געקאנט מיט דעם פולען הארצען אונטער־שטיצען. בערגער'ס באגריפען וועגען אידישען לעבען אויף ביידע זייטען ים זיינען קלאר און רייך, זיין אינפארמאציע וועגען אידען קומט פון דעם ערשטען קוואל, און זיין נאהענטער פארקער מיט די ברייטע אידישע מאסען אין אמעריקע ווי אויך די רייכע קענטשאפט וועגען אידישע פראבלעמען, וואס ער האט זיך ער־ווארבען אין פארלויף פון זיין רעליעף־מיסיע אין מזרח־אייראפע—דאס אלעס האט איהם, אזוי צו זאגען, „אנגעשטעקט" מיט סימפאטיע פאר דער „ארט" טהעטיגקייט און אין איהם געשאפען אימפולסען און איבערצייגונגען, וואס האבען איהם אריינגעטראגען אין דער אקטיוויטעט פון יענער אויסערגעוועהנליך נוצ־ליכער ארגאניזאציע.

אין דער צייט, וואס ער איז געווען דער פארשטעהער פון „ארט" אין פילא־דעלפיע, איז איהם געלונגען צו ארגאניזירען א גאנץ סטאבילע ארגאניזאציע, וועלכע האט זיך ערווארבען אין אונזער היגען אידישען לעבען א באדייטענדע מאס פון אנערקענונג.

די געלד־זאמלונגען, וואס זיינען יעהרליך געשאפען געווארען, זיינען אלעמאל געווען אין איינקלאנג מיט דער גרויס פון דער היגער אידישער ארבייטער געמיינדע. בערגער אבער האט געפיהלט, אז מיר דארפען מאכען גרעסערע אנשטריינגונגען, און כדי צו דערגרייכען גרעסערע רעזולטאטען, מוזען צוגעצויגען ווערען נייע כחות צו דער ארבייט. ביז 1931 איז דער איינציגער קוואל פאר'ן פילאדעלפיער „ארט" געווען דער ארבייטער־עולם, מיט וועמען בערגער איז געווען פארבונדען. ער האט אבער געפיהלט, אז די „ארט" באוועגונג פארדינט די שטיצע פון יעדען סארט אידען, מחמת פון דעם „ארט'ס" הילפס ארבייט געניסען אידען אהן אונטערשיעד פון קלאס און איבערצייגונג. די צילען פון „ארט" זיינען ניט קיין פארטיי־פאליטישע. זיין ציעל איז צו רעהאביליטירען און ווידעראויפבויען אלע דערשלא־גענע און אויסגעווארצעלטע אידען פון אייראפא. דורך זיינע פארשידענע פלענער און צווייגען אויפ'ן אינדוסטריעלען און אויפקלערערישען געביט זוכט דער „ארט" צו מאכען פון די אידען א קאנסטרוקטיווע מאסע; זיי אוועקנעהמען פון שפלדינער קרעמעריי און מעקלעריי און זיי פארוואנדלען אין האנדווערקער און ארבייטער, כדי זיי זאלען קענען פארנעהמען א פלאץ אין דער וועלט גלייך מיט אנדערע פעלקער.

אט דאס זיינען געווען די ארגומענטען וואס בערגער האט פאר מיר אוועק־געלייגט, און מיט וועלכע ער האט געוואונען ניט נאר מיין אויפמערקזאמקייט, נאר אויך מיין קאאפעראציע אין דעם פלאן צו העלפען פארגרעסערען און פאר־ברייטערען די ארבייט פון פילאדעלפיער „ארט".

אָבער דאָס באַשיידענע ביסעל מיטאַרבייט, וואָס איך האָב איהם געגעבען, איז נאָך ניט געווען אַלעס וואָס בערגער האָט געזוכט צו דערגרייכען. אין דער אמת'ן האָט ער געזוכט אַרויפצולייגען אויף מיר די פיהרערשאַפט פון היגען „אָרט", ניט חלילה כדי זיך אַליין צו באַפרייען פון דעם יאָך און פון דער פאַראַנטוואָרט־ליכקייט, נאָר כדי דורך מיר אַריינצוקריגען נייע עלעמענטען, נייע אַרבייטער און מעהר אַרבייט פאַר דעם ווירדיגען צוועק. איך בין נישט געווען גרייט צו נעהמען אויף זיך אַזאַ פאַרפליכטונג, און איך האָב זיין פאָרשלאַג צוריקגעוויזען. אָבער בערגער איז אַ מענש, וואָס נעמט קיינמאָל ניט אָן קיין „ניין" אַלס ענטפער, און ער האָט באַשלאָסען צו דערגרייכען זיין צוועק אויף אַן אַנדער וועג. ער האָט אַראַנזשירט אַ צוזאַמענקונפט אין דר. ליאָף'ס היים. צו דער צוזאַמענקונפט האָט ער איינגעלאַדען עטליכע פּראָמינענטע פּערזענליכקייטען, און דאָרט, אין דער אַנוועזענהייט פון יענער געמישטער גרופּע באַוואוסטע כלל־טהוער, האָט ער מיך נאָמינירט, „געסעקאָנד די נאָמינײשאָן", און ערוועהלט אַלס פאָרשטעהער פון „אָרט". איך האָב קיין ברירה ניט געהאַט. איך בין געווען אַזוי צעטומעלט פון דעם שנעלען מעטאָד מיט וועלכען בערגער האָט דאָס אַלעס דורכגעפיהרט, אַז געהענדיג אַהיים, האָב איך זיך ערשט דאַן געכאַפּט, אַז מ'האָט מיך גאָרנישט גע־פרעגט, אויב איך נעם אָן, נאָר אחר המעשה האָט מען מיר געזאָגט, אַז איך בין דער טשערמאַן פון „אָרט" און מ'האָט מיר אָפּגעגעבען פון אַלע זייטען מזל־טוב.

אָט דאָס איז בערגער. אָט אַזוי האַנדעלט ער און אָט אַזוי דערגרייכט ער זיין ציעל, ווען דער ציעל געהט ביי איהם צוזאַמען מיט זיין איבערצייגונג.

ביי דער געלעגענהייט וויל איך ערקלערען, אַז פאַר דער צייט, וואָס איך בין געזעסען אויף דעם פאָרשטעהער־שטול פון „אָרט", וועלכען בערגער האָט מיר אָפּגעטראָטען, איז ער, בערגער, געווען מיין לאָיאַלסטער מיטאַרבייטער, גאָר אַנדערש ווי די דורכשניטליכע „עקסען", וואָס ווערען אָפּגעפּרעמדט פון זייערע אַמט־פליכטען, אַזוי שנעל ווי זיי געהען אַרונטער פון ביינקעל. בערגער איז אַלע־מאָל געשטאַנען ווי אַן אַנשפּאַר און אַ הילף ביי מיין רעכטער האַנד. איך וויל זיך אַפילו מודה זיין, אַז אָהן זיין הילף וואָלט איך זיכער אַפילו ניט אַ פירטעל־טייל פון דער אָפּגעטאָענער אַרבייט, דורכגעפיהרט. ער איז דער שטאַרקסטער זייל פון פילאַדעלפיער „אָרט". און ווען איך וועל באַשליסען זיך צוריקצוציהען פון מיין אַמט, וועט עס ווידער זיין בערגער, וועלכער וועט דאַרפען זאָרגען צו געפינען אַ נאָכפאָלגער פאַר מיר. ער איז אַ מין סאָרט טאַטע פאַר דער פילאַדעלפיער „אָרט" אָרגאַניזאַציע. און איך קען איהם נאָר ווינשען, אַז זיינע כחות זאָלען איהם נאָך דינען אַסך יאָהרען, ווייל דער „אָרט" דאַרף האָבען בערגער'ן און זיין אַרבייט.

דר. דזשאָזעף א. לענגבאָרד,
טשערמאַן פון פילא. „אָרט"־אָרגאַניזאַציע

די אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבען מעגליך געמאַכט אַרויסצוגעבען דעם דאָזיגען בוך

כמעט יעדע פון די אונטען אויסגערעכענטע לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס, יוניאָנס, ארב. רינג ברענטשעס, און אינסטיטוציעס, האָט צוגעשיקט א געשריבענע באַגריסונג פאַר'ן יובילאַר, אויסדריקענדיג די גאַנצע פריינדשאַפט און אַנערקענונג וואָס זי פיהלט פאַר גענאָסע בערגער'ן. זיי אַלע אָפּצודרוקען, וואָלט זיך גענויטיגט אַרויסצוגעבען צוויי מאָל אזוי גרויסען יובילעאום־בוך, ווי עס איז געפּלאַנט און באַשלאָסען געוואָרען. צוליעב מאַנגעל אין פּלאַץ, ווערען דאַריבער בלויז די נעמען פון די אָרגאַניזאַציעס מיט זייערע הויפּט בעאַמטע דערמאַנט אין דעם בוך—א זאַך, וואָס די יובילייי קאָמיטע באַדויערט זעהר שטאַרק, אָבער זי האָט זיך ניט געקענט העלפען.

יובילייי קאָמיטע

צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס

לעיבאָר עדיוקיישאָנאַל סענטער

מאַריס ל. מאַרגאַלין, וויים־טשערמאַן
סיימאַן ליבראָס, סעקרעטאַר

פילא. „פאָרווערטס" סטעף

פילאַדעלפיער ברענטש „אָרט"

דר. דזשאָן א. לענגבאָרד, טשערמאַן
ל. א. שניאור, טרעזשורער

אידישער ארבייטער קאָמיטעט, פילאַדעלפיא

דר. מ. וו. ליאָף, טרעזשורער
מ. שאַפּירא, סעקרעטאַר

סענטראַל ברענטש ס. פּ.

דר. קוטיקאָף, טשערמאַן
ס. טראַכטמאַן, סעקרעטאַר

וועסט פילא. ברענטש, ס. פּ.

ד. בראַגינסקי, טשערמאַן
י. זאַנעס, סעקרעטאַר

פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען

בעקי סטיין, טשערלײדי
ד. בראַגינסקי, סעקרעטאַר

דיסטריקט אָרגאַניזיישאָן קאָמיטע ארב. רינג

מ. לעווינסאָן, טשערמאַן
ס. רודין, סעקרעטאַר

צענטראַלע שול פאַרוואַלטונג

מ. קאַפּמאַן, טשערמאַן
ל. לעווינסאָן, סעקרעטאַר

סעמעטערי קאָמיטע ארב. רינג

ל. סווערדלאָוו, טשערמאַן
ב. פינגערברעין, סעקרעטאַר

קעמפּ קאָמיטע א. ר.

ס. עטינגער, טשערמאַן
א. רודין, סעקרעטאַר

יוגענד קאָמיטע א. ר.

ה. פינקעל, טשערמאַן
ל. ווינער, סעקרעטאַר

מעדיקאַל דעפּאַרטמענט א. ר.

ל. סווערדלאָוו, טשערמאַן
מ. שאַפּירא, סעקרעטאַר

לערער ראַט א. ר.

ג. ברעסלער, טשערמאַן
ע. ראָזענבערג, סעקרעטאַר

אַרבייטער רינג ברענטשעס

ברענטש 12 אַרב. רינג
ס. ליפשיטץ, טשערמאַן
ב. פריינקעל, סעקרעטאַר

ברענטש 76 אַרב. רינג
ד. רעוויזין, טשערמאַן
ס. דייווידאָוו, סעקרעטאַר

ברענטש 81 אַרב. רינג
ס. עטינגער, טשערמאַן
ווּם. סאַלקין, סעקרעטאַר

ברענטש 91 אַרב. רינג
ל. בולקין, טשערמאַן
מ. צייטלין, סעקרעטאַר

ברענטש 98 אַרב. רינג
י. נעגין, טשערמאַן
ל. לעווינסאָן, סעקרעטאַר

ברענטש 103 אַרב. רינג
ע. וויינמאַן, טשערמאַן
ע. ראָזענבערג, סעקרעטאַר

ברענטש 118 אַרב. רינג
מ. פּאַלין, טשערמאַן
מ. סלוצקי, סעקרעטאַר

ברענטש 124 אַרב. רינג
מ. שאַפּירא, טשערמאַן
וו. פּראַטאַס, סעקרעטאַר

ברענטש 135 אַרב. רינג
ה. פּאַרלעגער, טשערמאַן
ה. סעלקאָוויץ, סעקרעטאַר

ברענטש 138 אַרב. רינג
א. הערשמאַן, טשערמאַן
ב. פינגערברעון, סעקרעטאַר

ברענטש 150 אַרב. רינג
מ. שניידער, טשערמאַן
ב. שאַפּראַן, סעקרעטאַר

ברענטש 153 אַרב. רינג
ס. רודין, טשערמאַן
ס. ברעסלי, סעקרעטאַר

ברענטש 209 אַרב. רינג
מ. טשערנאָוו, טשערמאַן
דזש. ראָזען, סעקרעטאַר

ברענטש 273 אַרב. רינג
טשאַרלס סאַלטץ, טרעזשורער
סעם האַלינאָוו, סעקרעטאַר

ברענטש 283 אַרב. רינג
א. ביכאָווסקי, טשערמאַן
ה. פינקעל, סעקרעטאַר

ברענטש 362 אַרב. רינג, קעמדען
מ. דאַנאָוו, טשערמאַן
מ. שניידער, סעקרעטאַר

ברענטש 370 אַרב. רינג
י. טשערנאַווסקי, טשערמאַן
ב. וויינגאַרטען, סעקרעטאַר

לײדים אָקזילערים

לײדים אָקזילערי, לעיבאָר עדיוקיישאָנאַל סענטער
מרס. לעווינסאָן, טשערליידי
מרס. מאַרגוליס, סעקרעטאַר

ברענטש 12 אָקזילערי
מרס. פענסלער, טשערליידי
מרס. זאַלאַט, סעקרעטאַר

ברענטש 81 אָקזילערי
מרס. קאַסאַקאָף, טשערליידי
מרס. באַרענבאום, סעקרעטאַר

ברענטש 118 אָקזילערי
מרס. ליטווין, טשערליידי
מרס. סאַסין, סעקרעטאַר

ברענטש 124 אָקזילערי
מרס. שעכטמאַן, טשערליידי
מרס. קאַהן, סעקרעטאַר

ברענטש 138 אָקזילערי
מרס. פינגערברעון, טשערליידי
מרס. דזשייקאָבי, סעקרעטאַר

ברענטש 153 אָקזילערי
מרס. יאַוויץ, טשערליידי
מרס. מאַזיא, סעקרעטאַר

ברענטש 283 אָקזילערי
מרס. פינקעל, טשערליידי
מרס. נידעלמאַן, סעקרעטאַר

ברענטש 362 אָקזילערי, קעמדען
מרס. עפּשטיין, טשערליידי
מרס. שאַלס, סעקרעטאַר

יוגענד ברענטשעס

ברענטש 1017 א. ר.
אהרון מעילאן, טשערמאן
מאלי קאהען, סעקרעטאר

ברענטש 1053 א. ר.
סאל. מייערסאן, טשערמאן
נארא גאספיעלד, סעקרעטאר

ברענטש 138 — וואי
העראלד באראן, טשערמאן
אסקאר הערשמאן, סעקרעטאר

אַרבייטער רינג שולן

שול 1 — אפטאון
שול 2 — לאָגאן
שול 3 — סטראָבערי מענשאָן
שול 4 — וועסט פילאדעלפיא
שול 6 — אפטאון
שול 7 — דאון-טאון
שול 8 — ווינפילד

שול 10 — קעמדען
שול 11 — ס. וו. פילאדעלפיא
שול 12 — איסט בולווארד
שול 13 — אפטאון
קינדערגארטען—איסט בולווארד
מיטל-שול — אפטאון.

יוניאָנס

פילאדעלפיער דזשאָינט באָרד
א. ק. וו. אָוו א.
טשארלס וויינשטיין, מענעדזשער

פילאדעלפיער דזשאָינט באָרד
קלאָוק און סקוירט מייקער יוניאָן
א. ל. ג. וו. י.
לואיס בולקין, מענעדזשער

פילאדעלפיער וועיסט און דרעס-
מייקערס יוניאָן, א. ל. ג. וו. י.
סעם אטא, מענעדזשער

סאוטה דזשוירזי דזשאָינט באָרד
קלאָוקמייקערס א. ל. ג. וו. י.
ב. קארפ, מענעדזשער

ניוסקעריערס יוניאָן
ד. בראָגינסקי, טשערמאן
פ. זאלאָטניצקי, סעקרעטאר

בעקער יוניאָן לאָקאל 201
ס. קליין, און ה. פיין,
ביזנעס אגענטען

קעפּ און מילינערי וואָירקערס
יוניאָן
מ. לענא, פינאנס סעקרעטאר
מ. ביינדער, רעקארדינג סעקרעטאר

ריטייל סיילסמאן קלאָדינג
וואָירקערס יוניאָן
ה. גודמאן, טשערמאן
ב. פאזנער, סעקרעטאר

בעקער סעילסמאן דרייווערס יוניאָן
א. מאלינסקי, טשערמאן
א. מאטיס, סעקרעטאר

באטה וואָירקערס יוניאָן
ה. ראפאפארט, טשערמאן
ל. גרינבערג, סעקרעטאר

מצה בעקער יוניאָן
ל. סטיינבערג, טשערמאן
ב. ליווי, סעקרעטאר

אַ דאַנק

דער אויסערגעוועהנליך וואַרימער און האַרציגער אָפּרוף, וואָס אונזער איינ־לאַדונג צו באַטייליגען זיך אין דעם יובילײ בוך האָט געפונען אין אַלע צווייגען פון אונזער באַוועגונג, האָט ביים יובילײ קאָמיטעט אַרויסגערופען פרייד און צופרידענהייט, אָבער ניט קיין איבעראַשונג. מיר האָבען געוואוסט, ווי הויך די פּערזאָן און די אויפטהואונגען פון אונזער יובילאַר ווערען געשאַצט אין אַלע אונזערע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, און ווי גרויס עס איז די צאָהל פערזענליכע פריינט, וואָס בערגער האָט זיך ערוואָרבען אין די צוועלף יאָהר וואָס ער איז אין פילאַדעלפיע.

פון דעסטוועגען וויל דער יובילײ קאָמיטעט זיך באַנוצען מיט דער געלעגענ־הייט אויסצודריקען זיין טיפען דאַנק צו יעדען צווייג און צו יעדען יחיד פון אונזער באַוועגונג, וועלכע האָבען מיט זייער גרייטקייט און האַרציגקייט קאָאָפּע־רירט מיט'ן קאָמיטעט און איהם געהאָלפען אַרויסגעבען דעם דאָזיגען בוך אַלס אַ בלייבענדע מתנה פאַר איינעם פון אונזערע אַקטיווסטע טהוער.

עהרענדיג איהרען אַ פאַרדינסטפולען פיהרער און טהוער, עהרט די באַוועגונג זיך אַליין. אין דעם גייסט איז דער קאָמיטעט צוגעטראָטען צו זיין אַרבייט, און אין דעם גייסט האָט ער זי פאַרענדיגט.

בערגער יובילײ קאָמיטעט

ס. טראַכטמאַן, סעקרעטאַר

אַראַנדזשמענט קאָמיטע

בערגער׳ס 50טער
געבורטסטאג פייערונג

ל. א. שניאור
טשערמאַן

דר. דזש. ק. דזשאפע
וויים-טשערמאַן

סיימאָן ליבראָם
טרעזשורער

ס. טראכטמאַן
עקזעקוטיוו סעקרעטאר

● ● ●

ס. אָטטאָ	דר. דזש. א. לאנגבאָרד	ה. פינקעל
ל. בולקין	דר. מ. וו. ליאָף	ב. קארפּ
ד. בראגינסקי	וויליאם ב. ליעף	דר. קוטיקאָף
ג. ברעסלער	מ. לעווינסאָן	דר. ל. קעסנער
ה. דאָרדיק	מ. ל. מארגאָלין	ס. רודאָוו
טשארלס וויינשטיין	ל. סווערדלאָוו	ס. רודין
פּ. זאָלאָטניצקי	ה. סיגעל	מ. שאפּירא
ה. טייטעלמאַן	ס. עטינגער	ב. שערמאַן

אַ רייזע
דורכ'ן גיהנם

— פון —

הערי בּערגער

מיט א פאָרוואָרט

— פון —

אב. קאַהאַן

ווען אַן אימיגראַנט באַזוכט זיין געבורטס־אָרט

איך האָב דעם פאַרגעניגען מיט דעם יובילאַר באַקאַנט צו זיין שוין איבער אַ פערטעל יאָהרהונדערט, נעהענטער צו דרייסיג יאָהר—דאַכט זיך. שוין לאַנג ווי דיזע באַקאַנטשאַפט האָט דעם כאַראַקטער פון אַ נאָהענטער פריינדשאַפט און פון גאַנץ אָפטע, כמעט אַל־טעגליכע באַריהרונגען. די ערשטע עראינערונגען אָבער וועגען גענאָסע בערגער'ן, וועלכע זיינען פאַרצייכענט אין מיין זכרון מיט אַ ספּע־ציעלער בולטקייט, געהערען צו דעם יאָהר 1920. גענאָסע בערגער איז דאַן גע־פאָהרען קיין מינסק, זיין געבורטס־שטאָדט, מיט שטיצע פאַר מלחמה קרבנות פון דעם מינסקער רעליעף אין אַמעריקע. ווען ער האָט זיך אומגעקערט, האָט ער מיר דערצעהלט וועגען די ערפאַהרונגען וואָס ער האָט געהאַט און די איינדריקע וואָס ער האָט באַקומען אויף דער רייזע און אויף זיין באַזוך אין זיין אַלטער היים, וועלכע ער האָט שוין ניט געהאַט געזעהען זיבעצעהן יאָהר.

ווען אַן אימיגראַנט באַזוכט זיין געבורטס־אָרט, איז דאָס אימער אַן אויסער־געוועהנליך אינטערעסאַנטער ענין, הויפּטזעכליך פאַר אונז אימיגראַנטען. צו אַזעלכע זאַכען האָב איך אימער געהאַט אַ באַזונדערע שוואַכקייט. דאַריבער, ווען גענאָסע בערגער איז צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק, האָב איך איהם גענומען פאַר־נאַנדערפרעגען מיט זשעדנעקייט, און איך האָב צו זיינע ענטפערס זיך צוגעהערט מיט די געפיהלען פון איינעם, וואָס לייענט אַ שפּאַנענדען ראָמאַן.

ער האָט פאַר מיר פאַרגעשטעלט מענשען, גאַסען, הייזער; די מאָמענטען ביי איהם אין הארצען, ווען ער האָט דאָס אַלץ ווידער געזעהען. אויך וועגען מענשען, וואָס ער האָט באַגעגענט אויף זיין רייזע, האָט ער דערצעהלט. זיינע שילדערונגען האָבען מיך אַזוי פאַראינטערעסירט, אַז איך האָב איהם געבעטען דאָס אַלץ אויפ־צושרייבען פאַר'ן „פאָרווערטס". ער האָט אַזוי געטאָהן, און זיינע אַרטיקלען האָבען איבעראַל אַרויסגערופען ליב און סימפּאַטיע.

גענאָסע בערגער איז אַ בעאָבאַכטער, און זיינע בעאָבאַכטונגען ווערען אָפט באַגלייט מיט אַן אייגענאַרטיגען הומאָר. דאָס האָט זיך געלאָזט מערקען אין יענע רייזע־איינדריקע זיינע. איך געדענק דאָרט ספּעציעל איינינע „אַלרייטניק־מיפּען", רעליעף פאָרשטעהער, וועגען וועלכע ער האָט דערצעהלט אין יענע אַרטיק־לען. אָבער ווען אַן אימיגראַנט פאָהרט אַ קוק טאָהן אויף זיין אַלטער היים נאָך אַן אַבוועזענהייט פון זיבעצעהן יאָהר, זיינען זיינע געפיהלען ווייט ניט אימער געגוייגט

צו הומאָר. אַ באַזוך אין דער שטאָדט וואו מען האָט זיך געהאָדעוועט, ענטהאַלט פילע פון די הייליגסטע מאָמענטען וואָס קומען פאָר אין אַ מענשליכען לעבען.

און מינסק איז דאָן ניט געווען אין דעם זעלבען צושטאַנד אין וועלכען ער האָט די שטאָדט איבערגעלאָזען אין 1903. די מלחמה האָט פון פילע משפחות און פון פילע הייזער אַ חורבן געמאַכט. עס איז אָנגעקומען די דייטשע אָקופּאַציע, און אין איהר האָט די באַפעלקערונג זיך אויך געגוג אָנגעהונגערט, נאָך מעהר ווי אין דער צייט פון די שלאַכטען. ווען בערגנער איז געקומען קיין מינסק האָט זיך די שטאָדט געפונען (ניט אויף לאַנג) ביי די פּאָליאַקען. קיין פּרנסה איז אַלץ ניט געווען.

מערסטע פון די מענשען און די זאַכען, וואָס ער האָט דאָרטען געפונען, האָבען געטראָגען אויף זיך דעם זיגעל פון טראַגעדיעס. דאָס אַלץ האָט זיך געפּיהלט אין די אַרטיקלען וואָס ער האָט געשריבען אין „פאָרווערטס“. אָבער ניט אַלץ, וואָס ער האָט מיר דערצעהלט אין אונזערע געשפּרעכען וועגען זיין רייזע, האָט געקענט איינגעשלאָסען ווערען אין די אַרטיקלען. איינינע מערקווירדיג אינטערעסאַנטע סיטואַציעס האָבען געהאַט אַ צו־פּריוואַטען כאַראַקטער דערצו.

איך האָב אויבען דערמאַנט בערגנער'ס איינענאַרטיגען הומאָר. דאָס איז אַ געלאַסענער סאָרט שפּאַס, וואָס געהט האַנד אין האַנד מיט אַ קלאָרער לאָגיק און— ווי איך האָב זיך אין שפּעטערע יאָהרען ערקונדיגט — קען עס אין אַ דיסקוסיע האָבען געפּעהרליכע עפעקטען פאַר אַ געגנער. עס איז אַ העפליכער הומאָר, ניט זעלטען מיט בייסענדע איבעראַשונגען.

פון דער פשוט'קייט און קלאָרקייט פון בערגנער'ס אַרט שרייבען קען מען זעהען, אַז ער איז אַ גראַדואירטער פון דער „פאָרווערטס“־שולע. ער שרייבט אינטערעסאַנט, אינהאַלטסרייך, רעאַליסטיש, אָהן פליסערלעך — אין קורצען, ער שרייבט אַזוי, אַז אַלע זאָלען איהם פאַרשטעהען און הנאה האָבען פון זיינע שילדערונגען.

אב. קאַהאַן

אַ רייזע דורכ'ן גיהנום

וואָס מיינע אויגען האָבען געזעהען אין יענע טעג פון דעם יאָהר 1920, ווען אידען זיינען געלעגען אויף די שייטערהויפענס פון דער וועלט־מלחמה.

פון הערי בערגער

איך, צוזאַמען מיט הערר אברהם בערניקאָוו, בין אין בלוטיגען יאָהר 1920, געפאָהרען פון ניו יאָרק קיין מינסק אויסצוטיילען די געלדער פון די אַמעריקאַנער ברידער און שוועסטער צו זייערע ליבע און טייערע אין מינסק.

די „ראָיאַל דזשאָרדזש", די שיף, מיט וועלכער איך בין אָפּגעפאָהרען פון ניו־יאָרק דעם 16טען אַפּריל, האָט זיך געריהרט פון האַפען. איך האָב זיך דער־פיהלט מאָדנע אונהיימליך. מען האָט אַרונטערגענומען די בריקלעך, וואָס האָבען פאַרבונדען די שיף מיט'ן האַפען, און איך האָב זיך דערפיהלט אָפּגעריסען פון מיינע פריינד און נאָהענטסטע. אַ דריקענדער אומעט האָט אָנגעהויבען צו פּרעסען מיין האַרץ. עטליכע שטונדען שפּעטער, אַז די שיף איז שוין געווען אַרויס אויפ'ן ברייטען וואַסער און האָט זיך אָנגעפאַנגען שטאַרק צו שאָקלען, בין איך געווען איינער פון די ים־קראַנקע, און דאָס האָט מיין אומעט נאָך פאַרגרעסערט.

אַ סך פּאַסאַזשירען האָב איך געזעהען אויפ'ן שיף. כ'האָב מיר פאָרגעשטעלט אַז מאַנכע זיינען געפאָהרען צוליעב געשעפט אָדער גלאַט צוליעב פאַרגעניגען; אָבער צוליעב וואָס איך האָב געדאַרפט פאָהרען אויף אַזאַ ווייטער נסיעה און דערצו נאָך אין אַזאַ „ליבער" מדינה ווי פּוילען—דאָס האָב איך אין יענעם מאָמענט בשום אופן ניט געקענט פאַרשטעהען. איך בין זיך איצט מודה ומתודה, אַז ס'איז מיך באַפאַלען אַ מאָדנע חרטה אויף דעם גאַנצען עסק. אָבער די שיף איז אַוועק אַלץ ווייטער און ווייטער פון ברעג, און איך האָב זיך שנעל גענומען צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז צוריק פאָהרען קען איך דאָך סאַי ווי סאַי ניט, איז שוין בעסער צו טראַכטען וועגען דעם אַלט־באַקאַנטען, כמעט פאַרגעסענעם ברעג, צו וועלכען איך פאָהר.

צוועלף לאַנגע טעג האָט זיך אונזער שיף מורא'דיג געשאָקעלט און געוואָרפען איבער'ן ים איידער זי האָט דערגרייכט דעם ברעג פון פּלימוטה, ענגלאַנד. אין פּלימוטה זיינען מיר אַרונטער צוזאַמען מיט עטליכע אינטערעסאַנטע, אידישע יונגעלייט, מיט וועלכע מיר האָבען זיך באַקענט אויפ'ן שיף. די דאָזיגע יונגעלייט זיינען געפאָהרען פון פּלימוטה קיין לאָנדאָן (אגב נישט צום ערשטען מאָל) און מיר זיינען מיט זיי געפאָהרען צוזאַמען. די רייזע פון פּלימוטה קיין לאָנדאָן האָט געדויערט איבער נאַכט, און אַזוי ווי קיינער פון אונז האָט ניט געשלאָפען, האָבען

מיר די גאנצע נאכט פארבראכט דערצעהלענדיג איינער דעם אנדערען זיינע ער־פאהרונגען.

איינער פון די יונגעלייט איז אין גאנצען 4 יאָהר פון רוסלאנד. ער רעדט א פראכטפולען ענגליש, מיט א לאָנדאָנער אקצענט, און איז א „באיער" (איינקויפער) פאר א לאָנדאָנער פירמע, וועלכע האָט אָפיסעס אין לאָנדאָן און אין ניו יאָרק. ער פיהרט מיט זיך א פעקעל פּלאטינום אין דער ווערטה פון איבער הונדערט טויזענד דאלער. א צווייטער, א „באיער" פאר א פירמע אין יאָהאנעסבורג, אפריקע, פאָהרט, צוליעב געשעפט, כסדר פון יאָהאנעסבורג קיין לאָנדאָן, פון לאָנדאָן קיין ניו יאָרק און צוריק. א דריטער האָט שוין אויף אזא אופן אריבערגעשוואומען דעם ים 36 מאָל. צוזאמען מיט אָט די יונגעלייט זיינען מיר אריינגעפאָהרען קיין לאָנדאָן.

אין לאָנדאָן האָבען מיר פארבראכט דריי טעג, און אין די דריי טעג האָבען מיר אָנגעקוקט די שטאָדט לאָנדאָן אויף וויפיעל עס איז נאָר מעגליך געווען צו בעאָבאכטען אזא ריזיגע שטאָדט אין אזא באשריינקטער צייט. אונז האָט הויפטזעכליך אינטערעסירט דער אידישער קווארטאל, ווהייטשעפעל. די אידישע גאסען, וואָס מיר זיינען דורכגעגאנגען, די עטליכע שוהלען און אידישע הייזער, וואָס מיר האָבען באזוכט, האָבען אויף אונז געמאכט אסך א טרויעריגערען איינ־דרוק ווי די אָרימסטע אידישע הייזער אין די אָרימסטע אידישע גאסען פון ניו יאָרק. אין לאָנדאָן האָבען מיר געטראָפען אידען וואשענדיג זיך אין פשוט'ע שיסלען ביים ליכט פון קעראָסין לעמפלעך. די גרויסע, אלטע, אידישע שוהל, וואָס מיר האָבען באזוכט אין לאָנדאָן, מיט די אלטע אידען, וואָס האָבען זיך דאָרטען געפונען ארום די טישען, דערמאנען זעהר שטארק אָן די אלטע שוהלען פון רוסלאנד און פוילען. קיין סימן פון דער ענגלישער ציוויליזאציע, און קיין שפור פון דער לאָנדאָנער גרויסקייט. אלטע, אלטע שמאָלע גאסען; אלטע, אלטע איינגעבויגענע אידען; אלטע אלטע מנהגים—דאָס איז דעמאָלט געווען דער לאָנ־דאָנער אידישער קווארטאל.

דעם 30טען אפריל, פארנאכט, זיינען מיר אָפגעפאָהרען פון לאָנדאָן, איבער'ן ענגלישען קאנאל, קיין האוור, פראנקרייך, וואוהין מיר זיינען אָנגעקומען שבת פריה, דעם 1טען מאי. פון דאָרט האָבען מיר געזאָלט מיט א שטונדע שפעטער אָפּפאָהרען קיין פאריז. האָבען מיר אָבער דאָרטען געטראָפען דעם 1טען מאי סטרייק, און א דאנק דעם זיינען מיר געבליבען שטעקען אויפ'ן וואקזאל און גע־ווארט אויף א לייזונג פאר דער דאָזיגער, ניי־געשאפענער לאגע. צוליעב דער מלחמה אין פוילען האָבען מיר זיך זעהר שטארק געאיילט אָנצוקומען אין מינסק; האָבען מיר געוואָלט פאָהרען קיין פאריז מיט אן אָטאָמאָביל. אָבער פאר אן אָטאָמאָביל רייזע קיין פאריז האָט מען פארלאנגט ניט ווייניגער פון 1,600 פראנק, און מיר האָבען דערפאר באשלאָסען צו ווארטען ביז די סטרייקער וועלען צוריק

ערלויבען צו אָפּערירען די באַהנען. צו אונזער גליק איז אַזאַ זאַך מעגליך געווען צוויי אַזייגער בייטאָג, און מיר זיינען אָפּגעפאָהרען מיט'ן צוג פון האַוור קיין פּאַריז. מיט אונז אין איין קופּע זיינען געפאָהרען צוויי אויסטראַליער. ביידע זיינען געווען אויסערגעוועהנליך פריינדליך צו אונז. איינער פון זיי, אַ געוועזענער אָפיצער אין דער אויסטראַליער אַרמיי, וואָס האָט געדינט אין פראַנקרייך אין דער צייט פון קריג, האָט גערעדט פראַנצויזיש, און ער האָט אונז מיט דער שפּראַך אַרויסגעהאָלפען ווען נאָר מען האָט געדאַרפט. ריידענדיג אַזוי מיט די צוויי אויסטראַליער, האָט זיך דער געוועזענער אָפיצער פּלוצלונג אַרויסגעכאַפּט מיט אַ העברייאישען וואָרט. איך בין שטאַרק איבעראַשט געוואָרען און איהם געפרעגט: ווי קומט צו אייך לשון קודש? אָבער אַנשטאָט צו ענטפערען אויף מיין פראַגע, האָט ער פון אונטער זיין אויבערהעמד אַרויסגעשלעפּט אַ ציצה און מיר באַוויזען, אַז ער איז אַ איד. אָבער אַזוי ווי איך בין נאָך אַלץ געווען שטאַרק איבעראַשט פון דער פּלוצלונגער ענדעקונג און האָב געזאָגט אַז עס איז שווער צו גלויבען, אַז זיי זיינען אידען, האָט דער צווייטער, וועלכער איז געווען דעם אָפיצער'ס ברודער, אַרונטערגענומען זיין טשעמאָדאַן און פון דאָרט אַרויסגענומען אַ פּאָר תפלין און מיט די תפלין פאַר מיר דעמאָנסטרירט זיין אידישקייט. פון דעם מאָמענט אָן איז אונזער געשפּרעך געוואָרען נאָך ווארימער און אינטימער. צעהן אַזייגער ביינאַכט זיינען מיר אָנגעקומען קיין פּאַריז, וואו מיר האָבען אויף די גאַסען געטראָפען אַ גרויסען, זינגענדיגען, פרעהליכען עולם.

אויף מאָרגען אין דער פריה, ווען מיר האָבען זיך אָנגעהויבען נאָכפרעגען וועגען דעם אופן ווי אַזוי מיר קענען פאָרזעצען אונזער ווייטערע רייזע, האָבען מיר זיך אָנגעשטויסען אָן צוויי נייע פּראָבלעמען: ערשטענס, האָבען מיר אויסגעפונען, אַז איידער מען קען קריגען רייזע בילעטען פאַר'ן אָנטאַנט צוג (דער צוג וואָס געהט דירעקט פון פּאַריז קיין וואַרשע) קומט אויס צו וואַרטען פון 10 ביז 12 טעג. און צווייטענס, אַז אַ פרעמדער רייזענדער דאַרף בסדר האַלטען זיינע הענט אין די קעשענעס און טיילען כּאַבּאַר, אָדער ווי מען רופט עס אין פּוילען, „לאַפּואַווקאַ". און די ליניע פון „לאַפּואַווקאַ" האָט זיך באמת געצויגען פּונקט אַזוי ווי דער אַנטאַנט צוג, פון פּאַריז דירעקט ביז פּוילען. אָבער ענדליך האָבען מיר נאָך פיעל מאַטערניש און אין אַ צייט פון 4 טעג, באַקומען אונזערע באַהן בילעטען פאַר'ן אַנטאַנט צוג, וועלכער האָט אונז געפיהרט קיין וואַרשע.

דעם 8טען מאַי זיינען מיר אָנגעקומען קיין וואַרשע. יענעם טאָג איז דער קורס געווען פון 178 ביז 181 פּוילישע מאַרקען פאַר אַ דאָלער. פון דער אינפאָרמאַציע, וואָס מיר האָבען באַקומען פון פינאַנסיסטען, זיינען מיר געווען גענויגט צו גלויבען, אַז דער דאָלער וועט שטייגען נאָך העכער, און מיר האָבען דערפאַר באַשלאָסען נישט צו בייטען באַלד אונזערע דאָלאַרען אויף מאַרקען, נאָר וואַרטען עטליכע טעג. אָבער אַזוי שנעל ווי מיר האָבען באַקומען אָן אָנבאָט פון צוויי

הונדערט מארק פאר׳ן דאלער, האָבען מיר געהייסען אונזער באַנקיר פאַרקויפען אונזערע דאָלערס. עס האָט זיך גראָד אַזוי געמאַכט, אַז באַלד אויף מאָרגען נאָכדעם ווי מיר האָבען אונזערע דאָלארען פאַרקויפט, איז דער דאָלער געפאַלען אויף 5 מארק, און פון יענעם טאָג אָן איז ער אַזוי כסדר געפאַלען, אָבער וועגען דעם אַ צווייטען מאָל.

ווען מיר האָבען פאַרקויפט אונזערע דאָלארען האָבען מיר געהאַט אַ סומע פון עטליכע און צוואַנציג מיליאָן פּוילישע מאַרקען. די דאָזיגע סומע איז טראַנס־פערירט געוואָרען אויף אונזער נאָמען אין אַ באַנק אין מינסק. אָבער אויסער די פּוילישע מאַרקען האָבען מיר אויך מיט זיך מיטגעפיהרט אַ סומע פון צוואַנציג טויזענד דאָלער מזומנים אין אַמעריקאַנער דאָלארען. דאָס דאָזיגע געלד האָבען מיר געפיהרט פאַר די, וואָס האָבען פאַרלאַנגט דורכאויס, אַז מען זאָל אויסצאָהלען זייער געלד אין אַמעריקאַנער וואַלוטע.

דעם 15טען מאַי האָבען מיר שוין געהאַט פאַרטיג אונזערע „פּשעפּוסטקעס" צו פאָהרען פון ווארשע קיין מינסק. פאָהרענדיג פון ווארשע קיין מינסק און צוזעהענדיג פאַרשידענע סצענעס אַרום די אייזענבאַהן סטאַנציעס און די קליינע שטעדטלעך, האָב איך געהאַט דעם געפיהל פון איינעם, וואָס קריכט אַלץ ווייטער און טיפער אין אַ זומפּיגער בלאָטע. ענדליך, דעם 16טען מאַי, 11 אַזייגער אין דער פריה, זיינען מיר אָנגעקומען אויפ׳ן ווילנער וואַקזאַל, אין מינסק.

ב.

אַז איהר קומט אָן אויף אַ באַהן סטאַנציע אין פּוילען, געפינט איהר ביים אַרויסגאַנג צוויי סאָלדאַטען מיט ביקסען, וועמען איהר דאַרפט ווייזען אייערע דאָקומענטען מיט׳ן בילעט. אַז מיר זיינען אָנגעקומען קיין מינסק, האָבען מיר זיך צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פּאַסאַזשירען אויסגעשטעלט אין אַ ריי און זיך געלאָזט געהען צום אַרויסגאַנג. אָבער ווען מיר האָבען ענדליך דערגרייכט די טהיר, איז צו אונז צוגעקומען אַ זשאַנדאַר און אונז געזאָגט, אַז מען בעט אונז אין דער זשאַנדאַרמעריע. מיר האָבען נאַטירליך קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי נאָכגעהען נאָכ׳ן זשאַנדאַר אין דער קאַנצעלאַריע פון דער וואַקזאַל זשאַנדאַר־מעריע, וועלכע געפינט זיך טאַקע אין דער זעלבער געביידע וואו דער וואַקזאַל איז.

אין קאַנצעלאַריע האָט אונז באַגעגענט אַ שכור׳ער אָפיצער, וועלכער האָט אונז ערקלערט, אַז ער האָט באַקומען אַ „דאָנאָס" אַז דאָס געלד און די בריעף, וואָס מיר האָבען געבראַכט פון אַמעריקאַנער אידען צו זייערע קרובים אין מינסק, איז באָלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדע, און דעריבער האָט ער געגעבען אַ באַפעהל מען זאָל רעוויזירען אונזער באַגאַזש, צונעהמען די בריעף, און אונז אַליין זאָל מען פאַרהאַלטען. נאָכדעם ווי דער דאָזיגער באַפעהל איז דורכגעפיהרט געוואָרען,

איז דער אַפּיצער אוועק, געזאַמט זיך אַרום אַ שטונדע צייט, און איז צוריקגעקומען מיט אַ בריעף, געשריבען אויף אַ שרייב־מאַשין, אָהן אַן אונטערשריפט. דעם דאָזיגען בריעף האָט ער פאַר אונז פאָרגעלעזען. דער נוסח פון דעם בריעף איז געווען אומגעפעהר דער זעלבער ווי דער נוסח פון דער באָבע־מעשה, וואָס ער האָט אונז פריהער דערצעהלט, נעמליך, אַז דאָס געלד, וואָס מיר פיהרען, איז פאַר באָלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדע און אַז. וו. אַלס ענטפער אויף דעם האָבען מיר איהם געצייגט אונזערע דאָקומענטען און בריעף פון זעהר אָנגעזעהענע און וויכטיגע פּערזענליכקייטען פון אַמעריקע, און איהם געפרעגט, ווי לאַנג ער דענקט אונז צו פאַרהאַלטען? זיין ענטפער איז געווען, אַז ער וואָלט אונז געקענט אריינזעצען הינטער די גראַטעס, נאָר ער וועט דאָס ניט טאָהן, און אַנשטאַט דעם וועט ער אונז בלויז פאַרהאַלטען ביז דער שעף וועט קומען. דערביי האָט ער אונז געגעבען אַ דייטליכע אָנצוהערעניש, אַז אויב מיר וועלען עפּעס אונטערשטופּען, קען ער האַנדלען אַנדערש אויך . . . דאָס הייסט, אַז ער וועט אונז דאַן אפשר לאָזען געהען אין שטאָדט. אָבער מיר האָבען זיך צווישען זיך דורכגערעדט און פעסט באַשלאָסען קיינעם פון די דאָזיגע טשינאָווניקעס קיין לאַפּוּאָווקע (כאַבאַר) נישט צו געבען. מיר האָבען ערקלערט, אַז מיר וועלען וואַרטען ביז דער שעף וועט קומען, און דערווייל זיינען מיר, אונטער אַ וואַך פון צוויי סאָלדאַטען, גע־גאַנגען עסען מיטאָג אין וואַקזאַל בופעט.

דריי אזייגער בייטאָג איז ענדליך אָנגעקומען דער שעף פון דער וואַקזאַל זשאַנדאַרמעריע. אַרום יענער צייט האָבען זיך שוין אויפ׳ן וואַקזאַל אויך געפונען דר. חורגין און הערר ראַגאָף (אורע ראַגאָווינ׳ס זוהן), וועלכע זיינען אַלס פאָרשטעהער פון דער מינסקער קהלה, אונז געקומען באַגעגענען. ווען דער שעף איז געקומען, זיינען מיר צוזאַמען מיט די פאָרשטעהער פון דער קהלה אריין צו איהם אין אָפיס. הערר ראַגאָף, וועלכער האָט אונז געדינט אַלס דאָלמעטשער, האָט געפרעגט דעם שעף, פאַרוואָס מיר, אַן אַמעריקאַנער מיסיע מיט אַזעלכע וויכטיגע קרעדענשעלס, זיינען פאַרהאַלטען געוואָרען? דער ערשטער אָפיצערל, וועלכער האָט אונז פריהער פאַרהאַלטען, האָט אין דער אַנוועזענהייט פון זיין שעף, פּלוצלונג איבערגעדרעהט דעם פעלץ און האָט געמאַכט די זעהר ערשטוינענדע ערקלערונג, אַז אונז אַליין האָט ער גאַרנישט פאַרהאַלטען, אַז אין דער אמת׳ען האָט ער נאָר פאַרהאַלטען אונזערע בריעף, וועלכע מוזען צוליעב דעם קריגס צושטאַנד צענזורירט ווערען, כדי צו איבערצייגען זיך, אַז מיר פיהרען ניט קיין באָלשעוויסטישע ליטעראַטור. נאַטירליך, האָבען מיר איבערגעלאָזען די בריעף און געפאָהרען אין שטאָדט, וועלכע מיר זיינען אַזוי שטאַרק נייגעריג געווען צו זעהען.

ארויסגעהענדיג פון דער וואַקזאַל געביידע האָב איך זיך גלייך אָנגעשטויסען אויף מיין ערשטער ענטוישונג: ווער פון די מינסקער לאַנדסלייט געדענקט עס ניט דעם גרויסען קרייז איזוואָשטשיקעס מיט די גלאַנצענדיגע דראָשקעס אַרום

דעם ווילנער וואקזאל? איצט אָבער האָב איך דאָרטען געפונען בלויז עטליכע אַלטע, פאַרזשאַווערטע, צובראָכענע דראָשקעס מיט צוריסענע, אַלטע שפּאַנען, אויסגעדאַרטע, פאַרהונגערטע און צוקרימטע פערדלעך, וועלכע זיינען געטריבען געוואָרען פון נאָך מעהר אויסגעהונגערטע און אָפּגעבליאַקירטע פורמאַנעס. הינטער די איזוואָשטשיקעס, ווייט אין דעם הינטערגרונד, האָבען זיך פאַר מיינע אויגען אַנטפּלעקט די עטלעכע געסלעך אַרום דעם ווילנער וואקזאַל, וועלכע איך האָב זיך געסטאַרעט צו דערקענען, אָבער דאָס איז מיר אָנגעקומען זעהר שווער; ערשטענס, צוליעב דעם, וואָס זיי האָבען זיך, אין די 17 יאָהר פון מיין אַבוועזענהייט, זעהר שטאַרק פאַרעלטערט, און צווייטענס, צוליעב די פּוילישע ווייוועסטקעס (סיינס) וואָס איך האָב דאָ געפונען אויף אַלע אַרומיגע האָטעלכלעך און קרעמלעך.

מיט 17 יאָהר צוריק האָב איך איבערגעלאָזען אַ לעבעדיגע, אַ צאַפּעלדיגע, אַ יונגע, און אַ ר ו ס י ש ע מינסק; און איצט האָב איך געטראָפען אַ פאַרעלטערטע, אויסגעמוטשעטע און פאַרהונגערטע פּ ו י ל י ש ע מינסק. דאָס איז געווען מיין ערשטער איינדרוק וועגען מינסק אין דעם טאָג, וואָס איך בין אַהין אָנגעקומען, און דער דאָזיגער איינדרוק איז ביי מיר פאַרבליבען די גאַנצע צייט וואָס איך האָב דאָרטען פאַרבראַכט.

פון וואקזאל האָט אונז די קאָמיטע געפיהרט צו מיין קרוב יצחק בערגער, אויף דער זיבעציגער גאַס. מיר זיינען געפאָהרען דורך זאכאַראָווער און גובערנאַטאָרסקער גאַסען, איבער דעם הויכען מארק, פארביי דעם סאבאָר, און דורך דער גאַס וואו עס געפינט זיך די אַלטע פאַזשארנע, וועלכע פיהרט דירעקט ביז צו דער זיבעציגער גאַס. קומענדיג פון ניו־יאָרק, און האָבענדיג דורכגעפאָהרען אַזעלכע ריזיגע שטעדט ווי לאָנדאָן, פּאַריז, און וואַרשע, האָב איך, פאָהרענדיג דורך די מינסקער גאַסען, געפיהלט אַזוי ווי איך וואָלט פלוצלונג אַריינגעפאַלען אין אַ קעלער. די הייזער, וועלכע זיינען מיר, דאכט זיך, געווען אַזוי גוט באַקאַנט פון אַמאָל, האָבען דאָס מאָל אין מיינע אויגען אויסגעזעהען מאָדנע קליין, נידעריג און אומבאַדייטענד. מיר האָט געפעלט דער גלאַנץ און דער לעבען אין די גרויסע געשעפטען פון דער זאכאַראָווער און דער גובערנאַטאָרסקער גאַס, וועלכען איך האָב געקענט מיט 17 יאָהר צוריק. אַלע מינסקער לאַנדסלייט געדענקען זיכער דעם רוסישען סאבאָר. מיט וואָס פאַר אַ שטאָלץ און ברייטקייט דער דאָזיגער רוסישער קלויסטער איז דאָס געשטאַנען אויפ'ן הויכען מארק און מיט שפּאָט אַרונטערגעקוקט אויפ'ן פּוילישען קאָסטיאָל, פּונקט אַנטקעגען איהם! אַלע געדענקען געוויס ווי אָפט מען פלעגט איהם פּוצען, פאַרבען און גלעטען, און ווי הויך און מעכטיג זיינע גלאָקען פלעגען זיך צוזינגען און צוברומען אין אַ זונטאג אָדער אַ יום־טוב. און איצט שטעהט אָט דער זעלבער סאבאָר אַ בלאַסער, אַ פאַרשמירטער, אַ פאַרקלאָגטער און אַ צואווייטאָגטער; פּונקט ווי דער אַלטער רוסישער גלח, וועלכען איך האָב מיט אַ טאָג פריהער געזעהען אַרונטערשטייגען פון אַ צוג, ביי אַ געוויסער סטאַנציע,

און פון וועמען פוילישע סאָלדאַטען האָבען געמאַכט חוזק און זיך איזדעקעוועט, ווי דער גלח וואָלט געווען אַ איד . . . און אַנטקעגען דעם סאַבאָר שטעהט, ווי אמאָל, דער פוילישער קאַסטיאָל, אָבער איצט האָט ער חוצפּה'דיג פאַררריסען זיינע לאַנגע, פאַנסקע וואַנצעס און עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט זיך מיט אַ כוון אַוועקגע־שטעלט אַנטקעגען אַפּצולאַכען פון זיין אַלטען שכן, דעם סאַבאָר. און אַז די גלעקער פון דעם פוילישען קאַסטיאָל צוקלינגען זיך, שניידען זיי אַזוי ווי מעסערס די הערצער סײַ פון די אידען און סײַ פון רוסען, ווייל זיי קענען ניט פאַרגעסען, אַז מיט יעדען קלונג פון די פוילישע גלאָקען ווערען אַפּגעריסען צעהנדליגע אידישע בערד, און יעדען מאָל, וואָס דער אָרגעל אין דעם פוילישען קאַסטיאָל צושפּילט זיך מיט זיינע רעליגיעזע לידער, נעהמען די פּאָליאַקען מיט גוואַלד אַרויס ביים אָרימען, ווייס־רוסישען פויער זיינע פערד און בהמות פון די שטאַלען.

ווען די פּאָליאַקען נעהמען צו ביים אָרימען, ווייס־רוסישען מוזשיק זיין לעצטען פערד אָדער בהמה, האָבען זיי כאָטש אַ תירוץ, אַז זיי דאַרפען דאָס האָבען פאַר דער אַרמיי. אָבער צוליעב וועלכען צוועק, פרעגט זיך די פראַגע, רייסען זיי און ברענען אידישע בערד? פאַר דעם גיבען זיי אַפילו ניט קיין תירוץ.

דורכפאָהרענדיג פאַרביי דעם „סבאָרנעם פונקט" (דער פּלאַץ וואו מען פלעגט אונטער דעם רוסישען רעזשים זאַמלען רעקרוטען) האָב איך דאָרט געזעהען אַ סך געפאַנגענע רוסען, וועלכע האָבען געאַרבייט אונטער דער אויפזיכט פון פוילישע סאָלדאַטען. אין דער צווייטער הויז דערביי געפינט זיך, ווי אַמאָל, די אַלטע פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע, און גלייך נאָך דער פּאַזשאַרנע געפינט זיך דער לאָמבאַרט (דער מינסקער פאָן שאָפּ). הגם איך האָב אין דעם לאָמבאַרט, מיט 17 יאָהר צוריק, גאָרנישט ניט איבערגעלאָזען, בין איך אָבער לעבען איהם געבליבען שטעהען אַ לייגגערע צייט און איהם באַראַכט מיט אַ געוויסען אומעט. איך האָב זיך דער־וואוסט, אַז די מעהרסטע פאַרמעגליכע און באַלעבאַטישע מינסקער אידען האָבען דאָ, אין די לעצטע עטליכע יאָהר, איבערגעלאָזען זייערע פיינע צירונג, און זייערע בעסטע בגדים . . .

זיבעציגער גאַס, וואו עס געפינט זיך מיין עלטער פעטער, רבי גרשון אברהם'ס הויז, און וואו מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט ביז עס איז מעגליך געוואָרען פאַר אונז צו באַקומען אַ צימער אין אַ האָטעל, האָט זיך פאַר די לעצטע 17 יאָהר כמעט גאָרנישט געענדערט. איך האָב די גאַס דערקענט סײַ אַן איהר אויסזעהען און סײַ אַן איהר ריח . . . אַלץ איז דאָרט פאַרבליבען אַבסאָלוט ווי פריהער. דאָ, אין דער הויז, וואוינט איצט רבי גרשון אברהם'ס אַלמנה און איהר זוהן, יצחק בערגער, מיט זיין פאַמיליע. ביי זיי זיינען מיר געבליבען נעכטיגען.

אויף מאָרגען אין דער פריה זיינען מיר אַוועק צום פּאָליטישען נאַטשאַלניק, זאַהאָרסקי, אויף פאָדגאָרנער גאַס, מיט דער כונה צו קריגען אונזערע בריעף, וועלכע

די וואקזאל זשאנדארמעריע האָט מיט אַ טאָג צוריק פאַרהאַלטען. זאהאָרסקי, דער קאָפּ פון דער פּאָליטישער פּאָליציי, קען זעהר גוט די מינסקער אידישע קהלה פאָרשטעהער מיט וועלכע מיר זיינען צו איהם געקומען. ער האָט אונז זעהר העפליך אויפגענומען, אָבער מיט דער זעלבער עכט פּוילישער העפליכקייט און מיט אַ זיסען שמייכעל האָט ער אונז ערקלערט, אַז לײדער געהערט אונזער ענין ניט צו זיין אָפּטיילונג, אַז וועגען דעם וועלען מיר מוזען זעהען דעם מיליטערישען קאָמאנדיר, און אַז דער דאָזיגער קאָמאנדיר געפינט זיך אין האָטעל יעוראָפּאַ. בקיצור, מיר זיינען אַוועק צו יענעם קאָמאנדיר. איז אָבער יענער גראַד ניט געווען אין זיין ביורא און מען האָט אונז געהייסען קומען מאָרגען.

און דערוויל, האָט מען אונז געזאָגט, דאַרפען מיר זיך מעלדען צום קאָמענדאנט פון שטאָדט. זיינען מיר אַוועק צום קאָמענדאַנט. געקומען אַהין, און זיך ווידער אַוועקגעזעצט שטונדען לאַנג וואַרטען, ביז דער הערר קאָמענדאַנט וועט אונז אויפנעהמען. אָבער ענדליך האָט דער קאָמענדאַנט זיך פאַר אונז געוויזען — אַ הויכער פּאָליאַק — מיט פּאָמאַדע־באַפּוצטע האָר און וואָנצען, אין אַ יוניפאָרם פון אַרום אַכט פאַרשידענע קאָלירען, מיט אַ שווערד וואָס האָט זיך געשלעפּט איבער דער פּאַדלאָגע און זיך געפּלאָנטערט צווישען זיינע פיס. ער האָט אונז מיט זיינע שפּיציגע אויגען עטליכע מאָל אָפּגעמאָסטען פון אויבען ביז אַרונטער און כמעט מיט רוגזה אַ פרעג געטאָהן, וואָס מיר דאַרפען. אונזער דאָלמעטשער האָט איהם געענטפערט, אַז מיר זיינען אַן אַמעריקאַנער מיסיע, וואָס איז אַהער געקומען העלפען די אָרימע אידען. צו איהם זיינען מיר געקומען: ערשטענס, כדי זיך געזעגען צו מעלדען, און צווייטענס, כדי צו באַקומען פון איהם אַן אָרדער פאַר אַ צימער אין אַ האָטעל. (אָהן אַזאַ מאָרדער האָט מען ניט געקענט באַקומען קיין צימער). אויף דעם האָט דער קאָמענדאַנט, אויף וועלכען מיר האָבען אַזוי לאַנג געוואַרט, סאַרקאַסטיש נאָכגעקרימט אונזער איבערזעצער בזה הלשון: „אַ מ י ס י ע, זאָגסטו? געקומען אַהער מסתמא האַנדלען און קויפען, און רופט זיך מ י ס י ע“. מיר האָבען גוט געהערט און פאַרשטאַנען יעדעם וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט, אָבער אַזוי ווי מיר זיינען אַמעריקאַנער, האָט אונז, נאַטירליך, ניט געלוינט צו פאַרשטעהען זיין פּויליש און מיר זיינען געווען געצוואונגען אַרונטערצושלינגען זיין גיפטיגע באַמערקונג. אָבער דערוויל האָט איהם דער דאָלמעטשער געוויזען אונזערע „קרעדענשעלס“, איז דער גרויסער „פּאַן“ אביסעל ווייכער געוואָרען און געזאָגט שוין אביסעל מעהר מענשליך, אַז אָפּיציעל מעלדען זיך צו איהם דאַרפען מיר ניט. אָבער, אויב מיר ווילען האָבען אַ צימער אין סוטינ׳ס האָטעל און קענען דאָס ניט באַקומען, וועט ער שיקען אַ סאָלדאַט, וועלכער וועט פאַר אונז רעקוויזירען אַ צימער. וואָס עס הייסט, „רעקוויזירען אַ צימער“, האָבען מיר אָבער שוין גוט געוואוסט. דאָס האָט געהייסען, אַרויסוואַרפען פון דאָרטען אַ ציווילען מענשען, און פריהער פאַר אַלעמען אַ אידען, און אונז דעם צימער אַוועקגעבען. מיר האָבען

דעריבער דעם קאָמענדאַנט גאַנץ העפליך באַדאַנקט פאַר זיין טובה און אַליין אַוועק אין סוטינ׳ן גאַסטיניצע (האָטעל).

אין סוטינ׳ס גאַסטיניצע האָט מען זיך מיט אונז זעהר שטאַרק דערפרעהט. זיי האָבען שוין געוואוסט, אַז מיר זיינען די אַמעריקאַנער שלוחים, און פון אונז האָבען זיי ערוואַרטעט צו קריגען אמת׳ע געלד. דער באַלעבאָס פון האָטעל האָט אונז ערקלערט, אַז 75 פּראָצענט פון זיינע צימערען זיינען רעקוויזירט געוואָרען פון דער רעגירונג פאַר פאַרשידענע טשינאָווניקעס און פּאָליטישענס, פאַר וועלכע ער באַקומט ניט קיין צובראָכענע קאָפּיקע. דאָ, אין סוטינ׳ס גאַסטיניצע, האָבען מיר געדונגען איין צימער אויפ׳ן צווייטען עטאַזש, צו שלאָפען, און אַ פּאָר צימערען אויף דעם אונטערשטען עטאַזש, וועלכע מיר האָבען פאַרוואַנדעלט אין אַן אָפּיס. אין דעם דאָזיגען אָפּיס אונזערען האָבען מיר שפּעטער געמאַכט די געלד אויס־צאָהלונגען. אָבער נאָך איידער מיר זיינען געווען פאַרטיג צו מאַכען אונזערע אויסצאָהלונגען, ווען מיר האָבען זיך נאָך געפונען אין בערגער׳ס הויז אויף זיבע־ציגער גאַס, און באַלד אויף מאָרגען, ווען מיר האָבען זיך אריבערגעצויגען אין האָטעל, זיינען מיר באַלאַגערט געוואָרען פון הונדערטער און טויזענטער מענשען, וואָס האָבען באַדאַרפט קריגען געלד דורך אונז פון זייערע אַמעריקאַנער קרובים, און אויך פון אַזעלכע, וואָס האָבען בלויז געהאָפט צו קריגען געלד.

מיט אַ טאָג שפּעטער זיינען מיר ווידעראַמאָל אַוועק צום מיליטערישען נאַטשאַלניק בנוגע אונזערע בריעף. דעם מאָל האָבען מיר איהם שוין געטראָפען. דער מיליטערישער נאַטשאַלניק איז צו אונז אויך געווען זעהר העפליך. אָבער אויך ער האָט אונז געזאָגט, אַז אונזער ענין געהערט נישט צו זיין אָפּטיילונג, און אַז מיר דאַרפען זיך גאָר ווענדען צו דער מיליטערישער זשאַנדאַרמעריע, וועלכע געפינט זיך אין קאַווארסקי׳ס הויז, אין נומער 61, זאַכאַרעווער גאַס. זיינען מיר אַוועק אַהין. דאָרטען האָבען מיר שוין געטראָפען אַ טיפּישען זשאַנדאַר. אָבער אויך ער האָט זיך אָנגעשטריינגט צו זיין העפליך צו אונז. ער האָט אונז געזאָגט, אַז אונזערע פּאַפּירען און בריעף געפינען זיך נאָך אויפ׳ן ווילנער וואָקזאַל, אָבער ביז מאָרגען ערוואַרטעט ער זיי צו קריגען און, אַז מיר וועלען צו איהם קומען מיט אַ טאָג שפּעטער וועט ער אונז געבען זיין ענטפער.

אויף מאָרגען, אין דער באַשטימטער צייט, זיינען מיר געקומען נאָך זיין ענטפער. דעם מאָל האָט ער אונז שוין ערקלערט, אַז די בריעף ווערען איצט צענזורירט, און איידער ער קען זיי אונז צוריק אָפּגעבען, וועלען מיר איהם מוזען צושטעלען אַ צעטעל פון די נעמען פון אַבסאָלוט אַלע מענשען, פאַר וועלכע מיר האָבען געבראַכט געלד. און נאָך אַ זאַך האָט ער אונז אָנגעזאָגט: איידער מיר וועלען צושטעלען דעם דאָזיגען צעטעל, וועט ער אונז ניט ערלויבען צו מאַכען די נויטיגע געלד אויסצאָהלונגען. דער באַפעהל פון דעם שעף פון דער מיליטער־

רישער זשאַנדאַרמעריע האָט אונז זעהר ניט געשמעקט. מיר האָבען זיך וועגען דעם דורכגערעדט מיט עטליכע וויכטיגע מענשען אין שטאָדט און פאַר אונז איז קלאָר געוואָרען די כונה פון דעם אויבענדערמאַנטען בעאַמטען. מיט אַזאַ צעטעל אין האַנד וואָלט די מיליטערישע זשאַנדאַרמעריע געקענט פאַרפאָלגען און מאַטערען יעדען איינציגען פון די דאָזיגע אידען און ביי זיי צונעהמען דעם גרעסטען טייל פון די באַקומענע געלד, און ווינד און וועה וואָלט געווען צו יענעם אידען, וואָס וואָלט געלייקענט אַז ער האָט באַקומען געלד. בקיצור, מיר האָבען געפּאַסט אַ פּעסטען באַשלוס, דעם פאַרלאַנגטען צעטעל מיט נעמען דער מיליטערישער זשאַנדאַרמעריע ניט צו געבען. מיט די צאָהלונגען אָבער האָבען מיר באַשלאָסען גלייך אָנצופאַנגען, נישט קוקענדיג אויף דעם פאַרבאָט.

4 לאַנגע און וויכטיגע טעג האָבען מיר פאַרלוירען געהענדיג פון איין פּויּ־לישען „טשינאָווניק" צום צווייטען און פון איין קאַנצעלאַריע אין דער אַנדערער, און דערווייל איז אָנגעקומען דער 21טער מאַי, און אין שטאָדט האָט זיך דער־פיהלט אַ גוואַלדיגע אומרוהיגקייט. די באָלשעוויסטישע אַרמיי האָט זיך גענומען דערנעהענטערען צו מינסק; זי איז שוין צוגעקומען אַזוי נאָהענט, ווי באָריסאָוו. די פּאָליאַקען האָבען אָנגעפאַנגען צו עוואַקואירען די שטאָדט. נאָך 10 אַזייגער אָוועגד האָט מען דעם עולם פאַרבאָטען אַרויסצוגעהען פון די הייזער. די גאַסען זיינען געווען שטאָק פינסטער. יעדע עטליכע מינוט האָט זיך געהערט דאָס שיסען פון די מיליציאַנטישע ביקסען. און אין איינעם פון די דאָזיגע אָווענטען איז אָנגעקומען אַ באָלשעוויסטישער עראָפּלאַן, אַרונטערגעקנאַלט אַ באָמבע, ערגעץ אַרום די קאַשאַרען, און איז אַוועק צוריק. די אָפיצערסקע ווייבער האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו פּאַקען און אַרויסציהען פון שטאָדט. צווישען די אידען האָט זיך דערשפירט אַ מורא'דיגע אומרוהיגקייט, אַ פּאַנישע שטימונג; פילע פון זיי האָבען אַרויסגעוויזען פאַרצווייפלונג, ווייל זיי האָבען זיך גערעכט, אַז איידער די פּאָליאַקען וועלען פאַרלאָזען די שטאָדט, וועלען זיי מאַכען אַ בלוטיגען פּאָגראָם אויף די אידען. איך וויל זאָגען דעם אמת, אַז אויך מיר, די אַמעריקאַנער דעלעגאַטען, האָבען זיך דערפיהלט שוידערליך אונהיימליך.

אונזער געלד, אַרום 24 מיליאָן פּוילישע מאַרקען, האָבען מיר געהאַלטען אין דער מינסקער אָפּטיילונג פון דער באַנק „האַנדליו אי פּשעמיסליו". זעהענדיג, אַז אַפילו די באַנקען פּאַקען זיך אַרויסצופאָהרען פון שטאָדט, האָבען מיר באַ־שלאָסען אַרויסצוציהען וואָס מעהר געלד פון באַנק און דאָס באַהאַלטען אין די פּוסטע שראַנקען פון די געוועזענע מינסקער גבירים, און אָהן קיין שום ווייטערע אָפּהאַלטונגען זיינען מיר גלייך צוגעטרעטען צו אונזער הויפּט אויפגאַבע: אויס־צוצאָהלען דאָס געלד צו די, פאַר וועמען מען האָט עס געשיקט.

אַ טייל פון געלד, וואָס מיר האָבען געבראַכט, איז געווען באַשטימט פאַר די קלענערע שטעדטלעך אַרום מינסק, אַזוי ווי קאָידאַנאָוו, ראַקעוו, דוקאָר, איוועניעץ

און ד. ג. אונזער אָריגינעלער פּלאַן איז געווען אַז אַזוי שנעל ווי מיר וועלען פאַרטיג ווערען מיט די אויסצאָהלונגען אין מינסק, זאָלען מיר פאָהרען אין יעדער איינציגער פון די דאָזיגע שטעדטלעך דירעקט. אָבער צוליב דער גרויסער מהומה, וואָס איז אַריינגעטראָטען מיט דער דערנעהענטערונג פון דער באָלשעוויסטישער אַרמיי, האָבען מיר דערפיהלט, אַז אויב מיר זאָלען וואַרטען ביז נאָך די געלד־אויסצאָהלונגען אין מינסק, קען נאָך אַמאָל פּאַסירען, אַז יענע שטעדטלעך זאָלען אין גאַנצען אָפּגעשניטען ווערען פון אונז. דערפאַר האָבען מיר געענדערט אונזער פּלאַן און גלייך געלאָזט וויסען די אויבענדערמאַנטע שטעדטלעך, אַז זיי זאָלען זאָפאָרט קומען קיין מינסק נאָך זייער געלד. און עס זיינען געקומען אַלע איינ־וואוינער פון די אַרומיגע שטעטלעך פאַר וועלכע מיר האָבען געהאַט געלד.

פון דער באַנק „האַנדליו אי פּשעמיסליו" האָבען מיר עטליכע מאָל געצויגען געלד, אָבער דאָס זיינען געווען אַלץ קלענערע סומען, און דעריבער איז דאָס דורכ־געפיהרט געוואָרען אויף אַ נאָרמאַלען אופן און אין דער בעסטער אָרדנונג. אָבער, אַז מיר זיינען אין אַ געוויסען פריהמאָרגען געקומען אַרויסציהען 5 מיליאָן מאַרק, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אַזאַ ריזיגע סומע, אין מזומנים, האָבען זיי ניט פאַר־מאָגט. זיי האָבען אונז דערפאַר געגעבען אַ טשעק אויף דער רעגירונג'ס באַנק, די „פּאָלסקאַ קראַיאָוואַ קאַסאַ פּאָזשיטשקאָוואַ". אין דער רעגירונגס באַנק האָט מען אונז אויפגענומען זעהר ניט פריינדליך. יעדע זאַך, וואָס זיי האָבען פאַר אונז געדאַרפט טאָהן, איז געטאָהן געוואָרען מיט אַ געוויסער רוגזה, און נישט אָהן די באַזונדערע פּוילישע שטוקעס. אַזוי, למשל, האָבען זיי אונז אָנגעבאָטען צו געבען דאָס געלד דורכאויס אין הונדערט מארק בילס, און פאַר פינף מיליאָן אַזעלכע אַסיגנאַציעס וואָלטען מיר געדאַרפט האָבען אַ וואָגען, כדי דאָס געלד אַוועקצו־פיהרען. דער קאַסירער האָט אונז טאַקע געפרעגט, און ניט אויף שפּאַס, אויב מיר זיינען געקומען מיט אַ וואָגען.

אָבער ענדליך איז אונז, מיט דער הילף פון צוויי יוניפאָרמירטע פאַרטרעטער פון דער אַמעריקאַנער יאַנג מען'ס קריסטשען אַסאָסיאיישאָן, געלונגען צו ווירקען, אַז מען זאָל אונז 4 מיליאָן פון דעם געלד אויסצאָהלען אין גרעסערע אַסיגנאַציעס, און בלויז איין מיליאָן אין קליינע אַסיגנאַציעס. דאָס געלד האָבען מיר, ווי געזאָגט, באַהאַלטען אין די שראַנקען פון עטליכע געוועזענע רייכע אידען, און מיט אַ פיבערהאַפטער שנעלקייט האָבען מיר זיך אַ נעם געטאָהן צו דער אַרבייט אויס־צוצאָהלען דעם עולם די פּאָר אַמעריקאַנער גראָשען. און נישט קוקענדיג אויף די קליינע סומען און אויף פאַרשידענע קאָמפּליקאַציעס, אָן וועלכע מען שטויסט זיך אָן ביים אויסצאָהלען אַזעלכע געלדער, האָבען מיר באַוויזען אויסצוצאָהלען אַזוי הויך ווי 4 מיליאָן מארק אַ טאָג. מען האָט געמוזט אַרבייטען שנעל, ווייל פון דעם מלחמה פראָנט איז אָנגעקומען די נייעס, אַז די באָלשעוויקעס רוקען זיך אַלץ נעהענטער און נעהענטער צו מינסק.

ג.

צום אויסצאָהלען דאָס געלד האָבען מיר גענומען אַ פּאָר צימערען אויפ׳ן ערשטען עטאַזש פון סוטינ׳ס גאַסטיניצע, אויף סבאָרנער גאַס, מיט אַ באַזונדער אריינגאַנג דורכ׳ן בראָם (טויער). מיר האָבען אלזאָ פּאָר אונזער צוועק געהאַט צוויי צימערען, די בראָם, און פּאַקטיש דעם גאַנצען ריזיגען הויף פון אונזער האָטעל. און אָט די אלע פּלעצער זיינען געווען איבערגעפּאַקט מיט מענשען, וואָס זיינען געקומען נאָך געלד, נאָך איידער מיר האָבען געהאַט אַ געלעגענהייט אויף אַ געהע־ריגען אופן צו אָרגאַניזירען אונזער ארבייט. צוליעב דעם, וואָס די פּוילישע פּאָסט האָט שלעכט פונקציאָנירט, און אויך צוליעב אַנדערע טעמים, האָבען מיר אָנגע־שטעלט עטליכע קלוירקס צו שרייבען צעטעלעך צו די, פּאַר וועמען מיר האָבען געהאַט געלד. די צעטעלעך האָבען מיר פּאַנאַנדערגעשיקט צו זיי דורך מעסענ־דזשערס (שיק אינגלעך). אין די צעטעלעך איז געווען דייטליך אָנגעשריבען ווער עס זאָל קומען און אין וועלכער שטונדע. דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפען. ס׳פלעגען קומען אַזעלכע, פאַר וועמען מיר האָבען אין גאַנצען קיין געלד ניט געהאַט; אַזעלכע, וואָס מיר האָבען ניט גערופען, און סתם נייגעריגע. באַלד ווי עס פלעגט אָנפאַנגען צו טאָגען, האָבען זיי זיך שוין געשפּאַרט און געשטויסען. אלע אונזערע טענות, אַז מיר האָבען ברעה אלעמען צו רופען לויט אַ געוויסער סיסטעם, און אַז עס איז ניט נויטיג, אַז זיי זאָלען קומען אומזיסט, פּאַרלירען גאַנצע טעג און דערביי אונז שטערען אין דער ארבייט, האָבען ניט געהאָלפען. דער עולם איז געווען צו־שטאַרק אויסגעהונגערט, אַז יעדער איינציגער זאָל קענען וואַרטען אויף זיין „נעקסט“, אויף זיין רייהע. גליקליך זיינען געווען די, וואָס האָבען כאָטש נאָך אַ לאַנגען וואַרטען עפּעס באַקומען. שרעקליך פּיינליך איז אָבער געווען די לאַגע פון יענע, וואָס פלעגען אוועקגעהען מיט ליידיגען. די וואָס האָבען צו זייערע קרובים אין מינסק קיין געלד ניט געשיקט קענען זיך גאָרניט פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ הימעלשרייענדע עולה זיי זיינען מיט דעם באַגאַנגען, ווייל אלע מינסקער איינוואוינער, אָהן אויס־נאַהמען, האָבען גוט געוואוסט וועגען אונזער קומען, און זיי האָבען אונז ערוואַרט מיט אונבאַשרייבליכער האָפענונג און אומגעדולד.

די וואָס האָבען דורך אונז באַקומען געלד, האָט מען פּשוט פון דער בלאָטע אויפגעהויבען. אָבער די, וואָס האָבען קיין געלד ניט באַקומען, האָבען געליטען אויף אַ דאָפּעלטען אופן: אויסער די ליידען פון דער מאַטעריעלער נויט, זיינען אויך צוגעקומען די שרעקליכע ליידען פון ענטוישונג און פּיין, פּאַרוואָס זייערע קרובים האָבען אָן זיי אין גאַנצען פאַרגעסען. אָבער אויך די, פּאַר וועלכע מיר האָבען יאָ געהאַט געלד און וועמעס רייהע מיר האָבען נאָך ניט דערגרייכט, זיינען צוליב דער עוואַקואַציע פון די פּאָליאַקען געוואָרען זעהר אומרוהיג און אומגע־דולדיג, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, אַז צוליב׳ן אָנקומען פון די באָלשעוויקעס

וועלען מיר אוועקפאָהרען נאָך איידער דאָס געלד וועט אין גאַנצען אויסגעצאָהלט ווערען.

און איצט וועל איך אייך אריינפיהרען אין אונזער צימער וואו מיר האָבען אויסגעצאָהלט דאָס געלד און אייך ווייזען אַ פּאָר סצענעס, וועלכע זיינען דאָרטען פאָרגעקומען: ס'קומט אריין אַן אַלטער איד פון איבער זיבעציג יאָהר און פרעגט אויב מיר האָבען פאַר איהם געלד. טראָץ דעם, וואָס ער האָט נאָך פון אונז קיין צעטעל ניט באַקומען, באַשליסען מיר, צוליב זיין הויכען עלטער, צו מאַכען מיט איהם אַן אויסנאַהם; מיר זוכען אויס זיין נאָמען פון דער לאַנגער רשימה, און מיר געפינען אַז זיין זוהן האָט פאַר איהם געשיקט אַ סומע פון 16 דאָלער. דערהערט די דאָזיגע בשורה, ווערט פלוצלונג דעם אַלטענ'ס פּנים פאַרקרימט, זיינע ליפּען פאַנגען זיך אָן צו באַוועגען, זיין גאַנצער קערפּער הויבט זיך אָן צו טרייסלען, און ער מורמעלט קוים פארשטענדליך, און צו זיך אַליין: פון מיין זוהן $16.00 . . . און אין דער נעקסטער מינוט דערהערט זיך אַ ברום פון זיין האַלז און דער איד לאָזט זיך אַרונטער אויפ'ן פּלאָר און חלש'ט.

און אָט איז נאָך אַ סצענע: די טיהר עפענט זיך און עס קומען אריין צוויי מיידעלעך, ארום 13 און 14 יאָהר אַלט, אַנגעטאָן אין קליידלעך פון פשוט'ע שמאַטעס, און פרעגען אונז, אויב מיר האָבען פאַר זיי געלד. מיר ענטפערען, אַז מיר זיינען צו שטאַרק פאַרנומען צו גריבלען זיך אין די לאַנגע רשימות, און מיר בעטען זיי צו וואַרטען אויף זייער רייהע; אויב מען האָט פאַר זיי געשיקט געלד, וועלען מיר זיי רופען אַזוי שנעל ווי מיר וועלען דערגרייכען זייער נומער. אָבער די מיידעלעך בלייבען פאַר'עקשנ'ט און מיט ליפּעלעך, וואָס האַלטען ביים אויס־ברעכען אין אַ געוויין, זאָגען זיי, אַז זיי מוזען האָבען געלד אויף שבועות. (דאָס איז געווען ערב שבועות). דערהערט די דאָזיגע טענה פון צוויי עלענדע מיידעלעך, איז אונזער שטייפקייט געבראָכען געוואָרען, מיר האָבען פאַרגעסען אונזער סיסטעם, און מיר האָבען זיך אַ נעם געטאָהן זוכען אויב אימיצער האָט געשיקט געלד פאַר זיי. צו אונזער גליק האָבען מיר טאַקע געפונען, אַז פאַר די צוויי מיידעלעך איז דאָ אַ סומע פון אַכט טויזענד מאַרק (40 דאָלער). דערהערט די גוטע בשורה, האָבעןביידע מיידעלעך, אַזוי ווי דורך אַ סיגנאַל, פּלוצלונג אויסגעבראָכען אין אַ מיראַ'דיגען געוויין. דאָס איז געווען אַ געוויין פון גרויס שמחה און איבעראַשונג, אַ געוויין וואָס האָט אַלעמען אָנגעשטעקט, אַזוי אַז אַלע, וואָס האָבען זיך דאַן געפונען ביי אונז אין צימער, האָבען צוזאַמען מיט זיי מיטגעוויינט.

איצט, אַז איך שרייב די דאָזיגע שורות, לויפען דורך אין מיין מח די אַלע צרות און אונבאַקוועמליכקייטען, וואָס מיר, די שלוחים, זיינען זיך אויסגעשטאַנען אין פּוילען, און איך קום צום שלוס, אַז דאָס אַלץ איז כדאי געווען צוליב דעם ביסעל נחת, וואָס מיר האָבען דערלעבט צו זעהען מיט אונזערע אייגענע אויגען

טאקע דאָרטען, אין מינסק גופא. ווען איך האָב מיט צעהן טעג שפּעטער געטראָפען די זעלבע צוויי מיידעלעך שפּאַצירענדיג איבער די מינסקער גאַסען אין נייע, ציטענע קליידעלעך, איז מיין האַרץ איינפאַך געשפּרונגען פון שמחה און איך האָב געפיהלט, אַז גאַנצע פודען געזונד קומען מיר צו פון דעם און פון די אַנדערע גוטע רעזולטאַטען, וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסען פון אונזער אַרבייט. אַ סך מענשען האָבען מיר מיט אונזער אָנקומען פּשוט געראַטעוועט פון הונגער און אונטערגאַנג. די שטאָדט איז איינפאַך אויפגעריכט געוואָרען.

צוזאַמען מיט דעם, וואָס עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אונזער אויסצאָהלונגס אַרבייט, איז געוואַקסען אונזער פּאָפּולאַריטעט אין שטאָדט. דעם גרעסטען רושם האָבען מיר געמאַכט מיט'ן קורס—מיט דעם, וואָס מיר האָבען געצאָהלט צוויי הונדערט מאַרק פאַר'ן דאָלער. כדי קלאָר צו מאַכען דעם דאָזיגען ענין איז נויטיג צו באַמערקען, אַז אין דער צייט, וואָס מיר זיינען געווען אין מינסק, האָבען זיך דאָרטען געפונען נאָך איינינע אַמעריקאַנער שלוחים, וואָס האָבען געבראַכט געלד פאַר די אַרומיגע שטעדטלעך. איינינע פון די דאָזיגע געלד־„מלאכים“ זיינען געווען פּשוט'ע, פּריוואַטע אונטערנעהמער. סאַי זיי, די פּריוואַטע אונטערנעהמער, און סאַי די ערוועהלטע שלוחים, וואָס האָבען געפיהרט געלד פאַר די אַרומיגע שטעדט־לעך, האָבען אויך געבראַכט אביסעל געלד פאַר איינינע מינסקער איינוואוינער. און די מעהרסטע פון זיי האָבען, אַ דאַנק אונזער הויכען קורס, זיך געפיהלט גע־צוואונגען צו צאָהלען אַ סך אַ העכערען קורס ווי זיי האָבען ערוואַרטעט. דאָך האָט קיינער פון זיי קיין צוויי הונדערט מאַרק פאַר'ן דאָלער ניט געצאָהלט.

איידער מיר זיינען אָפּגעפאָהרען פון ניו־יאָרק, האָבען פילע געלד־שיקער געפאָדערט, אַז מיר זאָלען זייערע קרובים אין מינסק אויסצאָהלען דאָס געלד נאָר אין אַמעריקאַנער דאָלאַרען. און וועלענדיג אַלעמען צופרידענשטעלען, האָבען מיר מיט גרויס ריזיקע און מען קען זאָגען, מסירת נפש, געפיהרט מיט זיך, פאַרשטעקט אין ספּעציעלע גאַרטלען, אַזש קיין מינסק אַ סומע פון צוואַנציג טויזענד דאָלער אין אַמעריקאַנער דאָלאַרען. אָבער עס האָט פּאַסירט אַ מאָדנע זאַך: אַזוי שנעל ווי די דאָזיגע דאָלער־יחסנים האָבען באַקומען זייערע דאָלאַרען און זיינען אַוועק זיי אויסבייטען אין אַ באַנק, האָבען זיי אויסגעפינען, אַז אין באַנק גיט מען זיי נאָר פון 165 ביז העכסטענס 170 מאַרק פאַר'ן דאָלער. זיינען זיי שנעל צוריק־געקומען צו אונז און געבעטען, אַז מיר זאָלען זיי בעסער געבען מאַרקען אַנשטאַט דאָלאַרען. גליקליכערווייזע האָבען מיר לאָס פאַר זיי געקענט טאָהן, ווייל אין שטאָדט זיינען געווען געגוג אַזעלכע, וואָס האָבען צוליב פאַרשידענע אורזאַכען געדאַרפט האָבען אַמעריקאַנער וואַלוטע. בקיצור, אין אונזער עהרליכקייט האָט קיינער ניט געצווייפעלט. איין אידענע האָט אונז איהר צוטרויען אַרויסגעוויזען אויף דעם פאָלגענדען אופן: זי האָט אונז געבראַכט אַ גאַנצען פּאַק אַמעריקאַנער אַדרעסען, האָט זיי אויסגעשפּרייט פאַר אונז אויפ'ן טיש און האָט אַ זאָג געטאָהן

מיט א טאָן, פּונקט ווי זי וואָלט אונז אנפּערטרויט איהר גאַנצען פאַרמעגען: „נאַט," זאָגט זי, „אַלע אדרעסען פון מיינע אַמעריקאַנער קרובים און ברייננגט מיר געלד. איך וויל ניט," זאָגט זי, „אַז מען זאָל מיר שיקען געלד דורך אַנדערע מענשען."

און אָט אַזוי, אונטער פאַרשידענע ךייכע ערפאַהרונגען, טרויעריגע און קאָ־מישע, האָבען מיר אויסגעצאָהלט גאַנצע 18 מיליאָן מאַרק און כמעט די גאַנצע סומע פון די אַמעריקאַנער דאָלאַרען, וואָס מיר האָבען געהאַט. צו אונזער פרייד איז דאַן ניט געווען קיין גרעניץ. מיר האָבען זיך געפרעהט מיט דעם, וואָס מיר וועלען שוין מעהר ניט דאַרפען אָנקוקען די פּנים'ער און די שטעכיגע אויגען פון די פּוילישע באַנק אָנגעשטעלטע, און הויפּטזעכליך מיט דעם, וואָס מיר האָלטען שוין אַזוי נאָהענט צום סוף פון אַזאַ ריזיקאַלישעך און פאַראַנטוואָרטליכער אַרבייט. אין דער דאָזיגער שטימונג זיינען מיר אַוועק אַרויסנעהמען די לעצטע זעקס מיליאָן מאַרקען, וואָס מיר האָבען נאָך געהאַט אין באַנק. מיר האָבען דאָס געלד אַרויס־גענומען. מיין אַמעריקאַנער מיטאַרבייטער און נאָך אַ פּערזאָן האָבען זיך געזעצט אויף אַ דראָשקע כדי פאַנאַנדערצופיהרען דאָס געלד און דאָס אַוועקלייגען אין זיכערע ערטער, אַזוי ווי מיר פּלעגען דאָס טאָהן יעדען מאָל, וואָס מיר האָבען געצויגען אַ גרעסערע סומע פון באַנק. און איך, מיט אַ מיליאָן מאַרק אונטער'ן אָרים, האָב זיך אַוועקגעלאָזט געהען איבער זאַכאַראָווער און גובערנאַטאָרסקע גאַסען, אין דער ריכטונג פון סוטינ'ס האָטעל.

געהענדיג אַזוי איבער דער זאַכאַראָווער גאַס, האָב איך דערפיהלט, אַז אי־מעצער געהט מיר נאָך. און אַז איך בין אַריין אין גובערנאַטאָרסקע גאַס, פּונקט אַנטקעגען דעם אָרט, וואו ס'איז אַמאָל געווען אלשוואַנג'ס געשעפט, האָב איך דערפיהלט, אַז דער וואָס געהט מיר נאָך איז שוין האַרט לעבען מיר, און אָט שרייט ער שוין, „פּראָשע, פּראָשע, פּאַנאַ"! איך האָב זיך אַ קעהר געטאָהן אויף צוריק און דערזעהען, אַז דער מאַן וואָס געהט מיר נאָך און שרייט, טראָגט ציווילע קליידער. איך האָב דערפאַר זיך ניט געוואָלט אָפּשטעלען ביז איך האָב דערזעהען אַ באַקאַנטען פאַרבייגעהער. דאַן האָב איך זיך געווענדעט צו מיין באַקאַנטען און איהם געבעטען, ער זאָל פרעגען דעם פרעמדען, וואָס ער פאַרלאַנגט. דער פרעמדער האָט געענטפערט, אַז ער וויל וויסען, וואָס איך טראָג אונטער'ן אָרים. מיין ענטפער איז געווען, אַז איך וועל דאָס איהם ניט זאָגען איידער איך וועיס מיט וועמען איך רייד. דער פרעמדער האָט דאַן אַרויסגענומען אַ קאַרטעל און באַ־וויזען, אַז ער איז אַ געהיים פּאָליציסט, אַ מין סאָרט דעטעקטיוו. דערהערט אַזאַ מעשה, האָב איך נאַטירליך קיין ברירה ניט געהאַט און איהם געזאָגט, אַז איך טראָג געלד. בקיצור, דער בחור האָט מיך איינגעלאַדען . . . אין דער זשאַנדאַר־מעריע. איידער איך האָב אָנגענומען זיין „איינלאַדונג" האָב איך דורך מיין באַקאַנטען אָנגעזאָגט אין שטאָדט וועגען מיין אַרעסט און מיין באַגלייטער האָט

מיך אוועקגעפיהרט אין נומער 70 זאכאראוועער גאַס, וואו עס האָט זיך געפונען די זשאַנדאַרמעריע.

דאָרט האָבען זיך דריי זשאַנדאַרמסקע אָפיצירען אַ נעם געטאָהן שטודירען מיין אַמעריקאַנער פּאַס. אַ האַלבע שטונדע צייט האָבען זיי געליַיענט, און אַרומגעדרעהט מיין פּאַס אויף אַלע זייטען. זיי האָבען געעפענט דעם פּעקעל געלד, געציילט די אַסיגנאַציעס, און מיר, דורך אַ דייטשען איבערזעצער, געשטעלט פאַרשידענע פראַגען, ביז איך האָב ענדליך דערהערט, ווי איינער פון זיי האָט געזאָגט „ווסיסטקאַ ווּפּאָזשאַנטקו", דאָס הייסט, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג. אָבער טראָץ דעם האָבען זיי מיר געלאָזט וויסען, אַז דאָס געלד מוזען זיי פאַרהאַלטען.

אויף מיין טענה, אַז דאָס געלד מוז איך גלייך האָבען, ווייל איך מוז אויסצאָהלען די היגע אָרימע אידען, וואָס זייערע קרובים האָבען זיי געשיקט, האָט מיר דער עלטסטער פון די דריי „איידעלע" אָפיצירען געענטפערט, אַז די אידען זיינען שמוציג, אָבער ניט אָרים. די חוצפה פון דעם אָפיציר האָט מיך שווידערליך אויפגערעגט. אָבער איך האָב זיך קאָנטראָלירט מיט אַלע כחות און איהם געלאַסען געענטפערט, אַז קומענדיג אין באַריהרונג מיט די פּאַר וועמען איך האָב געבראַכט דאָס געלד, ווייס איך זעהר גוט, אַז זיי זיינען דוקא די אָרימסטע פון די אָרימע. און וועגען דער פראַגע ווער עס איז שמוציג און ווער ניט, קען איך מיט איהם לײדער ניט דעבאַטירען . . . ווייל איך בין אַ מיטגליד פון אַן אָפיציעלער אַמעריקאַנער מיסיע. אין קורצען אָבער, האָב איך איהם געזאָגט, אַז אויב זיי פּיהלען, אַז זיי מעגען דאָס געלד פאַרהאַלטען, פאָדער איך אַן אָפיציעלען רעסיט דערפאַר. איך האָב אַזאַ רעסיט באַקומען און איך האָב זיך געלאָזט געהען אין מיין האָטעל. אָבער, ווי עס שיינט, האָבען די דריי פּוילישע אָפיצערען באַשלאָסען, אַז איינער פון זיי זאָל מיך באַגלייטען ביז׳ן האָטעל, ווייל ווען איך האָב זיך שוין געפונען ביים רעכטען שוועל, איז דער, וואָס האָט גערעדט דייטש, צוגעקומען צו מיר און פאַרנוויגענדיג זיך זעהר העפליך, האָט ער ערקלערט, אַז ער וויל מיך באַגלייטען. נאַטירליך, האָב איך זיך אויך פון דער דאָזיגער „עהרע" ניט געקענט ענטזאָגען. אָבער איך מוז זאָגען, אַז אַזוי שנעל ווי מיר האָבען זיך געפונען אויפ׳ן גאַס, האָט דער בחור איבערגעביטען זיין גאַנצען טאָן, ער איז געוואָרען די העפליכקייט אַליין. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז ער אַליין טיילט ניט דעם שטאַנדפּונקט פון די אַנדערע, אַז אַלע אידען זיינען שמוציג. פאַרקערט, זאָגט ער, ער דענקט, אַז עס זיינען פאַראַן אויך פיינע אידען, און אַלס ביישפּיל ווייזט ער טאַקע אויף מיר אַליין. איהם געפעלט, זאָגט ער, וואָס איך פאַרטיידיג מיינע גלויבענס גענאָסען און וואָס איך האַלט אַזוי שטאַרק פון מיין לאַנד, אַמעריקע. און אַט אַזוי ריידענדיג און פאַרוואַרפענדיג מיך מיט קאָמפּלימענטען, פון וועלכע מיר איז געוואָרען שרעקליך פּריקרע, האָט ער מיך צוגעפיהרט ביז מיין האָטעל. ער איז אויך געוועזען גוט גענוג אַריינצוקומען אין מיין האָטעל צימער. ער האָט געבעטען איך זאָל איהם ווייזען,

וואָס פאַר אַ סיסטעם מיר האָבען ביים אויסצאָהלען דאָס געלד. ער האָט נאָך און נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָהן אויף מיינע פּאַפּירען און איז ענדליך אַוועק מיט גאָר־נישט . . . איך האָב זיך אָנגעשטויסען אויף דעם, וואָס ער איז אויסען געווען. אָבער איך האָב באַשלאָסען: קיין „לאַפּוּאַווקע״.

אויף מאָרגען אינדערפריה זיינען מיר אין דער באַגלייטונג פון אַ לאָיער אַוועק צו אַ העכערען בעאַמטען זיך באַקלאָגען אויף דעם, וואָס מען האָט ביי אונז צוגענומען דאָס געלד. דער העכערער בעאַמטער האָט טעלעפאָנירט אין נומער 70 זאַכאַראָווער, וואו מען האָט דאָס געלד פאַרהאַלטען, און האָט אונז געלאָזט וויסען, אַז מאָרגען אין דער צייט וועט ער ביי זיך האָבען אַ פאַרטרעטער פון דעם פינאַנס מיניסטעריום, און אַז דאַן זאָלען מיר אויך צו איהם קומען, וועט ער אונז געבען אַ תשובה. אויף מאָרגען, ווען מיר זיינען צו איהם געקומען, האָט מען אונז געזאָגט, אַז אונזער ענין איז זעהר אַ שווערער, ער איז פאַרבונדען מיט צוויי וויכטיגע פּראָבלעמען: אַ פינאַנציעלע פּראָבלעם און אַ פּאָליטישע פּראָבלעם . . .

דער פאָרשטעהער פון דעם פינאַנס־מיניסטעריום האָט ערקלערט, אַז ערש־טענס, קען ער ניט פאַרשטעהען, וואָס פאַר אַ סאָרט געלד מיר האָבען געבראַכט; פאַרוואָס דאָס געלד איז בלויז פאַר אידען און ניט פאַר פּאָליאַקען? און צווייטענס, האָט ער געוואָלט וויסען, פאַרוואָס אַמעריקע האָט געדאַרפט שיקען דאָס געלד דורך ספּעציעלע דעלעגאַטען, אַנשטאַט דורך דער פּאָסט? אונזער ענטפער אויף דער ערשטער פראַגע איז געווען, אַז מיר זיינען צופעליג פאַרטרעטער פון זעכצעהן מינסקער לאַנדסמאַנשאַפט אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע, וועלכע האָבען בלויז אידישע מיטגלידער און ניט קיין פּוילישע; די דאָזיגע אידישע אָרגאַניזאַציעס האָבען אונז אויסגעקליבען און דורך אונז געשיקט געלד פאַר זייערע קרובים אין מינסק. פאַרוואָס פּוילישע לאַנדסמאַנשאַפטען אין אַמעריקע האָבען אַזאַ זאַך ניט געטאָהן? דאָס קענען מיר ניט ערקלערען. וואָס איז שייך זיין צווייטער פראַגע, פאַרוואָס ס'איז נויטיג געווען צו שיקען ספּעציעלע דעלעגאַטען אַנשטאַט באַנוצען זיך מיט דער פּאָסט, האָבען מיר איהם ערקלערט, אַז דער אַמעריקאַנער פּאָסט אָפּיס ענטזאָגט זיך אָנצונעהמען געלד פאַר מינסק, צוליב דער אונזיכערער לאַגע דאָ, און אַז טשעקס, וואָס מינסקער אידען באַקומען פון אַמעריקע, אַריינגערעכענט אפילו אַמעריקאַנער רעגירונגס טשעקס, קענען דאָ ניט אויסגעביטען ווערען. אַלס ביישפּיל האָבען מיר אָנגעוויזען אויף אַ געוויסען אַמעריקאַנער רעגירונגס טשעק, וועלכער איז געשיקט געוואָרען אהער צו דער פאַמיליע פון אַ געפאַלענעם אַמערי־קאַנער סאָלדאַט, מיט גאַנצע צוויי יאָהר צוריק, און דער דאָזיגער טשעק איז נאָך ביז איצט ניט געקעשט געוואָרען.

ווען דער פאָרשטעהער פון דעם פינאַנס־מיניסטעריום איז פאַרטיג געוואָרען מיט אונז, האָט זיך צו אונז אַ נעם געטאָהן דער פאָרשטעהער פון דער פּאָליטישער

אָפּטיילונג. ער האָט הויפּטזעכליך געוואָלט וויסען פאַר וועמען דאָס געלד איז. ער האָט פּראָסט און פּשוט געפאָדערט די פאָלשטענדיגע רשימה פון אַלע אידען פאַר וועלכע מיר האָבען געבראַכט געלד. געזאָגט האָט ער, אַז ער דאַרף די רשימה כדי צו איבערצייגען זיך, אַז מיר האָבען דאָס געלד ניט געבראַכט פאַר באַלשע־וויקעס. אָבער מיר האָבען געוואוסט זיין אמת'ע כונה און מיר האָבען דערפאַר גאָרנישט געהאַט קיין חשק נאָכצוקומען זיין פאַרלאַנג. דער פּאָליטישער נאַטשאַל־ניק האָט אַפילו טיילוויז פאַרלוירען זיין געדולד און האָט אונז אָנגעהויבען צו סטראַשען, אַז מיר דאַרפען וויסען אַז מיר געפינען זיך ביים מלחמה־פראָנט, און אַז אין קריגס צייט איז ער ניט מחויב אָפּצוגעבען קיין חשבון וועגען דעם צוועק צוליב וועלכען ער דאַרף האָבען דעם צעטעל פון די נעמען. אויף זיין לעצטען אויס־ברוך פון צאָרען האָבען מיר איהם געענטפערט, אַז מיר זיינען ניט קיין אונגע־זעצליכע דעלעגאַטען, מיר זיינען אָפיציעל ערוועהלט געוואָרען פון אַ ריזיגער צאָהל אַמעריקאַנער בירגער מיט'ן צוועק דורכצופיהרען דאָ אונזער רעליעף מיסיע, און אונזער ארבייט איז אויך אָפיציעל אויטאָריזירט געוואָרען פון דער אמעריקאַנער רעגירונג, וועלכע האָט אונז ארויסגעגעבען ספּעציעלע רעליעף פּאַספּאָרטען, און מיר באַטראַכטען אונזער רעליעף מיסיע, לויט דעם אַמעריקאַנער מנהג, אַלס אַ קאָנפידענציעלען און פּריוואַטען ענין, וועגען וועלכען עס דאַרפען וויסען נאָר די, צו וועמען דאָס געלד איז פאַקטיש געשיקט געוואָרען. בקיצור, מיר האָבען זיך קאַטעגאָריש ענטזאָגט צו געבען זיי די נעמען, סיידען דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין וואַרשע וועט דאָס אונז הייסען, און מיר האָבען טאַקע געזאָגט, אַז מיר ווילען זיך דורכאויס שטעלען מיט איהם אין פאַרבינדונג. ענדליך זיינען די צוויי בעאַמטע אַרויסגעקומען מיט'ן אמת. זיי האָבען אונז געזאָגט, אַז זיי ווילען, אַז די וואָס האָבען באַקומען געלד דורך אונז, זאָלען וויינִיגסטענס איינס פּראָצענט פון דער סומע אוועקגעבען אויף פּוילישע „ליבערטי באַנדס", און דערביי האָבען זיי אויך געזוכט צו שפּילען אויף אונזערע אַמעריקאַנישע פּאַטריאָטישע געפיהלען. זיי האָבען אונז, למשל, געפרעגט צי עס איז ניט אמת, אַז די אַמעריקאַנער אידען האָבען געקויפט אַ סך ליבערטי באַנדס, ווייל זיי זיינען פּאַטריאָטיש צום לאַנד, טאָ פאַרוואָס זאָלען אַזאַ זאַך ניט טאָהן די אידען פון פּוילען?

דער לעצטער אַרגומענט פון די פּוילישע בעאַמטע האָט אונז געפיהרט צו אַ געוויסען קאָמפּראָמיס פאַרשלאַג, וואָס מיר האָבען באַשלאָסען זיי צו מאַכען. מיר האָבען זיי ערקלערט, אַז אַזוי ווי דאָס גאַנצע געלד וואָס מיר האָבען געבראַכט איז שוין פאַקטיש אויסגעצאָהלט געוואָרען מיט עטליכע וואָכען צוריק, און אַזוי ווי מיר זיינען זיכער, אַז די מעהרסטע געלד־באַקומער האָבען שוין ביי זיך ניט קיין סימן פון דאָס געלד, ווייל זיי זיינען אַלע געווען איינגעטונקט אין חובות, וועלען מיר, די דעלעגאַטען אַליין, אַסיגנירען אַ סומע פון צוואַנציג טויזענד מאַרק פאַר'ן פּוילישען רויטען קרייץ, און זאָלען זיי, די בעאַמטע, דערפאַר צוריקציהען

זייער פאָדערונג פון דער רשימה. ענדליך האָבען זיי אונזער פאָרשלאַג אָנגענומען. פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך אונזער לאַגע אין מינסק באַדייטענד פאַרבעסערט. ס'איז פאַר אונז געוואָרען מעגליך צו אַרבייטען אָהן שטערונגען, מיר האָבען צוריקגעקראָגען אונזערע פאַרהאַלטענע בריעף, מען האָט באַפרייט איינעם פון אונזערע „מעסענדזשערס", וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרען פאַר דעם איינציגען חטא, וואָס ער איז געגאַנגען אָנזאָגען אידען, אַז מיר האָבען פאַר זיי געלד, און מען האָט אונז געגעבען נאָך פילע הנחות, וואָס מיר האָבען געפאָדערט.

ד.

דאָס, וואָס איך האָב ביז איצט דערצעהלט פון מיין פערזענליכער ערפאַהרונג, אַלס אַן אַמעריקאַנער בירגער, מיט דער פּוילישער מאַכט, איז גאָלד אין פאַרגלייך מיט די טרויעריגע ערפאַהרונגען, וואָס עס מאַכען דורך די אידען וועלכע לעבען אין פּוילען. עטליכע עפּיזאָדען פון דעם דאָזיגען טרויעריגען אידישען לעבען אין פּוילען וועל איך דאָ פּרובירען איבערגעבען.

דאָס איז געווען באַלד אויף דער צווייטער וואָך פון מיין זיין אין מינסק. די מאַכט האָט בוכשטעבליך אָנגעפאַנגען צו כאַפּען מענשען אויף די גאַסען פאַר געצוואונגענער אַרבייט, און כאַפּען פלעגט מען אויסשליסליך אידען. טאָמער איז ביי די כאַפּער געווען אַ צווייפעל וועגען אימעצען, אויב ער איז אַ איד אָדער אַ קאַטאָליק, האָט מען איהם פּשוט געפרעגט: „זשיד אילי קאַטאָליק?". איז דער ענטפער געווען „קאַטאָליק", האָט מען איהם געלאָזען געהען; איז דער ענטפער געווען: „איד", האָט מען איהם באַלד אַוועקגעשלעפּט צו דער אַרבייט. אַרבייטען האָט מען געצוואונגען 24 שטונדען נאָכאַנאַנד אָהן אָפּרוה, און פאַר יעדער קלייניגקייט האָט מען מערדערליך געשלאָגען. אין זייער ברוטאַליטעט האָבען די פּאָליאַקען אַרויסגעוויזען אַ באַזונדערע געניאַליטעט. זיי פלעגען, למשל, איינטיילען די געכאַפּטע אידען אין צוויי באַזונדערע גרופּען. די וואָס האָבען געטראָגען העלע אָדער ווייסע קליידער, פלעגט מען צווינגען צו גרוזעווען קוילען. און די וואָס פלעגען טראָגען טונקעלע אָדער שווארצע קליידער, פלעגט מען צווינגען צו גרוזעווען מעהל. און אָט אַזוי, אַרבייטענדיג 24 שטונדען כסדר, פלעגען די אומגליקליכע זיך אַזוי אויסשמירען און אויסמאַטערען, אַז ווען מען פלעגט זיי ענדליך פריילאָזען, פלעגען זיי מעהר ניט אויסזעהען ווי מענשליכע באַשעפענישען.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדען פלעגען די אידען זיך צעלויפען פון די גאַסען אַזוי שנעל ווי זיי פלעגען דערזעהען אַ מיליציאַנט פון דערווייטען. מאָדנע, העסליכע סצענעס זיינען דאָס געווען. די אידען פלעגען מאַכען דעם איינדרוק פון שוצלאָזע הינדעלעך, וואָס צולויפען זיך אין אַלע זייטען ביים אָנקומען פון אַ רויב־פויגעל. זיי פלעגען פליהען מיט צושראָקענע אויגען

און מיט אַ שווידערליכען אימפּעט, יונג און אַלט, טאַטעס און זיהן—אַלע זיינען געלאָפּען.

אַנטלויפענדיג אַזוי פון אַ מיליציאַנט, איז איינמאָל אַן אַלטער איד מיט אַ לאַנגער באָרד, בלאַס ווי דער טויט, אַריינגעשפּרונגען דורכ'ן פענסטער צו אונז אין צימער, וואו מיר האָבען געמאַכט אונזערע געלד־צאָהלונגען. אויף אונז, די אַמעריקאַנער, האָט די דאָזיגע פּאַסירונג געמאַכט אַ שרעקליכען איינדרוק. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אידען האָבען אויפגעהערט זיך צו באַווייזען אויף די גאַסען. אָבער די פּאָליאַקען האָבען געוואוסט, אַז איין טאָג פון וואָך וועלען די אידען דאָך אַרוים אויפ'ן גאַס, דאָס איז שבת, ווען זיי געהען אין שוהל, און דערפאַר פלעגען זיי שבת אינדערפריה, באַלד נאָכ'ן דאַוונען, אַרומרינגלען די שוהלען מיט אַ קייט פון מיליציאַנטען און פון דאָרט פלעגען זיי שלעפּען די אידען אין זייערע שבת'דיגע בגדים און מיט די טליתים אויף די אַקסלען צו די שווערסטע און שמוציגסטע אַרבייטען. אָבער אין מיטענוואָך, ווי געזאָגט, האָבען די אידען אויפגעהערט צו באַווייזען זיך אין די גאַסען. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז דאָס ביסעל אַרבייט און די ברעקלעך געשעפטען, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבען ביי אידען, האָבען זיך כמעט אין גאַנצען אָפּגעשטעלט, און די אַלגעמיינע נויט אין שטאָדט האָט זיך צעהן־פאַך פאַרגרעסערט.

ווען די באָלשעוויסטישע אַרמיי האָט זיך דערנעהענטערט צו מינסק, האָט זיך אין שטאָדט דערפיהלט אַ דוחק אין ברויט און אַנדערע שפּייז־פּראָדוקטען. די פּאָליאַקען האָבען גלייך גענומען פאַרשפּרייטען קלאַנגען, אַז שולדיג אין דעם זיינען די אידען, אַז דאָס זיינען זיי, די אידען, וואָס באַהאַלטען מעהל און אַנדערע פּראָדוקטען. דורך זייער צייטונג האָבען די פּאָליאַקען געלאָזט וויסען, אַז דער עולם זאָל קומען אין געוויסע פּלעצער נאָך ברויט, אָבער בלויז קריסטען זאָלען קומען.

אויף יורעווער (ראַקעווער) גאַס, אַרום דעם פּלאַץ וואו עס געפינט זיך דער צלם, איז דאָ אַ קליינער מערקעל, וואוהין יעדען טאָג קומען פּויערים פון די אַרומיגע דערפער צו פאַרקויפען שפּייז פּראָדוקטען, ווי גריפּס, מעהל, פּוטער, אייער, מילך, און ד. ג. אין אַ געוויסען פריהמאָרגען זיינען פּוילישע סאָלדאַטען געקומען אויף דעם דאָזיגען מערקעל און פאַרבאָטען די פּויערים צו פאַרקויפען זייערע פּראָדוקטען צו אידען. מיט די פּריקלאַדען פון זייערע ביקסען האָבען די סאָלדאַטען געסטראַשעט צו שלאָגען יעדען פּויער, וואָס האָט זיך ערלויבט אויס־צורײדען אַ וואָרט צו אַ אידישען קונד. איין אידענע האָט זיך קוים מיט צרות איינגעגעבען צו קויפען אַ קרוג מילך ביי אַ פּויער, האָט אַ פּאָליאַק דעם קרוג מיט דער מילך איבערגעקערט און אויסגעגאָסען אויף דער ערד.

אויף ראָמאַנאָווער גאַס, אין מינסק, איז דאָ אַ אידישער פעלדשער מיט'ן נאָמען ט. און ווייל ער איז אַ פעלדשער, איז ער דאָך שוין כמעט אַ האַלבער

דאָקטאָר, פאַרגינט זיך דער הערר ט. דעם לוקסוס צו גאָלען זיין באָרד. און דערפאַר טאַקע האָט דער הערר ט. דאָס גליק נישט אויסצוקוקן צו־שטאַרק עהנליך אויף אַ אידען. געהט זיך אַזוי דער הערר ט., אין אַ געוויסען טאָג, פון אַ קראַנקען פאַציענט זיינעם, ערגעץ ווייט אין קאַמאַרוויקע, אַ מידער, אַ פאַרמאַטערטער, און באַשליסט אוועקצוזעצען זיך אָפּרוהען אויף אַ שטיין, אויף דעם נייעם מאַרק. און אָט אַזוי זיצענדיג אויפ'ן שטיין באַפאַלט איהם די מידקייט נאָך מעהר און ער שלאָפט איין. אָבער לאַנג שלאָפען האָט ער ניט געקענט. ער איז אויפגעוועקט געוואָרען פון אַ טומעל און אַ בייזען געלעכטער, און ווען ער האָט זיך גוט אויס־געטשוכעט איז איהם אַ קעלט אריבער איבער'ן לייב, ווייל ער איז געווען ארומ־געריננעלט פון 4 סאָלדאַטען, פּאָזנאַנצעס (די ברוטאַלסטע פּוילישע סאָלדאַטען). די סאָלדאַטען פרעגען איהם די געוועהנליכע פראַגע: „אַ איד אָדער אַ פּאָליאַק?". הערר ט. איז זיך ניט לאַנג מיישב און ענטפערט: „אַ פּאָליאַק". „דיין גליק", זאָגט איינער פון די סאָלדאַטען, „אַז ניט וואָלט איך דיר געגעבען אַזאַ טראַך . . ." אַז דו וואָלסט זיך באַגאָסען מיט בלוט". און דערווייל ציהען זיך מינוטען, וואָס גערדויערען לייננער ווי שטונדען, און דער אידישער פעלדשער זיצט צווישען זיינע 4 חברים, די פּאָזנאַנצעס, און האָט מורא אויפצוהויבען די אויגען אַז מען זאָל אין איהם ניט דערקענען דעם אידען. די סאָלדאַטען זיצען אויך רוהיג אויף שטיינער ארום איהם און ס'האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז זיי האָבען אָן איהם אין גאַנצען פאַרגעסען. איז זיך מיישב דער פעלדשער און הויבט זיך שטילער־הייט אויף פון זיין אָרט און פאַנגט זיך אָן דערווייטערען פון דעם פּלאַץ. אָבער אין זיין גרויסער שרעק פאַרגעסט ער די ראָלע, וואָס ער שפּילט און ער פאַנגט שנעל אָן צו לויפען. אַזוי שנעל ווי די סאָלדאַטען האָבען באַמערקט, אַז ער לויפט, זאָגען זיי: „עה, חברה־מאַן! אַז דו אַנטלויפסט, ביזטו זיכער אַ זשיד"! און טאַקע באַלד זיינען זיי איהם נאָכגעלאָפען, איהם געכאַפּט, איהם מערדערליך געשלאָגען, און צוריסען זיינע קליידער אויף פּיצלעך.

נאָך איידער די פּוילישע אַרמיי איז אריינגעקומען אין מינסק, האָבען די מינסקער אידען געוואוסט, וואָס פאַר אַ סאָרט באַגריסונג זיי וועלען באַקומען פון זייערע נייע בעלי בתים—זיי האָבען געוואוסט, אַז די ערשטע זאַך וואָס די פּאָליאַקען טוען ווען זיי קומען אריין אין אַ נייער שטאָדט, איז מאַכען אַ פּאָגראָם אויף אידען. אין פּוילען האָט זיך גראַד דאַן געפונען די מאָרגענטהאַו קאָמיסיע. זיינען אַ פּאָר פון די מינסקער כלל טוער אוועק צו מאָרגענטהאַו'ן און געבעטען, אַז אויב ער וויל פּאַרהיטען מינסק פון אַ שחיטה, זאָל ער אַהין שיקען איינעם פון זיינע מענשען. צום גרויסען גליק פון די כלל טוער האָט זיך גענעראַל דזשאַדרווין אַליין אונטערגענומען צו פאָהרען קיין מינסק. און אַ דאַנק גענעראַל דזשאַדרווינ'ס אַנוועזענהייט ביים אריינמאַרשירען פון דער פּוילישער אַרמיי אין מינסק, זיינען דאָרט געפאַלען בלויז 35 פּאָגראָם קרבנות. וואָלט חלילה, גענעראַל

דזשאדרווין, דאָן אין מינסק ניט געווען, וואָלטען זיכער געפאַלען אפשר הונדערט מאָל אזוי פיעל.

א געוויסע צייט פריהער, איידער מיר זיינען געקומען אין שטאָדט, האָט מינסק געהאַט א גרויסע לויה. ס'איז געשטאָרבען אברהם קאַפּלאַן, איינער פון די וויכטיגסטע אידישע כלל טוער. צו זיין לויה איז געגאַנגען, אין דער בעסטער אָרדנונג, כמעט די גאַנצע שטאָדט אידען. פּלוצלונג איז די לויה פּראָצעסיע באַפאַלען געוואָרען פון אַלע זייטען פון פּאָגראָנצעס, וואָס האָבען דעם עולם אטאַקירט מיט די פריקלאַדען פון זייערע ביקסען און זיי געשלאָגען מכות רצח. דער עולם איז אין א ווילדער אומאָרדנונג זיך צולאָפען אין די ארומיגע גאַסען. ביים ארון זיינען נאָר געבליבען די נאָהענטסטע קרובים און אייניגע פריינד פון דעם פאַר־שטאָרבענעם, וועלכע האָבען אויסגערופען, אַז מען קען זיי אפילו דער'הרג'ענען, וועלען זיי פון דעם בר־מנן ניט אָפּטרעטען.

הערר ב., איינער פון די וויכטיגסטע געזעלשאַפטליכע טוער אין מינסק, איז אוועקגעלאָפען צו ראַצקעוויטש'ען, דעם דאַמעלסדיגען גובערנאַטאָר. ביים גובער־נאַטאָר איז גראָד דאָן געווען א מיליטערישע זיצונג. אָבער ווען הערר ב. איז אהין אריינגעקומען האָט ער זיך געפונען אויף דער העכסטער שטופע פון אויפ־רעגונג, און נישט קוקענדיג אויף דער וויכטיגער זיצונג, האָט ער היסטעריש אויס־געשריען: „ניט גענוג, וואָס איהר לאָזט אונז ניט לעבען, ווילט איהר נאָך אונז שטאָרבען אויך ניט לאָזען!" און גלייך נאָכדעם האָט ער זיך צעוויינט ווי א קינד. ראַצקעוויטש, וועלכער געהערט גראד צום איידעלערען סאָרט מענשען, האָט דעם הערר ב. געזוכט צו באַרוהיגען. ער איז גלייך אריין אין זאַל, וואו די מיליטערישע זיצונג איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען, און האָט פון דאָרטען ארויסגערופען א גענעראַל, און זייביידע צוזאַמען מיט'ן הערר ב. זיינען אוועקגעפאָהרען צום פּלאַץ, וואו די אויבענדערמאַנטע פּאַסירונג איז פאָרגעקומען. אָבער ווען זיי זיינען אהין אָנ־געקומען, זיינען שוין די סאָלדאַטען געווען פאַרטיג מיט זייער שווארצער ארבייט, און זיי האָבען זיך צושפּרייט איבער די ארומיגע גאַסען און הויפען. דער גובער־נאַטאָר האָט זיך דאָן געווענדעט צום הערר ב. און געזאָגט: „אזוי ווי איצט קומען דאָ קיין אויסערגעוועהנליכע זאַכען ניט פאָר, קענען מיר אייך מיט קיין זאַך ניט העלפען. נעמט אַלזאָ דעם טויטען און זעצט פאָר אייער לויה. און אויב איהר וועט אונז שפּעטער קענען אָנווייזען די שולדיגע, וועלען מיר זיי זיכער באַשטראָפען." דאָס זאָגענדיג, האָט זיך דער גובערנאַטאָר געזעגענט מיט'ן הערר ב. און צוזאַמען מיט זיין באַגלייטער, דעם גענעראַל, האָט ער זיך אריינגעזעצט אין אָוטאָמאָביל און איז אוועקגעפאָהרען.

ס'האָט אָבער ניט גענומען קיין 5 מינוט, נאָך איידער דעם גובערנאַטאָר'ס אָוטאָמאָביל איז פאַרשוואונדען פון אויג, און הערר ב., וועלכען מען האָט געזעהען

קומענדיג מיט'ן גובערנאַטאָר, ווי אויך ארומדרייענדיג זיך צווישען עולם, וואו ער האט געזוכט עדות פאַר זיין קלאַגע צום גובערנאַטאָר, איז ארומגערינגעלט געוואָרען פון סאָלדאַטען, וואָס האָבען איהם אוועקגעפיהרט אין האָטעל יעווראָפּאַ, וואו עס האָט זיך געפונען די הויפּט קוואַרטיר פון דער מיליטערישער מאַכט. פיהרענדיג איהם, האָבען די סאָלדאַטען צווישען זיך גערעדט, אַז מען דאַרף איהם צושטעלען צו אַ וועגטעל און דערשיסען ווי אַ הונט. און אַזוי שנעל ווי זיי האָבען איהם אריינגעפיהרט אין קאָרידאָר פון האָטעל, האָבען זיי איהם גלייך, מיט זייערע פּריקלאַדען, גענומען שטויסען אין בייסמענט. צום גליק איז אָבער גראַד אין יענעם מאָמענט, פון די טרעפּ פון אַן אויבערשטען פלאָר, ארונטערגעקומען דער גובערנאַטאָר אַליין, ראַצקעוויטש. ער איז שנעל צוגעלאָפען צו די סאָלדאַטען און זיי געפרעגט פאַרוואָס זיי האָבען דעם הערר ב. ארעסטירט. דער ענטפער פון די סאָלדאַטען איז געווען, אַז דער הערר ב. האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו ענט־וואָפענען אַ קאָמפּאַניע פּוילישע סאָלדאַטען. ווי לעכערליך די דאָזיגע קלאַגע איז ניט געווען, האָט זיך דער גובערנאַטאָר אין דעם מאָמענט ניט געקענט אריינמישען, ווייל די קלאַגע איז געווען אַ מיליטערישע, ניט קיין ציווילע. אָבער ווייל ראַצ־קעוויטש איז, ווי געזאָגט, געווען אַן אנשטענדיגער מענש, און ער האָט זעהר גוט געקענט דעם הערר ב. האָט ער זיך שפּעטער דאָך באַמיהט, אַז ער זאָל באַפרייט ווערען.

און אָט איז נאָך אַ פּאַסירונג: טויבקינ'ס הייזער זיינען רעקווירירט און באַ־זעצט פון סאָלדאַטען. איז זיך מיישב דער אָפיצער, וואָס די אויפזיכט איבער דער קאָמפּאַניע סאָלדאַטען אין טויבקינ'ס הייזער, און פאַנגט אָן צו פאַרקויפען דאָס אייזען, וואָס ער האָט געפונען ליגען ביי טויבקינ'ען אויפ'ן הויף. קומט דער אַלטער טויבקין צו דעם אָפיצער און זאָגט: „ניט גענוג, וואָס מען האָט רעקווירירט מיינע הייזער, און מען צאָהלט מיר ניט קיין גראָשען דירה־געלד, פאַרקויפט איהר נאָך מיין אייזען, מיין האָב און גוטס! פאַרוואָס טהוט איהר דאָס?". אָט פאַר דעם „פאַרברעכען", וואָס דער אַלטער טויבקין איז באַגאַנגען, האָט מען איהם אָפּ־געגאָלט דעם קאָפּ, די באָרד, די וואָנצעס און ברעמען, און ערשט נאָכדעם האָט מען איהם אַזוי מערדערליך געשלאָגען, אַז ער האָט זיך אַ צייט לאַנג ניט געקענט ריהרען פון אָרט. טויבקינ'ס זוהן, וועלכער איז אַן אַדוואָקאַט, האָט געבראַכט אַ קלאַגע געגען דעם אָפיצער. אָבער ווען מען האָט דעם יונגען טויבקינ'ען ארוים־גערופען קיין וואַרשע און איהם געהייסען ברייגנען די נויטיגע באַווייזע געגען דעם אָפיצער, האָט ער מורא געהאַט צו פאָהרען.

די מינסקער לאַנדסלייט געדענקען נאָך אוודאי דעם טרויעריג באַריהמטען תכשיט, באַסאַרעווסקי, דעם סאַלניק. דאָס איז אַ חברה־מאַן, וואָס איז נאָך מיט יאָהרען צוריק געווען באַקאַנט אַלס דער גרעסטער שוואַרץ־מאה'ניק אין מינסק. באַסאַרעווסקי, אויב איהר געדענקט, האָט זיך אַקטיוו באַטייליגט אין דעם מינסקער

פּאָגראָם מיט צוואַנציג יאָהר צוריק. און דאָס איז אויך דער זעלבער חברה־מאַן, ווענען איזוואָשטשיקעס פּלעגען זיך ענטזאגען צו פיהרען, ווייל אנשטאָט צו צאָהלען פאר זיינע רייזעס מיט געלד, פלעגט ער זיי צאָהלען מיט קלעפּ. און שטעלט זיך פאָר מיין איבערראשונג, אַז זיצענדיג איינמאָל ביי יצחק בערגער'ן אין קראָם, אויפ'ן הויכען מארק, עפענט זיך די טיהר און עס קומט אריין ניט קיין אנדערער ווי דער דאָזיגער זיידענער יונגערמאַנטשיק, באַסארעוווסקי. ער האָט געפאָדערט מען זאָל איהם ווייזען סחורה פאר זיין ווייב אויף אַ קלייד. די בערגערס האָבען איהם געענטפערט, אַז אַזאַ וואָרע ווי ער פארלאנגט, האָבען זיי ניט. „אָט האָסטו דאָך סחורה", ווייזט ער אָן מיט'ן פינגער אויף דער פּאָליצע, וואו עס איז געלעגען אַ שטיקעל וואָרע. מ'ענטפערט איהם, אַז דאָס איז ניט קיין פּרויען וואָרע. באַסאָ־רעוווסקי קוקט זיך ארום, ער זעהט אין קראָם אַ היפּשען עולם, צווישען וועלכען ער זעהט אויך אונז, די צוויי אַמעריקאַנצעס. ער גיט זיך אונצופרידען אַ קרים, געהט ארויס פון קראָם און גיט דערביי אַזאַ זעץ דער טהיר, אַז די פענסטער פאַנגען זיך אָן טרייסלען. אַ אידענע, וואָס שטעהט בעת מעשה אין קראָם מיט אַ קאָשיק עפּעל, זאָגט: „וואָס ווייסט איהר, וואָס פאר אַ מערדער דאָס איז! ער האָט דאָך נעכטען מיר געגעבען אַ זעץ אין פּנים, נאָר דערפאר, וואָס איך האָב ביי איהם געבעטען געלד פאר אָן עפּעל. הרג'ע מיך, האָב איך געזאָגט, אָבער אָהן געלד קען איך דיר קיין עפּעל ניט געבען! ער האָט אָבער פּאָרט צוגענומען מיין בלוטיגע פּראצע און האָט מיר נאָך דערפאר געזידעלט, דער מערדער, דער רוצח".

אין אַ געוויסען פריהמאָרגען, ווען איך בין געגאַנגען אויף גובערנאַטאָרסקע גאַס, די הויפּט גאַס פון מינסק, האָב איך פון דערווייטענס דערזעהען ווי אַ פערד, געשפּאַנט אין אַ דראָשקע, לויפט אָהן שום קאָנטראָל איבער'ן גאַס, אין דער ריכ־טונג וואו איך האָב זיך געפונען. איך זעה ווי דאָס פערד לויפט, אָט אין איין זייט, אָט אין דער צווייטער, און אָט דאכט זיך מיר, אַז ער וועט ארויפגאַלאָפּירען אויפ'ן טראָטואַר, אויף וועלכען עס שפּאַצירען אַ סך מענשען. און ווען די דאָזיגע סצענע האָט זיך דערנעהענטערט צו מיר, האָב איך דערזעהען, אַז אויף דער דראָשקע זיצט אָן איזוואָשטשיק, אַ צושויבערטער, אַ צובלוטיגטער און האַלטענדיג זיינעביידע הענט אין דער הויך, באַשיצט ער זיין קאָפּ און פּנים געגען די ווילדע קלעפּ פון אַ סאָלדאַט, וועלכער שטעהט הינטער איהם אויף דער דראָשקע און האַגעלט מיט ביידע קולאַקעס אויף דעם אָרימען איזוואָשטשיק. און אַז דער סאָלדאַט איז ענדליך מיר געוואָרען פון זיין אייגענער רציחה, איז ער אַרונטער פון דער דראָשקע און זיך געלאָזט געהען איבער'ן מיטען פון דער גובערנאַטאָרסקע, שרייענדיג: „פּשאַ קרעוו זשידזשע".

איך האָב זיך שפּעטער ביי דעם אַרומיגען עולם נאָכגעפרעגט, אין וואָס עס איז באַשטאַנען דעם איזוואָשטשיק'ס פארברעכען? מען האָט מיר געענטפערט:

„אין דעם, וואָס ער האָט ביים סאָלדאַט געפאָדערט, אַז ער זאָל איהם באַצאָהלען פאַר דער יאַזדע". דער איזוואָשטשיק איז, נאַטירליך, געווען אַ איד. . . .

ח.

פון די באוואוסטע מינסקער גבירים, פון די, וועמעס נעמען עם ליגען ביי יעדען מינסקער אויפ'ן צונג, זיינען זעהר ווייניג פארבליבען. און די וואָס זיינען נאָך דאָ, זיינען שטאַרק פאַראָרימט געוואָרען. די גרעסטע געשעפטען פון מינסק זיינען אַמאָל געלעגען אויפ'ן „הויכען מאַרק", אויף דער גובערנאַטאָרסקע און אויף זאַכאַראָוער. איצט זיינען די געשעפטען פון אָט די אַלע גאַסען פוסט און וויסט. דאָס ביסעל געשעפט, וואָס איז נאָך געבליבען אין שטאָדט, האָט זיך עפּעס אַזוי ווי אַרונטערגעקייקעלט אַרונטער, אין אַלטען מאַרק אריין, ווייל דאָרטען, אין אַלטען מאַרק, רודעלט זיך נאָך ווי עס איז. און ס'איז אויך גאַנץ נאַטירליך, וואָס דער אַלטער מאַרק האָט פאַרנומען דעם אָרט פון דעם הויכען מאַרק, ווייל סאַי די סחורה און סאַי די קונדען זיינען איצט ביידע פון ביליגערען און אָרימערען סאָרט.

די סחורה, וואָס מען געפינט איצט אין די מינסקער קראָמען, איז דורכאויס ביליגע, כמעט אין גאַנצען „אימיטאַציע"; איז טאַקע דער אַלטער מאַרק אַ נעהענ־טערער מחותן מיט אַזאַ סאָרט סחורה און אַזעלכע סאָרטען קונדען. דער אַלטער מאַרק האָט אָנגעפאַנגען זאָגאָר צו שפּילען די ראָלע פון אַן אויפגעקומענעם גביר, און דער אַריסטאָקראַטישער הויכער מאַרק מיט זיינע צוויי יחסנ'דיגע שכנ'טעס, די גובערנאַטאָרסקע און די זאַכאַראָווער, שטעהען פאַרזאָרגטע, פאַראומערטע און עלענד־פאַרלאָזטע. אויב עס געפינען זיך נאָך אין מינסק עטליכע פאַרמעגליכע אידען, זיינען זיי פון דעם נייעם טיפּ אויפגעקומענע גבירים, וואָס האָבען געמאַכט זייער געלד אויפ'ן אַלטען מאַרק. דאָס זיינען מענשען וואָס באַהאַלטען זייערע פאַרמעגענס אין די זאָקען און אין די פּערענעס, און די געזעלשאַפטליכע מינסק געניסט אַבסאָלוט גאָרנישט פון זייער גבירה'שאַפט.

מינסק האָט דורכגעמאַכט אַרום זיבען פאַרשידענע אָקופּאַציעס, דאָס הייסט, גאַנצע זיבען מאָל האָט איין אַרמיי זיך צוריקגעצויגען פון שטאָדט, און אַן אַנדער אַרמיי האָט זי פאַרנומען. יעדען מאָל ווען אַזאַ אָקופּאַציע איז פאָרגעקומען, האָבען די געשעפטסלייט געליטען אַסך שאָדען, און הויפּטזעכליך האָבען דערביי געליטען די געשעפטסלייט פון דעם הויכען מאַרק, פון דער גובערנאַטאָרסקע און זאַכאַראָווער, וועלכע געפינען זיך אין רעכטען צענטער פון שטאָדט. אָבער מעהר ווי פון וועלכער ס'איז אַנדער אָקופּאַציע האָבען די דאָזיגע געשעפטען געליטען פון דער פּוילישער אָקופּאַציע, און פון דעם פּאָגראָם, וואָס די פּאָליאַקען האָבען געמאַכט ווען זיי האָבען פאַרנומען די שטאָדט. באַלד נאָך דעם פּאָגראָם, און נאָך די פּעריאָדישע איבערפאַלען, וואָס זיינען אויך זיי געמאַכט געוואָרען נאָכ'ן פּאָגראָם, האָבען די געשעפטסלייט פון די הויפּט גאַסען אין מינסק זיך געפיהלט געצוואונגען צו מאַכען

לאָדען פון פּראָסטע, ניט געפּאַרבטע ברעטער כדי צו באַשיצען דאָס איבערגע־בליבענע האָב און גוטס. מאַנכע האָבען אין גאַנצען זייערע צובראָכענע פענסטער ניט פאַרריכט, קיין נייע שויבען ניט אַריינגעשטעלט, און אַלץ איבערגעלאָזען אויף הפקר ווי עס איז געווען אין דעם טאָג פון דעם פּאָגראָם. בלויז אין איינינגע ערטער, וואו עס איז נאָך עפּעס פאַרבליבען, נישט אַוועקגערויבט, האָט מען די צובראָכענע פענסטער פאַרנאָגעלט מיט הילצערנע ברעטער און זיי געלאָזט דינען אַלס אַ סימבאָל פון דעם חורבן.

דער קאָמענדאַנט פון שטאָדט האָט געלאָזט רופען צו זיך עטליכע פון די אידישע געשעפטסלייט און זיי געפרעגט פאַרוואָס זיי עפענען ניט צוריק זייערע געשעפטען, און פאַרוואָס זיי שטעלען ניט צוריק אַריין קיין גלאָז? (ס'האָט זיי ניט געפּאַסט, די פּאָליאַקען). אָבער די מינסקער געשעפטסלייט האָבען געהאַט דעם מוטה צו געבען דעם פאָלגענדען ענטפער: „פינף און צוואַנציג, דרייסיג און פערציג יאָהר האָבען מיר אויף אונזערע געשעפטען געפּראַצעוועט, מיט בלוט־פאַרהאָרעוועטע גראָשענס האָבען מיר געקויפט יעדען ברעקעל סחורה, וואָס מיר האָבען פאַרמאָגט, זיינט איהר, פּאָליאַקען, געקומען און אין איין איינציגען טאָג צוראַבירט און פאַר־ניכטעט אַלץ, וואָס עס האָט אונז גענומען אַזוי לאַנג אויפצובויען. ניין, מיר ווילען אונזערע קראָמען צוריק ניט עפענען, און זאָל די וועלט כאָטש זעהען, וואָס איהר האָט פון זיי געמאַכט!"

צו דעם פּאָגראָמירטען אויסזעהען פון מינסק האָט נאָך אַסך צוגעגעבען דער באַפעהל פון דער פּוילישער מאַכט, באַלד ווי זי האָט זיך דאָרטען באַזעצט, אַז אַלע רוסישע וויוועסטקעס (סיינס) זאָלען זאָפאָרט אַרונטערגענומען ווערען. אָבער ניט אַלע האָבען געהאַט גענוג געלד אויף צו מאַכען נייע סיינס, און פילע האָבען טאַקע ניט געוואָלט מאַכען קיין נייע סיינס. האָבען די לעכער און די גאַנצע שטיקער ניט באַפאַרבטע ווענט פון אונטער די אַרונטערגענומענע סיינס צוגעגעבען אַסך צו דעם שוין אַזוי אויך טרויעריג־גראָטעסקען אויסזעהען פון שטאָדט.

די שענסטע, בעסטע און גרעסטע אידישע הייזער האָט די פּוילישע מאַכט רעקווייזירט. אַזוי האָט זי רעקווייזירט ראַגאָווינ'ס הויז, אויף זאַכאַראָווער גאַס, וואו אויף די אַמאָליגע זויבערע פאַרקעט פלאָרס האָבען איצט געטראָטען שמוציגע שטיוועל פון פּוילישע סאָלדאַטען, און אויף ראַגאָווינ'ס טייערע בעטען האָבען זיך געקייקעלט שכור'ע אָפיצערען פון פּילסודסקי'ס אַרמיי. קאָוואַרסקי'ס גרויסע הויז איז אויף אַזאַ אופן פאַרנומען געוואָרען פון דער זשאַנדאַרמעריע, און איהם אַליין, דעם אַלטען קאָוואַרסקי'ן האָט מען אַריינגעזעצט אין דער קליינער הייזעל אויפ'ן הויף, וואו זיין דוואָרניק האָט אַמאָל געוואוינט. דאָס גרעסטע און באַקוועמסטע מינסקער גאַסט־הויז, האָטעל יעווראָפּאַ, אויפ'ן ראָג גובערנאַטאָרסקע און פּראָאָבראַ־זשענסקע, אַנטקעגען דעם קליינעם בולוואַרטשיק, איז רעקווייזירט געוואָרען פאַר דער מיליטערישער מאַכט.

מ'האָט אויך רעקווירט די דאמאלסדיגע אידישע רעמעסלינע אוטשילישטשע (טרייד סקול), וואָס געפינט זיך ביי דער קאָהר־שול, און פון איהר געמאַכט אַ טורמע. אין טורמעס זיינען אויך פאַרוואַנדעלט געוואָרען אַ גאַנצע רייהע אַנדערע וויכ־טיגע הייזער — וויל טורמעס דאַרפען די פּאָליאַקען אַסך. מען אַרעסטירט אידען רעכטס און לינקס; מען אַרעסטירט אידען אונטער'ן אויסרייד, אַז זיי זיינען באָל־שעוויקעס, אַז זיי זיינען ספּעקולאַנטען, אַז זיי זיינען ניט לאָיאַל, און פאַרוואָס איהר ווילט נאָר אַליין. יעדער איד, וואָס האָט ניט אַזוי גרינג אָפּגעגעבען די פּאָליאַקען זיינע פּאָר גראָשען, איז אַ באָלשעוויק, אַ ספּעקולאַנט און אַ פאַרעטער. אַלע טורמעס זיינען אויף דעם אופן געווען אָנגעפּאַקט מיט אַרעסטירטע. און אַלס רעזולטאַט פון דער שרעקליכער איינגשפּאַט אין די טורמעס זיינען די מעהרסטע אַרעסטירטע קראַנק געוואָרען אויף טיפוס. צווישען די אַרעסטירטע האָבען זיך געפונען אפילו 15 און 16־יאָהריגע אידישע אינגלעך.

איין מאָל, ווען איך האָב זיך געפונען אין הויז פון אַן אָנגעזעהענעם מינסקער איד, איז אַריינגעלאָפען זיין 14־יאָהריגער זוהן—מאָטעלע, אַ בלייכער, אַ דער־שראָקענער, און ניט זאָגענדיג קיין וואָרט האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָהן צו זיינע ביכער, וועלכע ער האָט לאַנג געמישט און געבלעטערט און מיט גרויס התמדה דאָרט עפּעס געזוכט. טאַטע־מאַמע פאַרוואָרפען מאָטעלע'ן מיט פראַגען, זיי ווילען וויסען פאַרוואָס ער איז אַזוי נערוועז און וואָס ער זוכט? אָבער מאָטעלע לייקענט אַז ער איז נערוועז, און וויל בשום אופן ניט אויסזאָגען, וואָס ער זוכט. מען נעמט אָבער דעם אינגעל אויף אַ שטריינגען פאַרהער און ער דערצעהלט די פאָלגענדע מעשה: ער, צוזאַמען מיט זיינעם אַ חבר,ביידע גימנאַזיסטען, געהען פון דער גימנאַזיע אַהיים, און געהענדיג אַזוי איבער'ן גאַס, פיהרען די אינגלעך צווישען זיך אַ שמועס. איז וועגען וואָס ריידען אידישע אינגלעך אין פוילען? וועגען אידישע צרות. זאָגט איינער, אַז ער וועט דאָ בשום אופן ניט בלייבען, אַז ער וועט אַוועק־פאָהרען קיין אַמעריקע. זאָגט דער צווייטער, אַז ער וועט בעסער פאָהרען קיין פּאַלעסטינע. און עס ענטוויקעלט זיך צווישען די צוויי קליינע, אידישע אינגלעך אַ דעבאַטע וועגען דער פראַגע, וואוהין עס איז גלייכער צו פאָהרען: קיין אַמעריקע אָדער קיין פּאַלעסטינע. אָבער פאַר דער גאַנצער צייט וואָס זיי זיינען געווען פאַרטיפט אין זייער דעבאַטע, איז זיי נאָכגעגאַנגען אַ פּוילישער שייגעץ פון זייער עלטער. דער שייגעץ האָט זיי נאָכגעפאָלגט ביז מאָטעלע'ס הויז, און אַזוי שנעל ווי זיי זיינען צוגעקומען צום הויז, האָט ער צו זיי אַ געשריי געטאָהן: „איהר מוזט מיט מיר שוין געהען אין דער זשאַנדאַרמעריע"! די אינגלעך דערשרעקען זיך זעהר שטאַרק, אָבער אין דער זשאַנדאַרמעריע געהען זיי ניט. אַנשטאַט דעם, לויפט יעדער איינער פון זיי צו זיך אַהיים. הינטער זיך הערען זיי דעם שייגעצ'ס סטראַשונאַק, אַז אויב זיי וועלען איצט ניט געהען מיט גוטען, וועט ער נאָך זיי שפּעטער קומען מיט זשאַנדאַרען און זיי נעהמען מיט בייזען. נאָך דער דאָזיגער

פאסירונג איז דאָס מאָטעלע אריינגעלאָפּען אין הויז צו מאַכען אליין ביי זיך אַן „אָביסק". ער האָט געזוכט צווישען זיינע לעהר־ביכער טאָמער וועט ער דאָרט געפינען עפּעס אַזוינס, וואָס קען אין די אויגען פון די פּאָליאַקען אויסקוקען טריף. אָט מיט אַזעלכע און עהנליכע אַרעסטאַנטען און „באָלשעוויקעס" זיינען געווען פול די מינסקער טורמעס.

אמת, איך האָב אין מינסק געפונען אויך אַ סך הייזער און קראָמען, וועלכע זיינען געבליבען אין דעם זעלבען צושטאַנד ווי איך האָב זיי געזעהען מיט זיבעצעהן, צוואנציג און זאָגאַר 25 יאָהר צוריק. אָבער דאָס זיינען מעהרסטענס געווען די אַלטע, האַלב איינגעפאַלענע הייזער און קראָמען. איך האָב זיי נאַטירליך געפונען נאָך מעהר פאַרעלטערט און נאָך מעהר פאַר'חרב'ט, אָבער אין אַלגעמיין זעהען זיי איצט אויס כמעט אַזוי ווי איך וואָלט זיי ערשט נעכטען געזעהען. דערפאַר אָבער, אין די הויפּט גאַסען און דוקא אויף די שענסטע הייזער און געשעפטען, האָב איך דייטליך געזעהען אַלע בלוטיגע סימנים פון דעם, וואָס מינסק און איהרע אידישע איינוואוינער האָבען דאָ איבערגעלעבט אין דער לעצטער צייט, און אין אַלע זעקס מלחמה יאָהרען.

עטליכע איבעראַשענדע באַגעגענישען מיט אַלטע זאַכען און מענשען האָב איך געהאַט באַלד דעם צווייטען טאָג פון מיין באַזוך אין מינסק. איך בין געגאַנגען אויף זבאָרעווער (פּרעאָבראַזשענסקער) גאַס, אויף דעם פּלאַץ, וואָס געפינט זיך צווישען זשענסקי מאָנאַסטיר און דעם הויז, וואו עס האָט זיך געפונען קוגעל'ס געשעפט. און ניט ווילענדיג בין איך אַרויפגעטראָטען אויף אַן אַלטען, הילצערנעם בריקעל, וואָס דעקט צו אַ רינשטאָק, וועלכער ציהט זיך פון הויף אַרויס אין גאַס אריין. ביים אַרויפטרעטען אויף דעם בריקעל האָט זיך מיין שוך אָנגעשטויסען אָן אַן אייזערנעם רינג, וועלכער איז צוגעפעסטיגט צום בריקעל, און עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג. דער קלונג האָט מיך אַזוי ווי פון שלאָף אויפגעוועקט. איך האָב דערפיהלט דעם זעלבען סאָרט סענזאַציע, ווי איך וואָלט פּלוצלונג באַגעגענט אַ גוטען, אַלטען פריינד, ווייל אָט דעם גוט־באַקאַנטען קלונג פלעג איך אַמאָל, מיט אַ יאָהר צוואנציג צוריק, הערען עטליכע מאָל אַ טאָג. נאָך אַלס יונגער אינגעל פלעגט מיר אויסקומען פאַרבייצוגעהען די דאָזיגע גאַס, צוויי, דריי מאָל אַ טאָג. איך פלעג דאַן, מעשה שטיפער, מיט אַ כוון אַ קלאַפּ טאָהן דעם רינג מיט'ן פוס כדי צו הערען זיין קלונג. איצט האָב איך גאַנץ אונגעריכטערהייד דערהערט דעם זעלבען קלונג, און אַן אַלטער ליבער ווידערקול האָט אָפּגעקלונגען אין מיין האַרצען.

באַלד נאָך דער דאָזיגער באַגעגעניש האָב איך זיך אָנגעשטויסען אָן אַ צווייטען „אַנטיק", אויך אַ גוט־באַקאַנטע אַלטע זאַך: איך האָב פון דערווייטענס דערזעהען אַ קוימען קערער מיט אַלע זיינע קלאַפּער געצייג—מיט אַ לייטער, אַ פּאָמעלע, וואָס איז געווען צוגעבונדען צו אַ לאַנגען שטעקען, מיט שטריק אויף דער פּלייצע, און

אין גאַנצען אויסגעשמירט אין סאַזשע. דער איינדרוק, וואָס דער קוימען קערער האָט אויף מיר געמאַכט איז געווען אַזאַ איבערראַשענדער, אַז איך האָב מיין מיט־געהער אַ שטאַרקען שטוים געטאָהן אין זייט און כמעט אויסגעשריען: זעהט נאָר ווער עס געהט דאָרט! אַ מינסקער קוימען קערער!

איך האָב געטראָפען זעהר אַסך באַקאַליינע קראָמען (גראָסערי סטאָרס), וואָס געפינען זיך נאָך אויף די זעלבע פּלעצער, וואו איך האָב זיי איבערגעלאָזען מיט זיבעצעהן יאָהר צוריק. און פּונקט אַזוי ווי דאַן, שטעהען פּאַר זייערע טיערען, צום גאַס אַרויסגעשטעלט, סעלצער טישלעך אויף וועלכע עס זיינען אָנגעוואָרפען עטליכע פאַרשוואַרצטע און פאַרדאַרטע קוכענס, בייגעל און אַנדערע געבעקסען, צווישען וועלכע עס שטעקט אַרויס דאָס הויכע קופּערנע העלזעל פון דעם סעלצער סיפאָן. דאָס געבעקס מיט די סעלצער רייצען איצט נאָך שטאַרקער ווי אַמאָל דעם דורשט און הונגער פון די פאַר׳חושב׳טע, פאַר׳יתום׳טע און אויסגעהונגערטע מינסקער קינדער.

כמעט גאָרנישט געענדערט אין דער אַלטער מאַרק, דער פיש מאַרק און די יאַטקעס. זיי זיינען נאָר אַביסעל עלטער געוואָרען. אַרום די דאָזיגע גוט־באַקאַנטע מינסקער אינסטיטוציעס זעהט זיך, נאַטירליך, איצט ניט מעהר דאָס אַמאָליגע רוישיגע לעבען; עס פעהלט די אַמאָליגע גוטע לייזונג; עס פעהלען די אַמאָליגע פעטע קונדען מיט די אָנגעשטאָפּטע קעשענעס; עס פעהלען די רייכע באַלעבאָסטעס, נאָך וועלכע עס פלעגען נאָכגעהען די דינסטען מיט אָנגעפילטע קאָשיקעס פון כל טוב; עס פעהלען די פרעהליכע אויסרופען: „קויפט ווייבעלעך, קויפט!“ און זאָגט אייך, וואָס איהר ווילט, עס פעהלען אויך די צאַפּעלדיגע קללות, וואָס פלעגען זיך אַזוי האַסטיג אַריבערוואָרפען פון איין קצב׳טע צו דער צווייטער און פון איין פישערקע צו דער אַנדערער . . . אָבער אין זייער פיזישען אויסזעהען זיינען אָט די אַלע פלעצער געבליבען פונקט ווי איך האָב זיי איבערגעלאָזען מיט 17 יאָהר צוריק. די גרויסע, גרויסע ענדערונג, דער גוואַלדיגער קאָנטראַסט פון אַמאָל ביז היינט, מערקט זיך אַמשטאַרקסטען אין צענטער פון שטאָדט: אויף גובערנאַטאָרסקע, זאַכאַראָווער, פּרעאָבראַזשענסקע, פּעטראָפּאַוולאָווסקע, קוידענאָווער גאַס, און אויפ׳ן הויכען מאַרק.

אויפ׳ן ראָג גובערנאַטאָרסקע און זאַכאַראָווער, דאָרט וואו עס איז אַמאָל געווען די טערקישע בעקעריי, אָדער ווי די מינסקער אידען פלעגען זיך אויסדריקען, דער טערק, דאָרט געפינט זיך איצט אויף דער גובערנאַטאָרסקער זייט פון ראָג אַ קליינער, גריכישער רעסטאָראַן, און אויף דער זאַכאַראָווער זייט פון דעם דאָזיגען, אַמאָל פריילינען קאָרנער זיינען די פענסטער אין גאַנצען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. ניטאָ שוין מעהר דער טערק אויף יענעם קאָרנער, ניטאָ מעהר זיינע „פיראָזשנעס“, זיינע „קיסלאָסלאַטקעס“ און די אַנדערע פיינע טערקישע געבעקסען. פאַרשוואונ־

דען פון מינסק איז אויך נאָך אַן ענליכע אינסטיטוציע: איך מיין דעם באַריהמטען מינסקער אייז קריעם עקספּערט, יאַקאָוולעוו. ניטאָ מעהר יאַקאָוולעוו דער מאַראָזשעניק, און ניטאָ מעהר קיין אַנשטענדיגע מאַראָזשינע. אַלץ וואָס איהר קענט דאָרט קריגען איז אַביסעל קאַלטע, פאַרוואַסערטע מילך, פאַרזיסט מיט סאַכאַרין, און דאָס רופען זיי: „מאַראָזשינע".

אויף דעם אָרט אויף דער גובערנאַטאָרסקע, וואו עס איז אַמאָל געווען אַלשוואַנג'ס גרויסער געשעפט מיט די בלענדענדע עלעקטרישע לאָמפּען, מיט די רייך־אויסגעפּוצטע פענסטער פון די לעצטע פאַריזער מאָדעס, איז איצט פּוסט און פינסטער. ס'איז דאָרט מעהר ניט באַלויכטען, ס'איז דאָרטען מעהר ניטאָ קיין סחורה אין די פענסטער, און קיינער שטעלט זיך דאָרט מעהר ניט אָפּ קוקען אויף די לעצטע פאַריזער מאָדעס. דאָרט, אין אַלשוואַנג'ס פענסטער, האָב איך איצט געטראָפען אָנגעוואָרפען אַ גאַנצען באַרג מיט פּוילישע געזעץ־ביכלעך. די ענטוי־שונג, וואָס אַנשטאַט דעם קאָלירפולען אַלשוואַנג־געשעפט, האָב איך דאָרט גע־טראָפען די פּוילישע געזעץ־ביכלעך, האָט מיר וועה געטאָהן ביז'ן בלוט, ווייל דאָס זיינען דאָך געווען די געזעץ־ביכלעך, וואָס האָבען ערלויבט אַלץ וואָס איז געמיין, העסליך און באַרבאַריש. און איצט ליגען זיי פראַנק און פריי אין די גרויסע פענסטער פון אַלשוואַנג'ס געשעפט.

מאַלאַווסקי'ס גרויסער מויער, אויף דער גובערנאַטאָרסקע, וועלכער איז אַמאָל געווען בוכשטעבליך אָנגעפּאַקט מיט סחורה פון אויבען ביז אַרונטער, איז איצט פּאָלשטענדיג פּוסט. אין די פענסטער, וועלכע זיינען אַמאָל געווען באַפּוצט מיט די פיינסטע סחורות, ליגען איצט, אָהן קיין שום אָרדנונג, עטליכע ברעטער מיט פאַרזשאַווערטע צוועקעס, וועלכע בעטען זיך דאַכט זיך ביי די פאַרבייגעהער: „קוקט ניט אויף אונז, מיר זיינען ניט געשאַפען געוואָרען פאַר דער עפענטליכקייט, און דאָ איז ניט אונזער פּלאַץ".

די שאָו־פענסטער אין כמעט אַלע פאָטאָגראַפישע סטודיאָס האָב איך געטראָפען צושמעטערטע. קיין נייע שויבען שטעלט מען ניט אריין. דער צלם וואָס געפינט זיך אויפ'ן סאַמע שפּיץ פון דעם זשענסקי מאָנאַסטיר, איז צובויגען, און קיינעם פאַלט ניט איין עס צו פאַרריכטען. אין דעם גרויסען מינסקער שטאָדט טהעאַטער שפּילט איצט אַ פּוילישע טרופּע, אָבער זעלטען ווער עס געהט אַהין, ווייל העכס־טענס פאַרמאָגט מינסק צווישען איהרע איינוואוינער ארום זעקס פּראָצענט אמת'ע פּאָליאַקען.

די באַשניע, וואו עס פלעגט אַמאָל כסדר ארומגעהען אַ וועכטער און אָנזאָגען די שטאָדט איינוואוינער, ווען און וואו עס פלעגט אויסברעכען אַ שריפה, האָבען די פּאָליאַקען אין גאַנצען אַרונטערגעריסען און די געביידע איז פאַרוואַנדעלט אין אַ

פּוילישען קלויסטער. אנגב וויל איך באַמערקען, אַז אויף קלויסטערס איז ביי זיי פאַראַן אַ גרויסע גערעטעניש.

די קאַנקע (האַרס־קאַר) ווערט נישט מעהר אָפּערירט אין מינסק. נאָר די רעלסען זיינען געבליבען אַזוי ווי אויף אָנדערנקען, אַז אַמאָל, אַמאָל איז דאָ יאָ געווען אַזאַ זאַך, וואָס האָט געהייסען „קאַנקע“. דאַכט זיך אַזאַ קליינינקייט, אַ „קאַנקע“, און דאָך איז אין שטאָדט שרעקליך איינזאַם אָהן איהר. ס'פעלט אייך דער רעגעלמעסיגער, ריטמישער קלאַפּען פון די פערדישע קאָפּיטעס אויפ'ן ברוק, ס'פעלט דער סווישטש פון דעם קאָנדוקטאָר'ס פייפעל, און דער גאַנצער טאַראַראַם, וואָס די קליינע מינסקער „קאַנקע“ פלעגט אָנמאַכען ביים דורכשניידען די מינסקער גאַסען. און אָט אַזוי, געהענדיג איצט איבער די מינסקער גאַסען, שטויסט איהר זיך כסדר אָן אָן צעהנדליגער און צעהנדליגער זאַכען, גרעסערע און קלענערע, וועלכע פעהלען אייך, און אָהן וועלכע עס איז אייך פּשוט אומעטיג אין אונזער אַלטער, באַליבטער שטאָדט.

ז.

כאָטש עקאָנאָמיש האָב איך די שטאָדט מינסק געפונען אַ רואינירטע, און די מעהרסטע מינסקער אידען אין אַ שטאַרק־פּאַראָרימטען און פּאַראַומגליקליקטען צושטאַנד, האָט מיך אָבער געזעלשאַפטליך און גייסטיג די שטאָדט גאָרנישט ענ־טוישט. פאַרקערט, זי האָט מיך זעהר אָנגענעהם איבערראַשט. אויף דעם געביט פון געזעלשאַפטליכער, גייסטיגער און קולטורעלער טהעטיגקייט איז דער שטאָדט געלונגען אויפצוהאַלטען איהר אַלטע און לאַנג־יאָהריגע טראַדיציע. טראָץ אַלע שרעקליכע יאָהרען פון קריג, פאַרשידענערליי אָקופּאַציעס, פּאָגראָמען און דער עקאָנאָמישער ירידה פון כמעט אַלע גייסטיגע און געזעלשאַפטליכע פיהרער אין מינסק, פונקציאָנירען נאָך איצט אויך אין שטאָדט אַ גאַנצע רייהע געזעלשאַפט־ליכע אינסטיטוציעס וועמענס אַרבייט און טהעטיגקייט מען מוז באַוואונדערען.

אין דעם מינסקער געזעלשאַפטליכען לעבען זיינען דאָ דריי באַשטימטע ריכ־טונגען: די קהילה ריכטונג, די ריכטונג פון די צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס, און די ריכטונג פון די אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס. די דעה איבער אַלע אידישע ענינים פּרעדענדירט צו האָבען די קהילה, ווייל לויט איהר באַהויפּטונג, איז זי די איינציגע אָפיציעלע פאַרשטעהערין פון די אידען אין מינסק. אָבער אין דער אמת'ן איז דאָס ניט אַזוי, ווייל אין די וואַהלען צו דער קהילה האָבען זיך בלויז באַטייליגט אַרום זיבען הונדערט אידען, אין דער צייט וואָס אַזעלכע, וואָס זיינען געווען באַ־רעכטיגט אַנטיילצונעהמען אין די וואַהלען, זיינען אין מינסק פאַראַן אַרום 95 טויזענד אידען. סיבות, צוליעב וועלכע ניט אַלע אידען האָבען זיך באַטייליגט אין דער אָפּשטימונג זיינען דאָ זעהר וויכטיגע. אָבער עס איז ניט מיין אויפגאַבע

זיי דאָ אויסצורעכענען. עס האָט צו טאָהן מיט די פּאָליטישע טענדענצען פון די פארשידענע סאָרטען מינסקער אידען.

דער פאקט איז, אז די קהילה איז די איינציגע געזעצליך־אַנערקענטע אידישע קערפּערשאַפט אין מינסק. די קהילה האָלט אָפּ איהרע זיצונגען אָפען און טהוט איהר ארבייט אונגעשטערט. די צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס זיינען האַלב־געזעצליך, און זיי קומט אויס אַנצופיהרען זייער ארבייט אונטער גרויסע שטערונגען. אָבער די לעצטע, די ארבייטער אָרגאַניזאַציעס, זיינען אין גאַנצען אונטערדריקט, און זייער לאַגע איז אסך ערגער ווי זי איז געווען אין די צייטען פון דער אַלטער רוסישער רעגירונג.

די קהילה פארמאָגט איהרע אייגענע קאָאָפּעראַטיווען, קאָנסום־פאַראיינען און לאַי און שפּאָר־קאַסען. יעדער מיטגליד פון אַ קאָאָפּעראַטיוו צאָהלט דרייסיג מאַרק אַ מאָנאַט „דיוס" און קויפט דאָרט זיינע פּראָדוקטען. מיט די פּראָפיטען, וואָס די דאָזיגע קאָאָפּעראַטיווען מאַכען, ווערען געשטיצט די קינדער־שולן, די קינדער־גאָרטענס, די ביבליאָטעקען און עהנליכע אינסטיטוציעס. די קאָאָפּעראַטיווען ברייגנגען אויף אַזאַ אופן אריין אַ פּראָפיט פון ארום 25 טויזענד מאַרק אַ מאָנאַט.

די צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס, ווידער, אָפּערירען אַ גאַנצע רייהע אינסטיטוציעס, וועלכע טהוען וואונדערבאַר־גוטע ארבייט. אַזוי למשל, פיהרען זיי אָן די ארבייט פון „עקאָפּאָ" (יעווריעיסקי קאָמיטעט פּאָמאָשטשי)—אידישער הילפּס קאָמיטעט, וועלכער גיט זיך אָפּ מיט אידישע פליכטלינגע; „אָזע" (אָבשטעסטוואָ זדראַוויאַ יעווריעיוו)—געזעלשאַפט אָפּצוהיטען דעם געזונט פון דער אידישער באַפעלקערונג, וואָס גיט זיך אָפּ מיט מעדיצינישע און סאַניטאַרישע ארבייטען, און „אָרט" (אָבשטעסטוואָ ראַספּראַסטראַניעניע טרודאַ)—געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטען אַגריקולטור־ארבייט און אַנדערע מלאכות צווישען אידען.

און צום סוף קומען די ארבייטער אָרגאַניזאַציעס מיט זייערע קאָאָפּעראַטיווען, ארטעלען, לאַי און שפּאָר־קאַסען, שולן, ביבליאָטעקען, און ד. ג., אויך די לעצטע פיהרען אָן אַ מערקווירדיג גוטע און נוצליכע ארבייט. אָבער צוליעב דעם, וואָס זייער אקטיוויטעט איז פאַקטיש פארבאָטען און אונטערדריקט, קען מען דאָס ניט זעהען אויף דער אויבערפלאַך.

צוליב די דריי פארשידענע ריכטונגען אין דעם אידיש־געזעלשאַפטליכען לעבען אין מינסק, פעלען דאָרט נאַטירליך ניט קיין שטענדיגע קאָנפליקטען און רייבונגען. אָבער ניט קוקענדיג אויף די דאָזיגע קאָנפליקטען און צוויסטיגקייטען, ערפילט יעדע איינציגע פון די דריי ריכטונגען אַ זעהר וויכטיגע פונקציע אין דעם איצטיגען טרויעריגען לעבען פון די אידען אין שטאָדט, און יעדע איינציגע פון זיי פאַרדינט אַ ווארימען קאָמפּלימענט. עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען, וואָס עס וואָלט

געוואָרען פון די פאַראַרימטע מינסקער איינוואוינער אָהן די דאָזיגע געזעלשאַפטען, אָהן זייערע יתומים־הייזער, קיכען, לאַי־קאַסען, קאָנסיום־קאָאָפּעראַטיווען און אַרבייטער־קאָאָפּעראַטיווען. די טהעטיגקייט פון די אויבענדערמאַנטע געזעלשאַפטען איז ניט באַגרעניצט אויף דער שטאָדט מינסק אַליין, נאָר זי נעמט אַרום דעם גאַנצען מינסקער אָקרוג, וועלכער שליסט איין אַרום 80, 90 שטעדטלעך, פון וועלכע יעדע איינציגע האָט איהר אייגענע קהילה, און אַלע קהילות צוזאַמען זיינען דורך זייערע ספּעציעלע פאָרשטעהער פאַרטראָטען אין אַ נאַציאָנאַל־ראַטה. די געזעל־שאַפט „אָזע" האָט דעריבער געעפענט אַמבולאַטאָריומס און קינדער־הילף סטאַנ־ציעס ניט נאָר אין מינסק, נאָר אויך אין סלוצק, באָריסאָוו, באַברויסק, נעסוויזש, הומען, סווילאָטש, סמילעוויטש, קלעצק, בערעזינאַ, באַראַנאָוויטש, גלוסק, סמאָ־לעוויטש, לאָהויסק, קאָידאַנאָוו, ראַקאָוו, רעבזעוויטץ, דוקאָר און אַ גאַנצע רייהע אַנדערע שטעדטלעך.

אייניגע אַזעלכע אינסטיטוציעס אין מינסק האָב איך באַזוכט און איך האָב געהאַט אַ געלעגענהייט צו זעהען ווי אַזוי זיי אַרבייטען. איך האָב באַזוכט אַלע אַמבולאַטאָריומס אין מינסק, און איך האָב דאָרט געזעהען הונדערטער מאַמעס, וואָס קומען אַהין נאָך עצות ווי אַזוי צו קאָרמענען און האָדעווען זייערע קינדער און ווי אַזוי אויף די קינדער אויפצופּאַסען בכלל. דאָרט, אין די אַמבולאַטאָריומס, באַקומען די מוטערס אויך שפּייז פאַר זיך און זייערע דערוואַקסענע קינדער. „אָזע" האָט אויך אַפּטייקען און מעדיקאַל סענטערס, וואו דער עולם באַקומט פרייע באַהאַנדלונג פון דאָקטוירים, דענטיסטען, און אויך מעדיצין.

איך האָב אויך באַזוכט די יתומים־הייזער, וואו איבער פינף הונדערט קינדער ווערען אויפגעהאַלטען. די מעהרסטע פון די דאָזיגע יתומים ערוואַרטעט מען אַרי־בערצובריינגען קיין אַמעריקע, ווייל כמעט אַלע האָבען דאָ איינעם אָדער מעהרערע קרובים. מיט איינעם אַזאַ יתום'על, וועלכער האָט אַ טאַטען אין אַמעריקע, האָב איך געהאַט אַ געשפּרעך. ער האָט זיך ביי מיר זעהר שטאַרק געבעטען, איך זאָל זעהען, אַז זיין טאַטע זאָל איהם וואָס שנעלער אַריבערנעהמען קיין אַמעריקע. און אַז איך האָב דעם אינגעלע אַ פרעגע געטאָהן, פאַרוואָס ער איילט זיך אַזוי שטאַרק צו פאָהרען קיין אַמעריקע, האָט ער מיר געגעבען דעם פאָלגענדען איבערראַשענדען ענטפער: „כדי צו מאַכען פּלאַץ פאַר אַן אַנדערען יתום'על, וואָס האָט קיין טאַטען אויך ניט".

עס האָט געראַד פּאַסירט, אַז אין דער צייט וואָס מיר זיינען אָנגעקומען אין מינסק, איז די מינסקער אידען געלונגען אַרויסצונעהמען זייער הקדש פון דעם רשות פון דער פּוילישער מאַכט. אָבער אַריבערגעהענדיג צוריק אין אידישע הענט, איז דער הקדש געווען אין אַ שוידערליך־רואינירטען צושטאַנד, און אַזוי האָב איך איהם געטראָפען. דער ניט־מינסקער לעזער דאַרף האָבען אין זינען, אַז דער הקדש

וועגען וועלכען איך דערצעהל דאָ, איז ניט דער געוועהנליכער סאָרט הקדש, וואָס מיר זיינען געוואוינט צו זעהען אין יעדער קליין־שטעדטעל, און וועלכער איז ניט מעהר ווי נישטיגער הכנסת אורחים פאַר היימלאָזע בעטלער. דער מינסקער הקדש איז אַ גאַנצער, גרויסער הויף מיט אַסך געביידעס, און עס געפינט זיך אין איהם אַ גרויסער האָספּיטאַל פאַר קראַנקע, אַ מושב זקנים פאַר אַלטע, אַ משוגעים הויז, און פאַרשידענע אַנדערע סאָרטען אַזעלכע אָפּטיילונגען. איך האָב דעם דאָזיגען מינסקער הקדש באַזוכט נאָכדעם ווי די אידען האָבען איהם צוריק איבערגענומען, און דער איינדרוק, וואָס איך האָב דערביי באַקומען איז געווען, אַז די דאָזיגע אַמאָל גוט־איינגעפונדעוועטע און גוט־איינגעאָרדענטע אידישע אינסטיטוציע איז איצט אַליין געלעגען אַ קראַנקע און אַ גוסס׳ע. עס פעלען בעטלעך און בעטגעוואַנט; עס פעלען ליילעכער, דעקעס און קישענס; קראַנקע ליגען אויף דער פּאָדלאָגע (פּלאָר), און אַלץ וואָס איז דאָ, איז אַלט, אָפּגעבליאַקירט און צעפּוילט. געהט איהר אריין אין באַגאַדעל (מושב זקנים) באַמערקט איהר באַלד דעם שרייענדען אונטערשיעד פון דעם באַגאַדעל ווי ער קוקט איצט אויס, און ווי ער האָט אויסגעזעהען מיט 17 יאָהר צוריק. ס׳דוכט זיך אייך, אַז אפילו די אַלטיטשקע אַליין זיינען איצט אַסך עלטער ווי זיי דאַרפען זיין . . . עפּעס זיינען זיי, די אַלטע, אַזוי געל און פאַרמעטיק ווי גאַרניט קיין לעבעדיגע מענשען; די איינגעבויגענע פון טיפער עלטער זיינען איצט נאָך מעהר געבויגען ווי לויט זייערע יאָהרען, און די שוואַכע זיינען אַזוי שוואַך, אַז זיי קענען קוים ריידען. צו דעם אַלעמען שפּירט זיך דאָ אַ שרעק־ליך טוכלער גערוך; איהר מוזט זיך אַלע ווייל אַ כאַפּ טאָהן פאַר׳ן נאָז. מען פיהרט אונז פון איין אָפּטיילונג אין דער צווייטער, ביז איך דערשפּיר, אַז איך קען שוין מעהר די אומגעזונטע לופט ניט אָטהעמען. איך געה אַרויס אויפ׳ן גרויסען הויף און באַטראַכט די פאַרשידענע געביידעס וואָס זיינען געשאָנקען געוואָרען דעם הקדש אַלס נדבות פון די געוועזענע מינסקער גבירים. אויף די שילדען איבער די געביידעס לייען איך די נעמען פון דעם אָדער יענעם מינסקער עושר, און איך טראַכט וועגען דער ביטערער איראָניע פונ׳ם שיקזאַל, וואָס האָט געמאַכט, אַז אַסך, אַסך פון די געוועזענע מינסקער גבירים און שטאָדט באַלעבאַטים, וועלכע האָבען מנדב געווען די דאָזיגע הייזער פאַר׳ן הקדש, וואָלטען איצט זיך געפיהלט גליקליך צו פאַרמאָגען כאָטש אַזעלכע ווינקעלעך, וואו זיי זאָלען קענען אָפּרוהען זייערע מידע צובראָכענע ביינער.

אין איין אָפּטיילונג האָט מען אונז געזאָגט, אַז דאָ געפינט זיך אַ חולה, וועמעס נאָמען איז גוט באַקאַנט צו יעדען מינסקער אידען, און צו אונז אויך—דאָס איז געווען דער באַריהמטער ציוניסט, נייפאַך, דער זעהר פּאָפּולערער, באַליעבטער כלל־טהוער, אידעאַליסט און הויפּט פּאַרוואַלטער פון דער רעמעסלענער אוטשילישטשע (טרייד סקול). נייפאַך איז דאָ איצט געלעגען ערשט נאָך אַן אָפּעראַציע. די לאַגע, אין וועלכער מיר האָבען איהם געפונען, איז געווען אַזאַ טרויעריגע, אַזאַ פּיינליך־

פּאַטעטיש, אַז סאַי ער און סאַי זיינע באַזוכער האָבן פאַרגאָסן אַסך זודיגע טרערן. נייפאַך ליגט מיט אָפּגעשניטענע פיס, אָבער דער איבערשטער טייל פון איהם איז נאָך אַלץ פאַרבליבן אַזוי אינטערעסאַנט און סימפּאַטיש, אַזוי ליכטיג און וואַרים ווי נייפאַך איז אַלעמאָל געווען. ער באַקלאָגט זיך ניט וועגן זיין אייגענעם שיקזאַל, ער באַקלאָגט זיך נאָר אויף דעם שיקזאַל פון די אַנדערע קראַנקע אין האָספּיטאַל, וועלכע האָבן ניט גענוג מילך, גענוג פרישע אייער און גענוג אויפזיכט פון דאָקטוירים און נוירסעס. איידער מיר זיינען פון דאָרט אוועק האָבן מיר איבערגעלאָזען פאַר נייפאַכ'ן צעהן טויזענד מאַרק, און פאַר'ן הקדש אַ האַלבן מיליאָן מאַרק.

דעם זעלבען טאָג האָבן מיר אויך באַזוכט אַ קינדער קאָלאָניע, וואו עס געפינען זיך עטליכע הונדערט אידישע קינדער, וואָס געניסען פון דער פרישער קאָונטרי־לופט. אויך פאַר דער דאָזיגער קינדער קאָלאָניע האָבן מיר ביינעשטייערט אַ סומע פון 20 טויזענד מאַרק.

אין מינסק זיינען דאָ נאָך אָרגאַניזאַציעס, קלענערע און גרעסערע, וועגען וועלכע מיר ווילען זיך ניט פאַרשפּרייטען, ווייל זיי האָבן ניט קיין אַלגעמיינעם כאַראַקטער. אָבער מיר ווילען דאָ דערמאָנען נאָך איין אָרגאַניזאַציע, און דוקא אַזאַ, וואָס האָט אַמאָל ניט געשפּילט קיין וויכטיגע און דירעקטע ראָלע אין דעם אידישען לעבען, איצט אָבער איז די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע געוואָרען אַ ריין־אידישע. דאָס איז די מינסקער „וואָלנע פּאָזשאַרנע אָבסטשעסטווע" (פריוויליגע פייער־לעשער געזעלשאַפט). אַמאָל האָבן צו דער דאָזיגער געזעלשאַפט באַלאַנגט אַלס מיטגלידער רוסען, אידען און אויך פּאָליאַקען. לעצטענס אָבער, צוליעב דעם, וואָס די מעהרסטע רוסען זיינען אוועק פון מינסק, און אויך צוליעב דער אָנגעצויגענער, פאַרשאַרפטער באַציהונג צווישען די אידען און די פּאָליאַקען, האָבן די לעצטע די דאָזיגע געזעלשאַפט באַיקאָטירט. איז זי געבליבען כמעט אויסשליסליך אין אידישע הענט. אַזאַ זאַך האָבן די פּאָליאַקען, נאַטירליך, ניט געוואָלט דולדען, און זיי האָבן זיך מיט'ן באָיקאָט אַליין ניט באַנוגענט. די פריוויליגע פייער־לעשער געזעלשאַפט האָט אַלעמאָל באַקומען פון דער רעגירונג אַ געוויסע סובסידיע כדי זי זאָל זיך קענען אויפהאַלטען. נו, זיינען געגאַנגען די פּאָליאַקען און האָבן אויסגעווירקט, אַז מען זאָל צוריקציהען די רעגירונגס סובסידיע, וואָס די פייער־לעשער געזעלשאַפט פלעגט באַקומען. זיינען דאָך אָבער אידען אומעטום אידען, האָבען זיי אויך געגען דער גזירה געפונען אַ מיטעל. זיי האָבען באַשלאָסען צו טאָהן דאָס, וואָס פילע אַמעריקאַנער בענעפישעל סאָסייעטיס טהוען, צו אַראַנזשירען בעלער און קאָנצערטען און מיט די פּראָפיטען פון די דאָזיגע אונטערנעהמונגען צו דעקען זייערע דעפיציטען. זיינען די פּאָליאַקען געגאַנגען אַ שריט ווייטער: זיי האָבען אַריינגעטראָגען אַ קלאַגע צום שטאָדט פּאָליצמייסטער, אַז די וואָלנע פּאָזשאַרנע אָבסטשעסטווע ווערט אויפגעהאַלטען פון אידיש געלד, און

פאַלגליך איז זי נישט קיין לאַיאַלע און נישט קיין פּאַטריאַטישע געזעלשאַפט, און מוז אויפגעלייזט ווערען. דער סוף איז געווען, אז דער פּאָליצמייסטער האָט טאַקע דער דאָזיגער געזעלשאַפט געלאָזט וויסען, אז ער וועט זי צומאַכען.

האָבען דאָך אָבער אידען אַ גאָט אויף דער וועלט, האָבען זיך די אידישע פריי־ווילינע פייער־לעשער דערמאַנט, אז זיי האָבען ערגעץ אַן אַלטען מנהג וועלכער לויטעט, אז דער עהרען פּרעזידענט פון די פייער־לעשער דאַרף זיין דער גובער־נאַטאָר פון מינסק. איז אַ גרויסע קאָמיטע פון דער אידישער פייער־לעשער געזעל־שאַפט טאַקע באַלד אוועק צום גובערנאַטאָר, איהם דערצעהלט וועגען דעם דאָזיגען אַלטען מנהג זייערען, און איהם געבעטען צו ווערען זייער עהרען פּרעזידענט. דער גובערנאַטאָר האָט די בקשה גלייך באַוויליגט, און אויף מאָרגען איז די וויכטיגע פּאַסירונג, אז ניט קיין אַנדערער ווי דער גובערנאַטאָר אַליין איז געוואָרען דער עהרען פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט פון די פרייוויליגע פייער־לעשער, באַקאַנט געמאַכט געוואָרען דורך אַלע צייטונגען. בקיצור, דער פּאָליצמייסטער איז גע־בליבען מיט אַ נאָז.

ז.

די דוקאָרער אידען, פאַר וועלכע מיר האָבען געהאַט געלד, האָבען מיר כמעט אַלעמען געזעהען פּערזענליך. איך האָב עטליכע מאָל זיך געזעהען און גערעדט מיט'ן דוקאָרער רב, ר' נסן טעלושקין, אַ זעהר סימפּאַטישער און וואַרימער מענש. די דוקאָרער אידען זיינען נאַטירליך אין דעם איצטיגען גיהנום פון פּוילען ניט קיין אויסנאַהם. זיי, פּונקט ווי אַלע אידען אין פּוילען, האָבען געהאַט זייער אַלגעמיינע פּאַרציע צרות. אָבער אחוץ די אַלגעמיינע צרות איז זיי אויך אויסגעקומען צו ליידען פון אַ ספּעציעלער, דוקאָרער, אידישער צרה. דאָס איז געווען נאָך מיט אַ געוויסער צייט פאַר אונזער קומען.

די דוקאָרער אידען האָבען פון זייערע לאַנדסלייט און ברידער אין אַמעריקע באַקומען אַ סומע געלד, וואָס האָט באַטראָפען הונדערט מיט זעכציג טויזענד מאַרק. האָט זיך די פּוילישע נאַטשאַלסטווע דערפון דערוואוסט און זיי האָבען זיך אַ נעם געטאָהן אויסצוטראַכטען אַ טייפעלשען פּלאַן ווי אַזוי אָוועקצונעהמען די דאָזיגע סומע געלד ביי די אידען. איז זיי איינגעפאַלען דער שוין־אַלטער, גוט־באַוואוסטער מיטעל: זוכען ביי די אידען באָלשעוויקעס. איז דאָך אָבער דוקאָר אַ קליין שטעד־טעל, קיין יונגעלייט זיינען שוין דאָרט כמעט אין גאַנצען ניטאָ, און דאָס ביסעל, וואָס איז נאָך פאַרבליבען, ווייס קינד און קייט אז זיי זיינען ניט קיין באָלשע־וויקעס—ווערט אָבער די פּוילישע מאַכט דערפון ניט נתפעל און זי גיט זיך די פאָלגענדע עצה: זי גראָבט אויס פון ערגעץ־וואו עטליכע נעמען פון אידישע יונגע־לייט, וואָס זיינען אַנטוועדער שוין לאַנג אין אַמעריקע, אָדער געשטאָרבען מיט אַ צייט צוריק טאַקע דאָ אין דוקאָר גופא, און זי גיט אַרויס אַ באַפעהל אז די אידישע

קהילה פון דוקאָר זאָל איהר אַרויסגעבען די דאָזיגע יונגעלייט . . . אומזיסט איז דאָס געבעט און געוויין פון דער גאַנצער אידישער געמיינדע. עס העלפט אויך ניט די שבועה פון דעם רב און אַנדערע אָנגעזעהענע באַלעבאַטים. די פּוילישע זשאַנדאַרען ענטפערען פעסט און שטאַרק: „אָדער איהר גיט אונז אַרויס די דאָזיגע באָלשעוויקעס, אָדער דאָס גאַנצע שטעדטעל וועט אַוועק מיט'ן רויך און איהר אַלע וועט דערשאָסען ווערען“.

לאַנגע, שווערע און ביטערע טעג האָבען די דוקאָרער אידען דורכגעמאַכט, טעג פון שתדלנות, געבעט און געוויין, ביז ענדליך, נאָך אַסך מאַטערניש און קלאָג, האָבען זיי באַקומען פון דער פּוילישער מאַכט די פאָלגענדע קאָנצעסיע: אויב איהר ווילט, אַז מיר זאָלען פון אייך אַרונטערנעהמען די גזירה, מוזט איהר גלייך צו־שטעלען אַ סומע פון הונדערט זעכציג טויזענד מאַרק (פּונקט די סומע, וואָס זיי האָבען באַקומען פון אַמעריקע). די דוקאָרער אידען האָבען נאַטירליך ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה, פאַרקערט, זיי האָבען פרייער אָפּגעאָטעמט, און זיי האָבען זיך וועקגעלאָזען איבער'ן שטעדטעל צוזאַמענקלייבען דאָס ביסעל אָרימע שטיצע, וואָס יעדער איינציגער פון זיי האָט באַקומען פון זיין אַמעריקאַנער קרוב. און אַז דאָס בלוטיגע געלד איז צוזאַמענגעקליבען געוואָרען, האָט מען דאָס אַוועקגעטראָגען צו דער פּוילישער מאַכט און פּטור געוואָרען פון אַ צרה. אָבער דערפאַר קענען איצט די טויטע „באָלשעוויקעס“ ווידער ליגען רוהיג אין זייערע קברים . . .

אין ראַקאָוו זיינען דאָ צוויי רבנים. איינער פון זיי איז דער יונגער קאַלמאַ־נאָוויטש, אַן איידים פון דעם אַלטען ראַקעווער רב. ער איז זעהר אַ פעהיגער יונגערמאַן, שעהן און לעבעדיג, און איז טהעטיג ניט נאָר אין דער קהילה, נאָר אויך אין אַלע אַנדערע אידישע ענינים. ווען ער רעדט, באַווייזען זיך צוויי שורות שנעע־ווייסע ציינער, און די ווערטער קייקלען זיך ביי איהם פון מויל ווי פּערל. ער רעדט אַ מערקווירדיג שעהנעם אידיש און ווייזט אַרויס קענטשאַפט אין אידישע ליטעראַטור בפרט און וועלט־ענינים בכלל. ער איז מעהר ענליך צו אַ היינט־וועלטיגען, הויך־ענטוויקעלטען, גוט־באַלעזענעם און פעהיגען אַמעריקאַנער סעלפ־מאַן, ווי צו אַ קליין־שטעדטעלדיגען רב. אַט דער רב האָט נאַטירליך אַ גרויסע נאַכפאָלגערשאַפט. אָבער ער האָט אויך זיינע געגנער (אפשר דערפאַר, וואָס ער איז אַביסעל צו היינטוועלטיג). און דעריבער האָט ראַקאָוו נאָך אַ רב, כאָטש אויסהאַלטען קען זי אפילו איינעם אויך ניט.

וועגען די צוויי געגנערישע צדדים אין ראַקאָוו האָבען מיר זיך דערוואוסט, ווייל מיר האָבען פאַר דער דאָזיגער שטעדטעל געבראַכט געלד פון זייער אַמערי־קאַנער לאַנדסמאַנשאַפט, און ביים פאַרטיילען דאָס געלד האָבען מיר צוליעב דעם געהאַט געוויסע שוועריגקייטען. ביי דער געלעגענהייט האָט דער יונגער רב אָנ־געווענדעט אַלע זיינע פעהיגקייטען צו געווינען אונז אויף זיין זייט, און מען מוז

צוגעבען, אַז ער האָט זיין צד זעהר שטאַרק און פעהיג פאַרטראָטען. אָבער מיר, די „אַמעריקאַנצעס“, האָבען זיך ניט געלאָזט צו־שטאַרק בעאיינפלוסען פון קיין צד, און מיר האָבען פאַרגעשלאָגען אַ געוויסען קאָמפּראָמיס וועלכער איז אָנגענומען גע־וואָרען פוןביידע צדדים.

אויך ראַקאָוו האָט געהאַט איהרע טרויעריגע ערפאַהרונגען מיט דער פּוילישער מאַכט. איינע פון די דאָזיגע ערפאַהרונגען וועל איך איבערגעבען. דאָס איז געווען אַרום פסח־צייט: אַ וואַרימער פריהלינג־ווינטעל האָט אַ בלאָז געטאָהן אויפ׳ן שטעדטעל, און די ראַקאָווער אידישע יוגענד האָט זיך שטאַרק פאַרביינקט נאָך אַן אַמאָליגען, אידישען צייט־פאַרטרייב—עפּעס אַ פּורים שפּיל. האָט יונגוואַרג באַ־שלאָסען דורכצופיהרען אַ „מכירת יוסף“ ־ פאַרשטעלונג. דאַרף מען דאָך אָבער מאַכען רעפּעטיציעס, איז וואו זאָל די ראַקאָווער יוגענד מאַכען די רעפּעטיציעס פאַר איהר פאַרשטעלונג, אַז קיין ספּעציעלע זאַלען פאַר אַזעלכע סאָרטען זאַכען זיינען אין שטעדטעל ניטאָ? באַשליסט מען: אין וואַלד, הינטער׳ן שטעדטעל. באַשלאָסען, און טאַקע באַלד געטאָהן. עטליכע צעהנדליג פון זיי מאַרשירען פרעה־ליכע, לוסטיגע אַוועק אין וואַלד און מען נעמט זיך מאַכען פּראָבע. אָבער עס גע־דויערט ניט קיין שטונדע און דער וואַלד ווערט אַרומגערינגעלט פון פּוילישע סאָל־דאַטען, דאָס יונגוואַרג, אַרום 26 אין צאָהל ווערט אַרעסטירט. און אַזוי ווי עס איז קריגס־צייט, ווערען זיי אַלע געשטעלט פאַר אַ פעלד־געריכט און זיי ווערען אַלע פאַראורטיילט צום טויט, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס צווישען די אַרעס־טירטע געפינען זיך זעקס קינדער אונטער צעהן יאָהר אַלט. ביי דער געלעגענהייט האָבען מיר ווידער געזעהען דעם יונגען ראַקאָווער רב מיט נאָך עטליכע ראַקאָווער באַלעבאַטים, וועלכע האָבען געאַרבייט ווי די ביהנען צו באַפרייען די דאָזיגע 26 „פאַרברעכער“.

די שווערסטע פּראָבלעם פאַר אידען אין פּוילען, אונטער די היינטיגע אומ־שטענדען, איז ווי חתונה צו מאַכען אַ טאָכטער. פעהיגע יונגעלייט זיינען איצט אַן אבן טוב אין פּוילען. און אַז מען כאַפּט שוין אַזאַ יונגענמאַן, דאַרף מען איהם פּשוט אָפּגילטען אַז ער זאָל חתונה האָבען מיט אייער טאָכטער. איהר מוזט אַזאַ יונגענמאַן צוטראָגען אַן אָנגעזעהענעם נדן. דער בעסטער סאָרט נדן איז איצט אין פּוילען—אַ בהמה, ווייל פון אַ בהמה קען מען שוין ווי עס איז ציהען אַ שטיקעל חיונה. און אויף אַזאַ סאָרט נדן קוואַפּען זיך איצט דאָס רוב יונגעלייט.

אַ געוויסער זשעטלער איד האָט געהאַט אַ טאָכטער, וואָס איז געשטאַנען אין שדוכים, און גראָד האָט דער דאָזיגער איד אויך פאַרמאָגט אַ בהמה. האָט זיך טאַקע געמאַכט אַ שדוך פאַר זיין טאָכטער און ס׳איז געפּראַוועט געוואָרען תנאים. אָבער חתונה האָבען האָט זיך פונדעסטוועגען דער חתן ניט געאיילט, ווייל ער האָט אין דעם נדן געפונען אַ גרויסען חסרון. דער חסרון איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס

די תנאים זיינען געשריבען געוואָרען אין אָנפאַנג ווינטער, ווען די בהמה האָט זיך געפונען אין דעליקאַטע אומשטענדען, און מען האָט פון איהר ניט געקענט ערוואַרטען קיין מילך ביז אַרום פסח־צייט. האָט דער חתן אויסגערעכענט, אז איצט חתונה צו האָבען וועט זיך איהם ניט לוינען, ווייל ער וועט אומזיסט דאַרפען קאָרמענען די בהמה. האָט ער געזאָגט דעם מחותן: „חתונה האָבען יאָ, אָבער נאָך פסח, ווען די בהמה וועט שוין זיין אָן אָפּגעקעלבט". איז דעם מחותן ביטער געוואָרען אויפ'ן הארצען, אָבער וואָס האָט ער געקענט טאָהן? האָט ער געוואַרט.

און אז ווינטער איז אַוועק און די בהמה האָט זיך שוין בשלום אָפּגעקעלבט, האָט דער כלה'ס טאַטע פּלוצלונג חרטה געקראָגען אויפ'ן שדוך. זיין טענה איז געווען, אז היות, אַזוי ווי ער האָט דעם גאַנצען ווינטער אויסגעהאַלטען די בהמה, וויל ער זי איצט, ווען זי גיט שוין מילך, ניט אַוועקגעבען. צוליעב דעם האָט זיך צווישען דעם חתן און דעם מחותן ענטוויקעלט אַ קריג אויף לעבען און טויט. דער קריג האָט זיך אַזוי שטאַרק צופלאַקערט, אַז דער מחותן האָט דעם חתן פאַר'מסר'ט אַלס באָלשעוויק צו דעם זשאַנדאַר פון שטעדטעל, און דער חתן איז אַרעסטירט געוואָרען. אַזאַ מיאוס'ע מסירה האָט אָבער דאָס שטעדטעל ניט געקענט אַריבערטראָגען, און די גאַנצע עדה אידען איז אַוועק צום זשאַנדאַר און איהם דערצעהלט די אמת'ע מעשה, און דערביי געשוואוירען, אַז דער יונגערמאַן איז ניט קיין באָלשעוויק. די שעהנע האַנדלונג פון דער עדה אידען האָט אפילו ביי דעם פּוילישען זשאַנדאַר אויפגעוועקט אַ פונק פון יושר און ער האָט ניט נאָר דעם יונגענמאַן באַפרייט, נאָר ער האָט נאָך אַרויסגעגעבען דעם פאָלגענדען אורטייל: דער מחותן מוז דעם אונשולדיגען יונגענמאַן אַוועקגעבען די טאָכטער, די בהמה און דערצו נאָך אויך דאָס ניי־געבוירענע קעלבעלע.

אויך פון קאָידאַנאָוו זיינען צו אונז געקומען כמעט אַלע פּאַר וועמען מיר האָבען געהאַט געלד אָדער גרוסען. מיר האָבען אויף דעם אופן געזעהען דעם רב פון שטעדטעל, ר' יחיאל העלער, און די אַנדערע פאָרשטעהער פון דער קאָידאַנאָווער קהילה. דורך קאָידאַנאָוו זיינען מיר אויך צוויי מאָל דורכגעפאָהרען אויף אונזער רייזע קיין מינסק און צוריק. לעבען קאָידאַנאָוו האָבען מיר געזעהען די אָקאָפּעס (טרענטשעס), וואָס זיינען דאָרט פאַרבליבען פון דעם דייטש־רוסישען קריג. קיין בעסערע אָקאָפּעס ווי די, וואָס די דייטשען האָבען דאָרט איבערגעלאָזען, דאַרף מען אפּנים ניט, ווייל אַלע אַרמייען, וואָס שלאָגען זיך דאָרטען נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג, באַנוצען זיך מיט די זעלבע טרענטשעס. דאָס זיינען פעסט געבויטע טרענטשעס מיט פענסטער, וואָס זיינען כמעט אַזוי ווי רעגולערע וואוינונגען. זיי זיינען באַדעקט און פאַרוואַקסען מיט גראָז אַזוי, אַז פון דער ווייטענס איז שווער צו וויסען, וואָס זיי זיינען און וואו זיי זיינען.

מיינענדיג אַז מיר, די אַמעריקאַנער שלוחים, וועלען ביים אויסצאָהלען דאָס געלד דאַרפען באַשעפטיגען אַסך מענשען, האָבען זיך צו אונז געווענדעט אויך

איניגע קאָידאַנעווער יונגעלייט נאָך אַרבייט. זיי האָבען דערביי גע'טענה'ט, אַז זיי האָבען ניט פון וואָס צו לעבען. אָבער צום באַדויערען האָבען מיר זיי קיין באַשעפטיגונג ניט געקענט געבען, ווייל אַפּליקאַנטען פאַר דאָס ביסעל אַרבייט, וואָס מיר האָבען יאָ געהאַט, זיינען צו אונז געקומען אין די הונדערטער. צווישען די אַפּליקאַנטען האָבען זיך געפונען אַסך מינסקער סטודענטען, וועלכע האָבען נאָך געטראָגען זייערע אַלטע סטודענטישע מונדירען, און אַנווייזענדיג אויף זייערע אַלטע צוריסענע שיך האָבען זיי געבעטען אַרבייט. אַסך, אַסך אַזעלכע אַפּליקאַנ־טען האָבען מיר געהאַט, וואָס האָבען געבעטען עפּעס צו טאָהן, ניט חלילה קיין נדבות, נאָר אַרבייט. מיט אַ נדבה וואָלט איהר זיי באַליידיגט. אָבער מיט עטליכע גראָשען צו פאַרדינען וואָלט איהר זיי דערהויבען ביז'ן זיבעטען הימעל.

אַ אידישער יונגערמאַן, אַ פּיאַניסט, וואָס איז צוזאַמען מיט אונז געפאָהרען קיין אַמעריקע, האָט מיר דערצעהלט די פאָלגענדע מעשה: ער קומט פון אוזדע, וואו ער האָט פאַרמאָגט אַ גוטע פּיאַנאָ, אויף וועלכער עס האָבען געוואָרפען אויגען עטליכע פון די אוזדער פּוילישע טשינאָווניקעס. נאָר אַזוי ווי ער אַליין איז מיט זיי, מיט די טשינאָווניקעס, געווען נאָהענט באַקאַנט, האָבען זיי זיין פּיאַנאָ ניט געטשעפּעט. אָבער אין דעם טאָג, וואָס ער האָט באַשלאָסען אַוועקצופאָהרען קיין אַמעריקע, האָט ער זיין פּיאַנאָ פאַרקויפט צו אַ צווייטען אוזדער אידען. דעם זעלבען טאָג האָט ער באַגעגענט איינעם פון זיינע באַקאַנטע פּוילישע טשינאָווני־קעס, וועלכער האָט איהם געזאָגט: „איצט, אַז דו פאָהרסט אַוועק, וועל איך שוין שפּילען אויף דיין פּיאַנאָ“.

צוריקפאָהרענדיג פון מינסק קיין וואַרשע, האָב איך אויף אַ געוויסער סטאַנ־ציע, וואו דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, צוגעזעהען די פאָלגענדע סצענע: קליינע שיקסעלעך דרייען זיך אַרום ביי דער סטאַנציע און לייגען פאַר די פּאַסאַזשירען פּאָזשימקעס צום קויפען. ניט ווייט פון די שיקסעלעך שטעהט אויך אַ אידישער אינגעלע, אַרום 10 יאָהר אַלט, וועלכער פאַרקויפט קוואַס. נעמט אַ פּוילישער סאָלדאַט ביי דעם אידישען אינגעלע אַ באַטעל קוואַס, טרינקט עס אויס און געהט אָהן צערעמאָניעס אַוועק. לויפט דער צעהן־יאָריגער אידישער פּרנסה־זאָרגער נאָכ'ן סאָלדאַט און בעט זיך ביי איהם מיט אַ ביטערען געוויין, אַז ער זאָל איהם באַ־צאָהלען פאַר'ן קוואַס און דער סאָלדאַט קוקט זיך אַפילו ניט אום אויף איהם. אָבער אַזוי שנעל ווי דער צוג האָט זיך אַ ריהר געטאָהן האָט זיך דער סאָלדאַט פּלוצלונג אומגעדרעהט מיט'ן פּנים צום וויינענדיגען אינגעלע, האָט ביי איהם אַרונטערגעריסען זיין קליין היטעלע פון קאָפּ און מיט דער היטעלע אין האַנד שפּרינגט דער סאָלדאַט אַרויף אויף די טרעפּלעך פון וואַגאָן און פון דאָרט פּאַטשט ער מיט דעם אינגעל'ס היטעלע אין דער לופטען און רייצט זיך מיט איהם. מיין איך נאָך אַלץ, אַז דאָס איז ביי דעם פּוילישען גראַביאַן אַ שפּאַס אַזאַ. אָבער אַט האָט זיך דער צוג אָנגעפאַנגען צו באַוועגען שנעלער, אַט לויפט ער שוין גאַנץ

שנעל און דאָס אינגעלע מיט זיינע לעצטע כחות לויפט נאָך אַלץ נאָך נאָכ׳ן פּלי־ענדען צוג און מיט באַנומענע קולות בעט ער זיך ביים סאָלדאַט, אַז ער זאָל איהם כאָטש אָפּגעבען דאָס היטעלע. אָבער דער סאָלדאַט פּרעגעלט זיך פּשוט אין נחת פון זיין גוואַלדיגער חכמה און דאָס היטעלע בלייבט ביי איהם, ביים סאָלדאַט, אין האַנד.

אויב איהר מיינט, אַז אַזעלכע העסליכע און ברוטאַלע סצענעס קומען פאָר נאָר ערגעץ אויף אַ פאַרוואָרפענער סטאַנציע, אָדער אין דער ווייטער פּראָווינץ, מאַכט איהר אַ טעות. איך האָב אין רעכטען מיטען וואַרשע, דער פאַריז פון פּוילען, אויף איינער פון די קאָכעדיגסטע גאַסען, אַרום דער געגענד פון דעם גרויסען טהע־אַטער, מיט מיינע אייגענע אויגען געזעהען ווי אַ הויך־געוואַקסענער, שטאַרק־אָפּגעפרעסענער פּאָזניאַנשטשיק האָט פון זיין כאַלאַווע אַרויסגעשלעפּט אַ לאַנגען מעסער, און מיט׳ן מעסער אין האַנד איז ער האַרט און כאַמסקע נאָכגעגאַנגען אַ אידען מיט אַ באָרד און האָט זיך מיט איהם בלויז גערייצט . . . ער האָט איהם געהאַלטען אין סטראַשען מיט׳ן מעסער, אַז ער וועט אָט טאַקע דאָ אין מיטען גאַס, איהם אָפּשניידען די באָרד. דער איד, אַ בלאַסער, אַ צושראָקענער, האָט זיך גע־לאָזט לויפען אין פאַראויס, און דער סאָלדאַט לויפט איהם נאָך און רייצט זיך מיט איהם מיט אַ ווילדער רציחה. און דאָס איבערראשענדסטע פאַר מיר איז געווען, וואָס אין אָט דער פאַראַדנער גאַס פון וואַרשע, וועלכע איז אָנגעפילט געווען מיט וואַזשנע אויסגעפּוצטע פּוילישע דזשענטעלייט, האָט זיך ניט געפונען קיין איינער, וואָס זאָל געגען דעם פּראָטעסטירען; פאַרקערט, די מעהרסטע פון זיי האָבען פון דער סצענע ווילד הנאה געהאַט.

אין אַלגעמיין איז דאָס לעבען פון די אידען אין די קלענערע שטעדטלעך אַביסעל בעסער ווי אין די גרעסערע שטעדט. דאָס איז אַ דאַנק דעם, וואָס זיי געפינען זיך נעהענטער צו די דערפער און קענען דערפאַר לייכטער באַקומען שפּייז־פּראָדוקטען. אָבער כמעט אַלע אידען, סיי פון די קלענערע שטעדטלעך און סיי פון די גרעסערע שטעדט, בעטען זיך, אַז זייערע קרובים זאָלען זיי אריבערנעהמען קיין אַמעריקע. דער געשריי פון אַלעמען איז: „זאָגט אונזערע קרובים, אַז זיי זאָלען אונז וואָס גיכער צונעהמען פון דאַנען . . .“

אַזוי איז דאָס געווען אין דעם שרעקליכען יאָהר 1920. און היינט, 16 יאָהר שפּעטער, קלינגט נאָך אַלץ דער זעלבער אַלגעמיינער אידישער וועה־געשריי פון פּוילען: „זאָגט אונזערע קרובים, אַז זיי זאָלען אונז וואָס גיכער צונעהמען פון דאַנען . . .“

אין פּוילען האָט זיך קיין זאַך ניט געענדערט, אחוץ וואָס די שלעכטע זאַכען זיינען געוואָרען נאָך ערגער.

ח.

אַלרייטניקעס

די פאָלגענדע, קורצע כאַראַקטעריסטיק פון דעם טיפּ אַרויפגעאַרבייטע אידישע אימיגראַנטען, וועלכע געגאַנגען אַב. קאַהאַן האָט געמאַכט אונשטערבליך מיט דעם נאָמען „אַלרייטניקעס“ וואָס ער האָט זיי געגעבען, איז געשריבען געוואָרען מיט וואָסערע 16 יאָהר צוריק. איך ווייס ניט אויב אויך היינט, מיט 16 יאָהר שפּע־טער, געפינט מען נאָך אַסך אידען פון דעם דאָזיגען טיפּ. איך האָף, ווייל עס ווילט זיך מיר האָפען, אַז די צייט, וועלכע ענדערט אַלצדינג, האָט אויך געענדערט און אויסגעמענשעלט אונזערע „אַלרייטניקעס“—הגם איך בין זיכער, אַז אַ טייל פון זיי זיינען נאָך אַלץ געבליבען די זעלבע ווילדע, אונציוויליזירטע ברואים ווי זיי זיינען געווען אין יענער צייט, ווען איך האָב זיי געזעהען פאָהרענדיג אויף זייערע „פּלעזשור־טריפּס“ קיין איירָאָפּאַ.

אָבער אַזוי צי אַזוי, בין איך אָבער זיכער, אַז די אידישע „אַלרייטניקעס“ וואָס האָבען זיך געיאָוועט אין דער פּראָספּעריטי־צייט, שטעלען מיט זיך פאָר אַ בלעטעל אידיש־אַמעריקאַנישע געשיכטע, וואָס עס וואָלט געווען אַ שאָד, ווען עס זאָל פאַרלוירען געהן. די „אַלרייטניקעס“ זיינען איינע פון די מערקווירדיגסטע טיפּען אידען, וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסען אין דעם אַמעריקאַנער אידישען ישוב, און אַ דאַנק זייער געלד איז אויך זייער עקאָנאָמישער איינפלוס אויפ׳ן אידישען לעבען געווען גענוג וויכטיג, אַז זיי זאָלען פאַרדינען אַ שטיקעל מצבה אין דער אידישער געשיכטע פון אַמעריקע.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז דער פאָלגענדער אַרטיקעל האָט נישט קיין שום פּרע־טענזיעס אויף אַ היסטאָרישער אָפּהאַנדלונג וועגען דעם דאָזיגען טיפּ. עס איז בלויז אַ קליינער סילועט פון עטליכע פאַרשוינען וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר׳ן גאַנצען „אַלרייטניק“־טיפּ. און אפשר וועט דאָס אַמאָל דינען אַלס אַ קליינע הילף פאַר דעם געשיכטע שרייבער, וואָס וועט זיך אַמאָל נעהמען די מיה צו שריי־בען די אמת׳ע, פולע געשיכטע פון די אידישע „אַלרייטניקעס“ אין אַמעריקע.

* * *

ניט אַלע מאָל בין איך געווען אַ רייזענדער. ערשט מיט אַ קורצער צייט צו־ריק האָב איך זיך אָוועקגעלאָזט אויף אַ וויטער נסיעה. ביז דער דאָזיגער נסיעה מיינער בין איך געווען אַ היימישער מענש. איך האָב זיך שטענדיג געפונען צווי־שען אַ געוויסען קרייז מענשען און האָב געזעהען די מעלות אָדער חסרונות פון נאָר אָט דעם קרייז. די איינציגע געלעגענהייט, וואָס איך פלעג פריהער האָבען

זיך גוט צוקוקען צו אַ פרעמדען עולם, איז נאָר געווען ווען איך פלעג פאָהרען צו און פון דער אַרבייט. פאָהרענדיג אַזוי יעדען פריהמאָרגען מיט דעם דריטען עוועניו „על“, פלעגט מיר אָפט אויסקומען צו באַמערקען, ווי אַזוי עס פיהרען זיך אויף אויף אַזעלכע רייזעס געוויסע אידישע מיידלעך, וואָס מיינען, אַז זיי זיינען הונדערט פּראָצענט אַמעריקאַניזירט. איינמאָל האָב איך געזעהען אַזאַ סצענע:

אויף אַ געוויסען סטיישאָן האָבען זיך עטליכע אַזעלכע מיידלעך מיט אַ געפילדער און טומעל אַריינגעשטויסען אין קאַר. זיי האָבען זיך גע׳חכמה׳עט הויך אויפ׳ן קול און זיך גלייך אַ נעהם געטאָהן קיבעצען די מענער, וואָס זיינען געזעסען און געלייענט זייערע צייטונגען. זיי האָבען אַזוי לאַנג געפּראַוועט זייערע שטוקעס, ביז איינער פון די מענער איז געווען געצוואונגען אויפצוהערען לייענען זיין צייטונג. ער האָט זיך מיט כעס אויפגעהויבען פון זיין אָרט און איז אַוועק אין אַן אַנדער ווינקעל פון קאַר. אַזוי שנעל ווי דער מאַן האָט זיך אַ ריהר געטאָהן פון זיין פּלאַץ, האָט זיך דער גאַנצער קנויל מיידלעך מיט אימפּעט אַ לאָז געטאָהן צו דעם ליידיגען אָרט, און זייער געלעכטער איז געוואָרען נאָך הילכיגער און טומעלדיגער. די אויפרעגונג צווישען די אַרומיגע פּאַסאַזשירען וואָס האָבען געלייענט צייטונגען איז געוואַקסען. דאָס מיידעל וועלכע האָט פאַרכאַפּט דעם אָרט האָט פאַרגעזעצט איהר שמועס מיט איהרע חבר׳טעס, און דער געשפּרעך איז געפיהרט געוואָרען הויך אויפ׳ן קול, פּונקט אַזוי ווי זייער געלעכטער. די וואָס איז געזעסען האָט גענומען דערצעהלען ווי אַזוי איהר „טשאַרלי“ האָט ביי איהר פאַרבראַכט נעכטען אָווענט, ווי אַזוי ער שטאַרבט פּשוט נאָך איהרע טריט, און פאַרשידענע אַנדערע אַזעלכע אינטימע זאַכען פון וועלכע דעם אַרומיגען עולם האָט פּשוט געעקעלט.

איך האָב זיך גוט צוגעקוקט צו דער גרופּע מיידלעך און איך האָב באַמערקט, אַז כמעט אַלע זיינען זיי געווען אָפּגעמאָהלען אויף אַ געוויסען גלייכען אופן: די נעזער און מאָרדעס ווייס, די באַקען און ליפּען רויט, די האָר אַרום די אויערען אַרונטערגעצויגען אַזוי ווי פּאות, און אַפילו די ברעמען און אויגען זיינען געווען אַזוי צוגעפּיקסט ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט. אָבער דערפאַר זיינען זייערע העלזער און צייהן געווען אַ היבש ביסעל פאַרנאַכלעסיגט. אין מיין אויפרעגונג האָט זיך מיר געוואָלט אויסשרייען: געוואַלד, מיידלעך! פאַרוואָס וואַשט איהר ניט אַביסעל פלייסיגער אייערע העלזער, אַנשטאַט זיך צו פאַרשמירען די פּנים׳ער? פאַרוואָס רייניגט איהר ניט אַביסעל אָפטער אייערע צייהנער, אַנשטאַט שמירען די ליפּען און ברעמען? פאַרוואָס רעגט איהר אויף די אַנדערע פּאַסאַזשירען מיט אייער טומעל און ליאַרעם אַנשטאַט צו זיצען רוהיג און געלאַסען ווי מענשען?

מיינע געפיהלען צו די שרייערקעס האָב איך נאַטירליך ניט אויסגעדריקט. איך האָב אָבער געטראַכט: עס פּאַסירט דאָך זעהר אָפט, אַז דו באַגעגנסט פּונקט אַזאַ טומעלדיגען בינטעל שיקסעס, טאָ פאַרוואָס ווערסטו דאַן ניט אַזוי אויפגע־

רעגט? און איך ענטפער זיך אליין: די אויפפיהרונג פון די שיקסעס ארט מיך ניט. זיי זיינען ניט „מיינע". און בשעת מעשה איז מיר איינגעפאלען, אז פאר אידישע מיידלעך פאסט בכלל ניט אזא חוצפה'דיגע אויפפיהרונג. אידישע טעכטער מאכען אסך א בעסערען איינדרוק מיט געלאסענקייט און צנועה'דיגקייט. און מיר האט אויסגעוויזען, אז איך זעה פאר זיך דעם יונגען דור אמעריקאנער אידישע מיידלעך ניט אין זייער אייגענער ראלע און ניט אין דעם ריכטיגען ליכט. כ'איז ניט עכט. ס'איז „געמאכטע" נאכמאכעכץ, ביליגע אימיטאציע.

א קורצע צייט שפעטער איז מיר אויסגעקומען צו פאהרען אפטאון, אויף דעם זעלבען דריטע עווענין „על", וואו איך האב זיך אנגעשטויסען אויף אן אנדער בילד:

די דריטע עווענין עלעוויטעד ליין איז געווען פארבלאקירט. די טריינס האבען זיך געשלעפט אויסערגעוועהנליך לאנגזאם. אין איין סעקונדע האט זיך דער טריין באוועגט, און באלד, אין דער צווייטער סעקונדע, איז ער געבליבען שטעהען. די פאסאזשירען זיינען געווען שטארק נערוועז. די מעהרסטע זיינען געווען הונגעריג און האבען זיך געאיילט צו קומען אהיים. יעדע מינוט האט זיך איינער פון זיי א ריס געטאהן מיט כעס פון ארט און ארויסגעקוקט ווער דורך א טהיר, ווער דורך א פענסטער, און אזוי ווי געזוכט דעם שולדיגען, וואס האט איהם פארהאלטען אין מיטען וועג.

לכתחלה האבען די פאסאזשירען אויפגענומען די זאך גוטמוטהיג. זיי האבען זיך געוויצעלט, געקיבעצט די קאר קאמפאניע און געלייענט זייערע צייטונגען. אבער וואס לייגנער זייער טריין איז געשטאנען, אלץ מעהר איז געוואקסען זייער אומגעדולד. ביי די מעהרסטע זיינען די צייטונגען ארויסגעפאלען פון די הענט, און ס'איז געווארען טויט-שטיל. די לופט איז געווען אזוי אנגעפילט מיט אויפ־רעגונג, אז עס האט זיך גערוכט, אז דאס ערשטע אונפאסיגע ווארט, וואס וועט ארויסגעזאגט ווערען פון אימעצענ'ס מויל, וועט פאראורזאכען אן אויפרייס.

און אין אט דעם מאמענט פון העכסטער אויפרעגונג האבען זיך פלוצלונג דערהערט די שטימען פון צוויי אידען, וואס האבען געפיהרט א געשפרעך הויך אויפ'ן קול וועגען זייערע ביזנעס, און דערצו נאך אין א שרעקליך צוקאלעטשעטען ענגליש. איינער האט געזוכט דעם אנדערען עפעס צו פארקויפען, און טאקע דא, אויפ'ן עלעוויטעד. ס'האט זיך געהאנדעלט וועגען ריעל-עסטייט, מארטגעדזשעס אין פראפערטי אין די צעהנדליגער טויזענדער דאלערס. איינער האט זיך געקליגט צו זיין כיטרער פון דעם צווייטען. מען האט געמאכט האסטיגע באוועגונגען מיט די הענט, און מען האט זיך געהאלטען פאר די לאצען. און דאס אלץ איז געטאן געווארען פאר די אויגען פון די אויפגערעגטע און נערוועזע פאסאזשירען. די גויאישע פאסאזשירען האבען זיך שטיל דורכגעווארפען מיט בליקען און געשמיי־כעלט גיפטיג אונטער די וואנצען. ביי די אינטעליגענטערע אידישע פאסאזשירען

האָבען די פּנים'ער געפלאַמט פאַר שאַנד. עס האָט זיך געוואָלט צוגעהען צו די צוויי ריעל־עסטייטניקעס און זאָגען: „פאַרשיווע אַלרייטניקעס, הערט אויף צו וואַרפען זיך מיט אייערע טויזענדער, און, אום גאָטעס ווילען, הערט אויף איבער־הויפּט צו ריידען אַזוי הויך, ווייל איהר זייט עס די, וואָס ברייגגען שאַנד דעם אידישען פאָלק און אַנטיסעמיטיזם אויף דער וועלט . . .״ אָבער דאָס, נאַטירליך, האָט קיינער ניט געזאָגט. דער טרעין האָט זיך געשלעפּט ווייטער און די צוויי „אַלרייטניקעס" האָבען פאָרטגעזעצט זייער שמועס. די גוים האָבען ווייטער גע־קוקט מיט פאַר'גנב'עטע בליקען פון דערווייטענס און געשמייכעלט, און די אינטע־ליגענטערע אידישע פּאַסאַזשירען זיינען געזעסען אין געהאַקטע וואונדען און זיך געוואונשען, אַז דער טריין זאָל וואָס שנעלער דערגרייכען זייער סטיישאָן און זיי זאָלען קענען וואָס גיכער פון איהם אַרויסשטייגען.

מיט אַ געוויסער צייט שפּעטער איז מיר אויסגעקומען דורכצומאַכען אַ לאַנגע רייזע. איך בין געפאָהרען קיין איירָאפּא, אויף אַ שיף, און אין ערשטען קלאַס. די מעהרסטע פּאַסאַזשירען זיינען געווען קריסטען. אָבער עס זיינען אויך געווען אידען.

צווישען די אידען אין דעם ערשטען קלאַס זיינען געווען פאַרשידענע טיפּען: עס זיינען געווען אַריסטאָקראַטישע אידען, און אַזעלכע אידען, וואָס ציהען אויף זיך אַרויף דעם אַריסטאָקראַט מיט געוואַלד. עס זיינען געווען אידען וואָס מען קען קוים דערקענען, אַז זיי זיינען אידען, און אויך אַזעלכע, וואָס באַמיהען זיך שטאַרק, אַז מען זאָל אין זיי דעם אידען ניט דערקענען. עס זיינען אָבער אויך געווען אַזעלכע, וואָס צי זיי ווילען יאָ צי זיי ווילען ניט, וועט איהר זיי פון דער־ווייטענס דערקענען, אַז דאָס זיינען ניט נאָר אידען, נאָר טאַקע „אַלרייטניקעס". די דאָזיגע אידען זיינען אַזוי ווי פון איין פורעם אויסגעגאָסען. די מעהרסטע פון זיי—קורצע, גראָבע, אָנגעגאָסענע, מיט פעטע הענט, מיט גאָלדענע, גרויסע זייגערס וואָס הייגגען אויף שווערע גאָלדענע קייטען, און „האַוואַנאַ" ציגאַרען אין די מיילער.

מיין אויפמערקזאַמקייט האָט ספּעציעל געצויגען אַ געוויסער טישעל, אין עס־צימער פון שיף, פּונקט אַנטקעגען מיר, וואו עס איז געזעסען אַ גאַנצע גרופּע פון אָט אַזעלכע אידען. ביים עסען האָט מען יעדען פּאַסאַזשיר סערווירט צוויי קליינע זעמעל (ראָלס) צוגעדעקט מיט אַ שנעע־ווייסער נעפּקין. האָב איך באַמערקט, אַז כמעט יעדען מאָל וואָס מען פלעגט זיך זעצען עסען, פלעגט איינער פון די „אַל־רייטניקעס" ביים אַנטקעגענדיגען טישעל אַוועקכאַפּען אַלעמעס זעמל, זיי מאָ־מענטאַל איינשלינגען, און שרייען צום באַדינער, וועלכען אַלע אויפ'ן שיף רופען „סטוערד": „העי, וועיטער, גיוו אַס סאַם מאָר ראָלס, וויל יע?" דערביי פלעגט דער שרייענדער „אַלרייטניק" ווינקען וואויל־יונגעריש מיט איין אויגעל צו די אַרומיגע פּאַסאַזשירען, וואָס פלעגען זיך ניט ווילענדיג אומדרייען מיט די קעפּ צו איהם און אויף איהם קוקען ווי אויף אַ בייז־וואונדער, און שטיל שמייכלען דערביי. דער „סטוערד" פלעגט, נאַטירליך, שנעל ברענגען אַנדערע ראָלס, און

דער „אַלרייטניק“ פּלעגט ווידערהאָלען זיין גרויסע חכמה און ווידער שרייען: „העי, וועיטער!“

איינמאָל, ווען אַזאַ זאַך האָט פּאַסירט, איז דער „העד־סטועוּרד“ צוגעלאָפן אַן אויפגערעגטער צום טישעל פון די „אַלרייטניקעס“. ער האָט אָפּגערופן אַן אַ זייט דעם „סטועוּרד“ וואָס האָט זיי באַדינט און אַלע האָבן געקענט באַמערקן, אַז ער האָט איהם געמאַכט אַ פאָרוואורף פאַר׳ן כסדר׳דיגען געהען נאָך ראָלס אין קיך. אָבער נאָכדעם ווי דער „סטועוּרד“ האָט איהם איינגערוימט אַ סוד אין אייער, איז דער „העד־סטועוּרד“ אַ ווײַלע געבליבן שטעהן ביים טיש, האָט גוט באַטראַכט די „אַלרייטניקעס“, האָט אַ שמייכעל געטאָהן און איז אוועקגע־גאַנגען. פון דאַן אָן האָט שוין דער „סטועוּרד“ צו דעם דאָזיגען טישעל פאַר יעדען מאָהלצייט געבראַכט אַ גרויסע שיסעל מיט ראָלס.

נאָכ׳ן עסען האָט מען סערווירט פרוכט און ניס. צווישען די פאַרשידענע פרוכטען אויפ׳ן טאַץ זיינען אויך געווען וויינטרויבען און אַ שערעלע, אַזוי אַז ניט דוקא אַ געבוירענער אריסטאָקראַט האָט געקענט פאַרשטעהן, אַז דאָס שערעלע ווערט גענעבען צום שניידען די וויינטרויבען פון די צווייגעלעך. אָבער טראָץ דעם פלעגט איינער פון דער גרופּע „אַלרייטניקעס“ שטענדיג אַ כאַפּ טאָהן אַ „באָנטש“ וויינטרויבען אין איין קולאַק, און אין צווייטען פלעגט ער אריינשפּייען די שאָלעכץ. אַן אַנדער חברה־מאַן פון דער גרופּע פלעגט, עסענדיג זיין פּאַמעראַנץ, שטענדיג לאָזען רינען דעם זאַפט איבער זיינע פינגער, וואָס זיינען געווען כמעט אין גאַנצען פאַרדעקט מיט דימענטען.

פרוכט, פונקט אַזוי ווי אַנדערע סאָרטען שפּייז, איז נאַטירליך געווען איבער־גענוג. און דאָך פלעגט איינער פון דער דאָזיגער גרופּע, יעדען מאָל נאָכ׳ן עסען, אָנשטאָפּען זיינע קעשענעס מיט עפּעל און באַרען. און אַז איך האָב איהם איינ־מאָל אויף אַ גוטמוטיגען אופן געזוכט צו ערקלערען, אַז עס איז ניט שעהן צו שטאָפּען פרוכט אין די קעשענעס, ווייל ערשטענס, עסט ער גענוג ביים טיש גופא, און צווייטענס, קען ער צו יעדער צייט באַשטעלען, אַז מען זאָל איהם ברענגען אין זיין צימער אַזוי פיעל פרוכט ווי ער וויל נאָר, האָט ער מיר געענטפערט מיט דער פאָלגענדער חכמה: „איך האָב פיינט צו נעהמען „טשענסעס“. און אגב צאָהל איך גענוג פאַר מיין שיפס־קאַרטע“.

אויף די טישען, אין עס־צימער, האָט מען צו יעדען מאָלצייט די פּאַסאַזשירען געגעבען אַ ניי־געדרוקטע „מעניו“ (שפּייז־קאַרטע). אָבער אויף לייענען די דאָזיגע „מעניו“ זיינען די „אַלרייטניקעס“ דוקא נישט געווען קיין עקספּערטען. איינמאָל איז אויף דער „מעניו“ געווען אָפּגעדרוקט דער פאָלגענדער מאכל: „פרעש סאוטה העמפּטאָן פיש“, האָט זיך איינער פון די „אַלרייטניקעס“ קיין סך ניט מיישב־געווען און האָט הויך אויפ׳ן קול באַשטעלט: „פוירסט אָוו סעפּטעמבער פיש“.

אויסער דעם גרויסען דייניגג רום זיינען דאָ פאַר דער באַקוועמליכקייט פון די ערשטע קלאַס פּאַסאַזשירען נאָך עטליכע געראַמע צימערען. ס׳איז דאָ אַ ביב־

ליאָטעק, אַן אָפּרוה־צימער, און אַ צימער צום רויכערען (סמאָוקינג רום). די מעהרסטע פּאַסאַזשירען פּלעגען פאַרברייגגען זייער צייט אין „סמאָוקינג־רום". דאָרט זיינען דאָ ווייכע שטולען און מען קען אויף אַ זעהר באַקוועמען אופן זיך אָפּרוהען. דאָרט שמועסט מען, דאָרט טרינקט מען, און דאָרט, ווער עס וויל, שפּילט אין קאָרטען. די פּאַסאַזשירען, וואָס רויכערען, האָבען אויך ליעב צו לייענען. אָבער דאָס אַלץ ווערט געטאָהן אויף אַ זעהר רעפּאַנירטען און שטילען אופן.

זונטאג אינדערפריה האָט מען אַנאָנסירט, אַז אין עס צימער פון צווייטען קלאַס, וועט אָפּגעהאַלטען ווערען אַ קריסטליכער גאָטעס־דינסט, און אַלע וואָס ווילען „דאַווענען", זיינען געלאַדען. יענעם זונטאג אינדערפריה בין איך מיט נאָך עטליכע אידען געזעסען אין „סמאָוקינג־רום". צוזאַמען מיט אונז האָבען זיך דאָרט אויך געפונען אַ היפּש־ביסעל קריסטען, וואָס זיינען צו דעם גאָטעס־דינסט ניט געגאַנגען. זיי אַלע האָבען ענטוועדער שטילערהייט געלעזען אָדער גערויכערט. הגם זיי אַליין האָבען ניט אַנטיילגענומען אין דער רעליגיעזער צערעמאָניע, וועלכע איז דורכגעפיהרט געוואָרען ערגעץ אין דעם צווייטען קלאַס, האָבען זיי אָבער מיט זייער שטיל־שווייגען און רוהיגער באַנעהמונג אויסגעדריקט אַ געוויסע מאָס טאָלעראַנץ צו זייערע מעהר רעליגיעזע ברידער, וואָס האָבען געדאַווענט אין צווייטען קלאַס. אין דעם דאָזיגען מאָמענט פון טאָלעראַנץ און רוהיגקייט האָט איינער פון די „אָלרייטניקעס", וועלכער האָט זיך געפונען אויפ'ן דעק, פּלוצלונג אַריינגערוקט זיין קאָפּ דורך איינער פון די קיילעכדיגע פענסטער פון „סמאָוקינג־רום" און האָט אַריינגעשריען צו זיינעם אַ חבר, וועלכער איז געווען אינווייניג: „מר. כּאַלאמאַן, „אַי עם גאָאינג צו דהי סעקאָנד קעבינעט (קעבין)". דאָס איז געווען אַ וויציגע אָנצוהערעניש, אַז ער, דער „אָלרייטניק" געהט כלומרשט צו דעם קריסטליכען גאָטעס־דינסט. זיין וויץ האָט אונז אַלעמען געטראָפען ווי אַ דונער. זיין גראָב־פאַרגרייזטער ענגליש, זיין שווידערליך־שלעכטער אַקצענט און זיין טאַקטלאָזער וויץ האָט אונז אַלעמען אַזוי ווי פּאַראַליזירט. אַלע אַנוועזענדע האָבען זיך שנעל דורכגעוואָרפען מיט פאַרשעמטע בליקען און האָבען אַרונטערגעלאָזען זייערע קעפּ. אין „סמאָוקינג־רום" איז געוואָרען נאָך שטילער ווי פריהער. אַ לאַנגע צייט נאָך דער פּאַסירונג האָב איך יענעם אידען פּשוט אין די אויגען ניט געקענט קוקען.

אין אַ געוויסען אָוועגט איז אַ גרופּע קריסטליכע פּאַסאַזשירען געזעסען אין „סמאָוקינג־רום" און געשפּילט אין קאָרטען. געהט צו איינער פון מיינע „אָלרייטניקעס" צו יענעם טישעל און ווענדט זיך צו זיי בזה הלשון: „דזשענטעלמענס, אַר יו פּלייאינג פּויקער?" אַלע קאָרטען שפּילער ביי יענעם טישעל האָבען דעם „אָלרייטניק" אָפּגעמאָסטען מיט אַ מאָדנער פאַראַכטונג, אָבער קיינער פון זיי האָט איהם אויף זיין פראַגע ניט געענטפערט. דאָס, פון דעסטוועגען, האָט איהם ניט געשטערט צו בלייבען שטעהען ביים טישעל אַ לייגגערע צייט און אַריינוואַרפען עטליכע באַמערקונגען וועגען דער „געים". און ענדליך, ווען ער איז פון דאָרטען

אוועק, האָב איך געהערט די שפּילער זאָגען איינער צו דעם אַנדערען: „וואָס פאַר א שמוציגע פּעסט דאָס איז!", „וואָס פאַר אַ חוצפּה אַ מענש האָט עס!" און אַזוי ווייטער און ווייטער. ווי אַזוי איך און די אַנדערע אידען, וואָס האָבען בייגע־וואוינט די סצענע, האָבען געפיהלט, איז איבעריג צו זאָגען.

מיט איינעם פון די „אַלרייטניקעס" איז מיר אויסגעקומען צו פאָהרען אין אַן „אָמניבוס" אין לאָנדאָן. ווען דער קאָנדוקטאָר איז צוגעקומען נאָך „פעיר" האָט איהם מיין „אַלרייטניק" געגעבען אַ שילינג, און דער קאָנדוקטאָר האָט איהם צוריקגעגעבען טשיינדזש עטליכע, גרויסע ענגלישע, קופּערנע מטבעות. רופט זיך אָפּ מיין „אַלרייטניק", און טאַקע ווידער אויף זיין שטייגער, הויך אויפ'ן קול: „טסאַ שעים, סאַטש עי ניים קאָונטרי לייק לאָנדאָן, שוד העוו סאַטש עי ראַטען מאָני". אויך דאָ האָט מיין פּנים זיך אָנגעצונדען פאַר שאַנד. אָבער איך האָב געהאַט איין טרייסט: איך האָב געהאָפט, אַז זייער ווייניג פון די לאָנדאָנער גוים האָבען בכלל פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געזאָגט. אמת, אַלע ארומיגע פּאַסאַ־זשירען האָבען אויף איהם געוואָרפען נייגעריגע בליקען, אָבער איך גלויב, אַז דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס ער האָט אַי גערעדט און אַי אויסגעזעהען ווי אַ בער.

איך האָב מיין „אַלרייטניק" ווידער געטראָפען אין בערלין. דאָרטען האָט ער זיך גאָר געפיהלט ווי אַ פיש אין וואַסער. אַ קלייניגקייט, דייטש! דאָס איז דאָך אַ שפּראַך וואָס ער רעדט ווי אַ וואַסער. איך קען ניט זאָגען, אַז פון מיין באַגעגעניש מיט'ן „אַלרייטניק" אין בערלין בין איך געווען זעהר צופרידען. דאָך, אַן אמעריקאַנער איד, איך בין מיט איהם געפאָהרען אויף איין שיף, האָב איך מיט איהם געכאַפּט אַ קורצען שפּאַציר. אָבער אויף דעם קורצען שפּאַציר וואָס מיר האָבען צוזאַמען געמאַכט, האָט ער מיר דוקא געוואָלט ווייזען זיין דייטשע קענט־שאַפט און ער האָט פאַר מיר געלייענט די דייטשע סיינס וואָס זיינען געהאָנגען איבער די פאַרשידענע געשעפטען. און געטאָהן האָט ער דאָס אויף זיין שטייגער, הויך אויפ'ן קול, אַז אַלע ארומיגע האָבען געקענט הערען. אמת, איך אַליין בין אויך ניט קיין עקספּערט אויף דייטש, אָבער ווען איך האָב דערהערט ווי אַזוי ער לייענט די סיינס, האָב איך זיך מיט איהם שנעל געזעגענט און אַנטלאָפען אַזוי שנעל ווי מיינע פיס האָבען מיך געטראָגען.

דער איינדרוק פון יענער גרופּע אידישע „אַלרייטניקעס" פון 16 יאָהר צוריק איז געבליבען איינגעקריצט ווי מיט אַ שאַרפען מעסער אין מיין זכרון, און אויך אין מיין — געפיהל.

איך קען נאָך ביז צום היינטיגען טאָג ניט „אויסשוויצען" פון מיינע נערוועז אַן אומרוהיגען געפיהל, כמעט אַן איבערצייגונג, וואָס יענע גרופּע „אַלרייטניקעס" האָבען אין מיר איינגעפלאַנצט. דאָס געפיהל איז, אַז אַט דער טיפּ „אויך־אידען בויך־אידען" איז איינע פון אונזערע גרעסטע מכות אין אַמעריקע, ווייל וואו ער קומט, פאַרשפּרייט ער ארום זיך די באַצילען פון אומפריינדליכקייט צו אידען.